STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02117

DI ZAYLEN FUN DER NAYER IDISHER LITERATUR

Joel Entin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די זוילען

פון דער

נייער אידישער ליטעראַטור

(נײַן לעקציעס וועגען מענדעלי מוכר־
ספרים, שלום עליכם און י. ל. פּרץ)

— פון —

יואל ענטין

ארויסגעגעבען פון
אידיש־נאַציאָנאַלען ארבייטער פאַרבאַנד
228 איסט בראַדוויי, ניו יאָרק, נ. י.

1923

מענדעלי מוכר־ספרים

ערשטע לעקציע: — מענדעלי, דער פאטער פון דער נייער אידישער ליטעראטור. — די השכלה בכלל און מענדעלי'ס השכלה בפרט. — מענדעלי דער באשאפער פון דער ליטעראַרישער אידישער שפּראך. — מענדעלי דער מגיד און זיין מגידי'שער סטיל.

(**לייענען:** מענדעלי מוכר־ספרים: „שלמה ר' חיים'ס", „דאס קליינמענטשעלע", „די טאקסע" און „דער פּריזיוו". — דר. מ. פּינעס: „די געשיכטע פון דער אידישער ליטעראטור", ערשטער טייל, קאפּיטעל וועגען מענדעלי'ן; י. ח. ראבניצקי: „שלום יעקב אבראמאוויטש", אין ערשטען באנד פון דער יובילייאום אויסגאבע פון מענדעלי'ס ווערק; ש. ניגער: „שלום יעקב אבראמאוויטש", אין באנד 17—15 פון דערזעלבער אויסגאבע.)

אנווענדען אויף מענדעלי מוכר־ספרים דעם מאסשטאב וואס מען ווענדט אן אויף מאדערנע ליטעראטען און ליטעראטור איז אן אומזין. דאס וואלט פונקט אזוי קלוג געווען ווי צוצוטרעטען מיט אונזערע מאדערנע קריטישע קליפּערגעצייג צום תנ"ך, צום מדרש איכה רבתי, צו האמער'ס „איליאדע", אדער אפילו צו מילטאנ'ס „פארלארענער גן־עדן", די געוויינטלאכע ליטעראַרישע מאס איז פאר מענדעלי'ן צו קליין. מענדעלי שטייט איבער דער ליטעראטור.

ער איז ניט געווען קיין ליטעראט לשמה. ער האט ניט געשריבען כדי מענשען צו אמוזירען, אויך ניט (מיט דער אויסנאם פון „פּישקע דער קרוימער") כדי פאר זיי דאס לעבען צו שילדערען. זיינע כונות זיינען גאר אנדערע געווען. ער איז געווען א לערער, ער איז געווען א מגיד און א נביא פון דעם גלויבען פון די בעסטע אידען פון די זעכציגער יארען — די השכלה. אינאיינעם מיט אים האבען אנדערע צוויי גרויסע אידען געלעבט און געווירקט: דער קעלעמער מגיד און חיים רומשינסקער. דער לעצטער איז געווען א מאדערניזירטער מגיד, א בעל־דרשה מיט א „וויים הארץ" און גערעדט האט ער פון אידישקייט אין איינקלאנג מיט'ן גייסט פון דער צייט, קורץ, א משכיל־מגיד. דער ערשטער איז גוואלדיג רעליגיעז געווען, דער אמת'ער וועקער, דער אמת'ער שטראפער. מענדעלי איז צווישען די צוויי געשטאנען: רומשינסקער'ס גלויבען, דעם קעלעמער'ס ריזיגע קראפט.

וואס וואלטען מיר ניט געהאט, ווען אימיצער וואלט שבל געהאט און דעם קעלעמער מגיד'ס דרשות פארשריבען? עס וואלט אן אוצר פון

אידיש, א גאָלד־גרוב פון פּאָעזיע געווען. אָבער נאַריש וואָלט עס געווען, צו דעם קעלעמער מגיד'ס דרשות דעם אַרשין פון ליטעראַטור־קריטיק צוצו־לייגען, כאָטש די פרומע, פייערדיגע דרשות וואָלטען עס אויף טריט און שריט געוויס אַנטהאַלטען.

מענדעלי איז לכתחלה אַ משכּיל'יש־סאַטירישער פּובליציסט, אַ שרייבענדער חיים רומשינסקער געווען. אַ גרויסער טייל פון זיינע שריפטען, דאָרט וואו דער פּובליציסט איז בלויז אַ פּובליציסט, איז, אחוץ פון שטאַנדפּונקט פון שפּראַך און היסטאָריע, איצט גאַנץ ווערטלאָז. מען קען די צווייטע העלפט פון „קליינמענשעלע", די העלפט וואָס דערציילט פון איסר וואָרגער'ס גדולות און גיט איבער יצחק אברהם תקיפ'ס עצות און כללים, פּשוט נעמען און פאַרברענען. אָבער די שילדערונגען פון יצחק אברהם תקיפ'ס קינדהייט, פון זיינע גלגולים אין פסקים, פון תלמוד־תורה, פון חדר, פון קראָם, וכדומה, זיי זיינען די ביבעל פון אונזער ליטעראַטור. זיי געהערען נאָך עד היום צו אונזער בעסטע.

מענדעלי האָט אונזער ליטעראַטור איר אָנהויב געגעבען, איר פונדאַמענט פעסט און זיכער אַוועקגעלייגט. מיט בעל־הביתי'שער רואיקייט און באַוואָרעניש. ער האָט אויסגערעכענט, אַז עס קענען קומען געוויסערען און דעם „פּאַדמור" אַראָפּטראָגען; אַז עס קענען קומען שטורעמס און איבאייגוואָרפען; אַז עס קענען קומען פראָסטען און ווינטען און דורך די שטיינערנע שפּאַרינעס זייער קאַלטען אָטעם אַריינצישען. האָט ער דעם פונדאַמענט פון פעסטע ציגעל און ליים געבויט און צווישען איין שטיין און דעם צווייטען און איין ציגעל און דעם אַנדערען נאָך מאַך אַוועקגעלייגט, עס זאָל אין שטוב אפילו אין די גרעסטע קעלטען, וואַרים זיין.

און דורך זיין בעל־הביתי'שען אויג און זיין גרונטאַוונער באַוואָרעניש איז אונזער ליטעראַטור אַ בנין עדי עד געוואָרען.

מענדעלי האָט זיך מער פון אַלץ מיט'ן פונדאַמענט אָפּגעגעבען. איז עס טאַקע אַ פונדאַמענט אייזענפעסט.

ראשית האָט מען פאַר דער ליטעראַטור אַ שפּראַך באַדאַרפט. ווייל פריער איז אַזוינס אייגענטלאַך ניט געווען. עס איז געווען, אָבער צעזייט און צעשפּרייט אין לעבען, אין מויל פון פאָלק. אין דער ליטעראַטור אָבער איז געווען אַ געמיש, געשוואָלען, אַז זאַפט, אַז מאַרך איז די ביינער, אַז יענעם גע'ירש'ענטען חיות וואָס מאַכט אַ שפּראַך פאַר אַ שפּראַך.

און גליקלאַך איז אונזער ליטעראַטור געווען דערמיט, וואָס זי האָט מענדעלי'ן פאַר איר שפּראַך־מייסטער געקראָגען. ער האָט פאַרשטאַנען דעם סוד, ווי אַזוי אין גייסט פון דער שפּראַך ווייטער צו דיכטען. ער איז אַריין אין סאַמע האַרץ, וואו דער פאָלקס־זשעניע האָט אונזער שפּראַך געשמידט, און האָט פון אים די געצייג, דעם שטאָף און דעם סוד געבאָרגט. ער האָט, ווען ס'איז נויטיג געווען, נייע ווערטער באַשאַפען. אָבער ער האָט זיי אַז אַלט־אידישען שטאַם אָנגעהאָנגען. ער האָט נייע ווערטער צוגעגעבען, אָבער ער האָט זיי אַזוי אידיש־חנ'עוודיג פאַרפּוצט, אַז דאָס פאָלק האָט זיי אַז

שאלות פאר היימישע אנגענומען. ער איז אן אויפטוער, אז אויסטראכטער געווען, אבער אן דעם פעדאנטישען שיק און אן דער אקאדעמישער פוריע און ער האט א ספאנטאנע, לייכטע און פלאסטישע שפראך געשאפען.

דערנאך האט אונזער ליטעראטור פאטאס, יום־טוב׳דיגקייט, א געהויבענעם טאן באדארפט האבען. די טראגעדיע פון אונזער ליטעראטור האט מיט א גרויסארטיגער אווערטיורע, מיט א גראנדיעזען מארש געזאלט אויפגעשפילט ווערען. און מענדעלי האט זיך גענומען צו הילף דעם אלטען הארציגען אידישען בעל־תפלה, דעם פייערלאכען חתונה־„דאברידזשין“, דעם וואלד, דעם וואלד־שטורם, דעם סאלאווי. ער האט דעם אלטען תהלים׳דיגען גאט מיט זיינע דונערען און בליצען זיך צו הילף גענומען. ער האט די ברייטשאלענדע טענער פון דער אידישער היסטאריע גענומען. און אזוי האט ער דעם פאטאס, דעם יום־טוב, דעם הויכען טאן פון אונזער ליטעראטור געשאפען.

וואס א שטייגער וואלט געווען די אלט־גריכישע ליטעראטור אן איר „איליאדע“, די ענגלישע אן איר „מאקבעטה“, די שפאנישע אן איר „וואונדערבארען צויבערער“? און וואס וואלט אונזער ליטעראטור אן דער „קליאטשע“ אדער אן די קאבצאנסקער אלול־בילדער געווען?

° * °

מענדעלי איז געווען א משכיל, מיט דער ערציאונג און שטרעבונגען פון די משכילים. די משכילים זיינען געווען ראציאנאליסטען, דאס הייסט, זיי האבען געשטרעבט צו פארוועלטלאכען דאס אידישע לעבען, אפטיילען עס פון גלויבען, אוועקרוקען עס פון קלויז און בית־המדרש, רעפארמירען עס אזוי, אז עס זאל האבען א לייטיש־אייראפייאיש פנים. דאס, קורץ גערעדט, איז געווען די קווינט־עסענץ פון דער השכלה־באוועגונג, וועלכע, אנהויבענדיג זיך אין דייטשלאנד אין סוף אכצענטען יאר־הונדערט, איז זי פון דארט אריבער קיין גאליציע, ליטע, פוילען און אוקראינע, אנהאלטענדיג, אין די לעצטע דריי מדינות, ביז דעם סוף זיבעציגער און אנהויב אכציגער יארען.

די משכילים, דערהויפט די רוסישע, זיינען אבער ניט געווען קיין דורכאויס טעאריע־מענשען. פארקערט, די מייסטע פון זיי האבען געקעמפט אויף א פראקטישען וועג, וועלענדיג ברייגנען נוצען זייער פאלק. זיי האבען געוואלט איינפירען ביי אידען אזעלכע רעפארמעס, אז עס זאל זיי זיין גרינגער, פרייער צו לעבען אויף דער וועלט. זיי זיינען אלזא געווען אוטיליטאריאנער, ד. ה. מענשען וואס אין זייערע לערעס און קאמף האבען זיי געשטרעבט נאך פראקטישע נוצען.

מער פון אלעמען איז עס געווען אונזער אבראמאוויטש — מענדעלי. אין דער צייט וואס ביי אנדערע האבען אנדערע זאכען, ווי פרייהייט פון געדאנק, רעפארמאציע פון גלויבען, שיינקייט און עסטעטיק געשפילט זייער א גרויסע ראלע, איז ביי אבראמאוויטש׳ען דער עיקר געווען נוצען. אבראמאוויטש פירט ניט, אזוי ווי אנדערע משכילים, קיין ספעציעלען קאמף דערפאר, אז אידען זאלען זיך, למשל, לערנען דקדוק און העברייאישע ליטעראטור. נאטירלאך איז ער פאר דעם, אבער קיין וועזען מאכט ער דערפון ניט.

אבראַמאָוויטש'ס שטרעבונג נוצלאך צו זיין האָט אים געמאַכט פאַר'ן פילזייטיגסטען פּאָפּולאַריזאַטאָר צווישען אַלע משכילים, סאַי די, וואָס האָבען געשריבען העברייאיש און סאַי די וואָס האָבען געשריבען אידיש. אַזוי האָט אבראַמאָוויטש אויף העברייאיש צוזאַמענגעשטעלט אַ גרויס ווערק איבער נאַטור־וויסענשאַפט און אויף אידיש אַ פּאָפּולער ביכעל, אין דער פאָרמע פון אַ ראָמאַן, איבער'ן לופט־באַלון (אחוץ נאָך אייניגע ווערק פון דעם סאָרט). אַזוי האָט ער זיך אויסגעאַרבעט זיין אייגענע שפּראַך, סאַי אויף העברייאיש און סאַי אויף אידיש, אַ שפּראַך, וואָס האָט געזאָלט דערגרייכען דעם פּאָל־גענדען דרייפאַכיגען ציל: זי האָט באַדאַרפט זיין פּינקטלאך און גענוי: זי האָט באַדאַרפט זיין פּאָפּולער, לייכט פאַרשטענדלאך: זי האָט באַדאַרפט זיין געשפּרעכלאַך, ד. ה. אַזוי נאַטירלאַך און ניט־געקינצעלט ווי עס איז דאָס אידישע געשפּרעך פון גאָס אָדער קלויז.

די העברייאישע שפּראַך פון כמעט אַלע אַנדערע משכילים האָט גע־שטרעבט דערצו צו זיין וואָס ענלאכער צו דער שפּראַך פון תנ"ך. אַ וואָרט פון די פיל־שפּעטערדיגע אַלט־אידישע שריפטען, די גמרא אָדער דער מדרש, האָט געמעגט אריינקומען בלויז זייער, זייער זעלטען. אויך האָט די שפּראַך מיט קיין רמז ניט געטאָרט דערמאָנען אויף דעם איצטיגען אידישען גע־רעדטען לשון. אבראַמאָוויטש'ס העברייאישע שפּראַך און סטיל גייען אין דעם וועג פון תלמוד און די מדרשים, צופּאַסענדיג זיך דערמיט צו דער קענטעניש פון דעם שול־אידען, פון דעם אידען וואָס קומט אין שול אריינ־קוקען אין אַ פרומען ספר, אָבער ער ווייס ווייניג פון די „נייע" תורות (תנ"ך, דקדוק), וועלכע די משכילים האָבען געלערענט. מענדעלי'ס העב־רייאישע שפּראַך און סטיל זיינען אויך שטאַרק ענלאך צו אידיש. צום אידיש פון דער גאָס.

וואָס איז שייך אידיש, איז אַבראַמאָוויטש געווען דער אייניציגער גרויסער טאַלאַנט פון דער השכלה. וואָס האָט זיך איר איבערגעגעבען מיט'ן גאַנצען הארצען. האָבענדיג אָנגעהויבען אויף העברייאיש און האָבענדיג זיך געמאַכט אַ גרויסען נאָמען אויף דערדאָזיגער שפּראַך. וואָס איז געווען דער הויף־לשון פון דער השכלה, האָט אַבראַמאָוויטש פּלוצים זיך אליין געשטעלט די פראַגעס: וועמען וועט דאָס העברייאיש שרייבען נוצען ברייננען? וואָס וועט שוין דערפון ארויסקומען? ווי וועט דאָס אַלץ גרייכען צו די מאַסען?

און אַבראַמאָוויטש האָט זיך אליין געענטפערט מיט'ן פעסטען באַ־שלוס, אָנצוהויבען אידיש צו שרייבען, אַ באַשלוס וועלכען ער האָט אויך באַלד (פרי אין די זעכציגער יאָרען) אָנגעהויבען אויסצופירען. אין דער צייט ווען אַנדערע באַרימטע העברייאישע שרייבער פון יענער צייט (י. ל. גאָרדאָן און אברהם בער גאָטלאָבער, למשל) האָבען געשריבען אידיש עפּעס ווי אויף שפּאָס, אָדער כלאחר יד. עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך געשעמט צו קאָמפּאָנירען מיט דער „דינסט" — ווי די העברייער האָבען דאַמאָלס די אידישע שפּראַך גערופען, — האָט אַבראַמאָוויטש זי אונטער'ן אָרים

גענומען און מיט איר פראנק און פריי אויפ'ן ליטעראַרישען מאַרק ארויסגעשפּאַצירט.

דער שטרעבען צו נוצלאכקייט האט אים באוואויגען העברייאיש אויף אידיש צו פארבייטען (ערשט אין פיל יארען ארום האט זיך אבראמאוויטש צו העברייאיש אומגעקערט, אי דאס האט ער יענע יארען וויינינ נייע זאכען געשריבען, באנוגענענדיג זיך מייסטענטיילס מיט איבערזעצען אדער טייל־וויים באַארבעטען זיינע אידישע ווערק אויף העברייאיש). און דערדאַזיגער שטרעבען האט אים אויך געלערענט אויסצואַרבעטען זיך א לייכטע, פאָפּולערע, ניט־געצאַצקעטע, שיר־ניט גאַסיגע שפּראַך. זיין אידישער סטיל איז, צווישען אַנדערעס, אויך דער סטיל פון א פּאָפּולאַריזאַטאָר. אָפּט שטעלט ער זיך אָפּ און פארטייטשט זיך ווערטער. שרייבענדיג ווי מען רעדט, האלט ער ניט פון פאסען זיך קורץ. ער חזר'ט איבער זיין געדאַנק נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, זאָגט אים ארויס מיט פארשיידענע ווערטער. צעקייט אים און לייגט אים דעם לעזער אין מויל אריין. ער לערענט מיט'ן עולם אָט ווי א פראָסטער רבי פון א בעל־מלאכה'שען בית־מדרש'ל. אבראַמאָוויטש'ס פּאָפּוליזאַטאָרישקייט זעט מען אפילו ארויס פון דעם ווי ער לייגט אויס פיל העברייאישע ווערטער, וואָס זיינען זייט דורות אריינגעשמאָלצען געוואָרען אין דער אידישער שפּראַך. אַזעלכע ווערטער ווי „געהאַרגעט“, למשל, כאָטש זייער אָפּשטאַמונג איז פון העברייאיש, לייגט מענדעלי אויס אויף אידיש.

ווי שוין געזאָגט, איז מענדעלי געווען זייער א פּראַקטישער משכיל. אַלס אַזאַ גורט ער ניט אָן זיינע לענדען קעגען דעם „פאַנאַטיזם פון דער אידישער גאַס“, פירט ער ניט קיין מלחמה פאַר בילדונג אין דעמזעלבען אַבסטראַקטען זין, ווי אַנדערע משכילים האָבען עס געטאָן. מענדעלי איז פיל מער באַשיידען. קריטיקירענדיג די תלמוד־תורה, באַקעמפט ער זי פונדעסטוועגען ניט אַז־און־פאַר־זיך: ער וויל נאָר אַז זי זאָל זיין ריין אויסערלאַך, אַז עס זאָל אין איר זיין א בעסערער סדר־הלימוד, אַז דאָס אידישע קינד זאָל אין איר אויך לערנען א מלאכה. העכסטענס זאָלען אין איר פּראָגראַם אויך אריין די סאַמע עלעמענטאַרסטע וועלטלאַכע ידיעות.

אבראַמאָוויטש פירט ניט קיין רעליגיאָנס־מלחמות אין זיינע שריפטען. דער גרויסער העברייאישער ראָמאַניסט און עססייאיסט, פּרץ סמאָלענסקין, א שטייגער, האָט געזען א גרויס אומגליק אין דעם חסידיזם און ער האָט אים באַקעמפט מיט זיין שווערסטער אַרטילעריע. אבראַמאָוויטש לאָזט די חסידות אייגענטלאַך צו־רו, באַנוגענענדיג זיך מיט געבען איר א פּאָר לייכטע, כמעט ווי גוטמוטיגע שטעך.

אבראַמאָוויטש איז געווען א קינד פון אָרימען פאָלק. ער האָט ארומגעוואַנדערט צווישען די נידעריגסטע און דערשלאָגענסטע אידישע מאַסען. ער האָט זיך צוגעקוקט צו זייער לעבען גרינטלאַכער איידער ווער עס איז, און ער האָט געזען אַז דאָס פאָלק נויטיגט זיך ניט אַזוי אין בילדונג, ווי אין א שטיקעלע ברויט, א פּעדימעל פליישׁ. ער האָט געזען, אַז ניט פון די גוטע אידען ליידעט דאָס פאָלק אַזוי שרעקלאַך, נאָר פון די קהל־שטיבלאַך, פון

די „סבארשטשיקעס“, די בעלי־טאקסעס און די אלע ,כלל־פארזארגער“. ער האט געזען די דעמאראליזאציע וואס די דאזיגע פיינע בריות ברייגגען אריין אין אידישען לעבען. אין אבראמאוויטש׳ם צייטען איז נאך געגאנגען דאס בלוטיגע קאפיטעל „קאנטאניסטען“ אין דער אידישער געשיכטע, און ער שרייבט קעגען דעם מיט דעם בלוט פון זיין הארצ׳ן. די טאקסע און די קהל׳שע כנופיא — דאס זיינען די צוויי אומגליקען אין אידישען לעבען. געגען וועלכע אבראמאוויטש האט געקעמפט מיט אלע זיינע כחות. זיי באפארבען זיין גאנצע טעטיקייט.

דידאזיגע קריגס־מעלאדיע קלינגט דורך אבראמאוויטש׳ם אלע ווערק. דער עיקר איז זי דער לייטמאטיוו און טאקע דער ווּד און תוכן פון די פאלגענדע דריי: „דאס קליינמענשעלע“ (1864), „די טאקסע“ (1869) און „דער פריזיוו“ (1884).

אין „דאס קליינמענשעלע“, מענדעלי׳ס ערשט ווערק אויף אידיש (צו וועלכען איך וועל זיך נאך אומקערען אין דער צווייטער לעקציע), זעט מען אמשטארקסטען ארויס דעם משכיל, ד. ה. דעם פריידיגער, דעם פראפאגאנדיסט. עס ווילט זיך דיינקען, אז כאטש דאס בוך האט לפנים א בעלע־טריסטישע פארמע, האט עס אבער, אין דעם מחבר׳ס ערשטער מחשבה, מער ווי אלץ געזאלט זיין א פראפאגאנדע־שריפט, א היינט־וועלטיג מוסר־ספר׳ל קעגען די אינעווייניגסטע פירונגען פון די קליינשטעטעלדיגע אידישע קהלות און פאר אבראמאוויטשעס משכיל׳ישע אידעאלען. פון די זיבען־און־צוואנציג קאפיטלאך פון בוך, באשטייען בלויז די ערשטע פערצ׳ען פון פשוט׳ע שיל־דערונגען און האבען א ריין־דערציילערישען כאראקטער, בשעת די איבעריגע דרייצען, מיט בלויז א פאר איבעררייסען, זיינען ריין־משכיל׳שע פובלי־ציסטיק.

ווי געזאגט, איז „דאס קליינמענשעלע“ אין תוך א מגידיש מוסר־ספר׳ל קעגען די קהל׳שע פירער. און אלס אזא איז ענו קונציג פארטראכט. דאס בוך איז לפנים די אויטאביאגראפיע, די צוואה און דער וידוי פון דעם הויפט־העלד, יצחק אברהם תקיף, וועלכער, מען דארף אננעמען, איז דער טיפישער קהל׳שער אידישער פירער פון יענער צייט. עס הייסט, אז זיינע לעצטע יארען האט יצחק אברהם חרטה אויף זיינע שלעכטע מעשים און אין זיין צוואה, וועלכע ער זאגט אן מען זאל איבער׳לייענען ביים רב אין דער קורצער צווישן־צייט פון יציאת נשמה ביז דער קבורה, דאס הייסט אין דער צייט ווען חברה קדישא עסק׳ט זיך מיט דער לויה און די שטאט איז פול מיט׳ן רושם פונ׳ם טויט פון איר גרעסטען מענשען—אז אין דער־דאזיגער אומגעווינטלאך פייערלאכער צוואה הייסט ער די אידען, דערהויפט זייערע קהל׳שע פירער, ניט צו גיין אין זיינע שלעכטע וועגען.

„דאס קליינמענשעלע“ איז מגידות באלד אין אמת׳ן זין פון ווארט. שטראפענדיג די נגידים, די תקיפים, די קהל׳שע מאכערס. זעט, איר אומ־גליקלאכע מענשען, שרייט דער מגיד פון דעם „קליינעם מענשעלע“, נעמט אייך אראפ א מוסר פון יצחק אברהם תקיף. דאכט זיך, ער האט גענוג איינ־געלייגט א וועלט, גענוג אנגעזויגט זיך מיט אידיש בלוט, געווארען א גביר

אדיר, גענוג קרבנות אומגעבראכט. דריי מענשען האט ער גע׳פטר׳ט. דאס ווייב האט ער געווארפען, די הייגטיגע יונגעלייט, די „בריות“ (די משכילים) האט ער גע׳רודפ׳ט און וואס קומט שוין אים ארויס פון זיין גרויס עשירות? זעט ווי פול מיט חרטה ער איז, מיט וואס פאר א ביטער געמיט ער שטארבט דאס איצט אוועק פון דער וועלט! ער וואלט שוין איצט וועלען כאפען צוריק, אבער עס איז שוין פארפאלען. איין זאך נאר איז אים פארבליבען צו טאן — שטארבען ווי א מענש. און זעט, איר נגידים, שטארבט כאטש אויך ווי מענשען, אויב איר קענט ניט לעבען ווי מענשען.

און דער מוסר איז זייער א שטארקער, א ברענענדיגער. עס איז ידוע, אז דער קעלעמער מגיד פלעגט האבען א גרויסע פעולה אויפ׳ן עולם ווען ער פלעגט זיי ברייגגען א גרוס פון יענער וועלט, פון גיהנם. יצחק אברהם תקיפ׳ס מוסר און התראה קומען אויך פון יענער וועלט, פון טהרה־ברעט. דערפאר מוזען זיי קלינגען אזוי שרעקלאך, דערפאר מוזען זיי דערוועקען די פארשלאפענע מענשלאכע געפילען פון אלע אנדערע קהל׳שע רוצחים.

„די טאקסע“ איז נאטירלאך א קאמף קעגען דער „פלייש־קאראבקע“. דא ווערט געוויזען, ווי אזוי די „באנדע שטאט בעלי־טובות“ זיינען ארגאניזירט אויף א מערקווירדיג פעסטען אופן און ווי מערדערלאך זיי זויגען אויס דאס בלוט פון פאלק. די „ארגאניזאציע“ איז געבונדען און געקייטעלט. די הויפט מאכערס, די גבירים און די „פאפעטשיטעלעס“, די „טובי העיר“, שטייען אויפ׳ן שפיץ. אונטער זיי שטייען די קלענערע מאכטהאבער, דער בעל טאקסע, די „גלאסנעס“, די שוחטים און דיינים, און דער שתדלן, דאס הייסט דער „אדוואקאט“ פון דערדאזיגער שיינער כנופיא, דער וואס „פארשמירט א לאך“ ווען מען דארף נאר. אונטער זיי שטייען גלאט א באנדע געדונגענע בויאנעס, בילערס, מוכרים, שלעגערס, וועלכע האלטען אין צוים אלע „עזות־פנימ׳ער„ און ערלאכע מענשען, וואס בונטעווען זיך. אחוץ זיי איז דא א גאנצע כאפטע מענשען, וועלכע קוקען ארויס אויף א טובה, אויף א ביינדעל פון יענע כלל־פארזארגער און גלאט בעלי־הבתים, וועלכע ווילען מיט די קהלם־לייט ניט איינרייסען. און דער המון־עם ליידט שרעקלאך, שוידערלאך. גאנצע וואכען נאכאנאנד פארזוכען זיי, איבער דעם שווערען צינז, קיין ברעקעל פלייש ניט.

פארשטייט זיך, אז אלע מאכערס זיינען שיינע אידען, פרום ווי די שטעקענס. דאך אויף איינעם פון זיי, אויף ר׳ יודעלע שטאנדהאפט, מורמעלט מען, אז ער איז א שטיקעל אפיקורס. ער קליידט זיך א ביסעלע דייטשיש און חבר׳ט זיך לפנים מיט הייגטיגע יונגעלייט.

„דער פריזיוו“, וואס איז געקומען נאך אן איבעררייס פון גאנצע עטלאכע יאר און, דער עיקר, נאך די פאגראמען פון די אכציגער יארען, קלינגט שוין בלויז ווי אן עכא פון די פריערינגע השכלה׳שע ווערק. בשעת „די טאקסע“ האט גאר א קנאפען ליטעראַרישען ווערט און גארניט קיין דראמאטישען ווערט, פארמאגט שוין „דער פריזיוו“ עטלאכע גאנץ קענטיג געצייכענטע פארשוינען און פיל פון די געשפרעכען זיינען אזוי לעבעדיג, אז מען קען זיי שוין באלד אנרופען סצענעס. דער פראפאגאנדע־טאן איז אין

„פריזיוו“ שוין גאַנץ איינגעהאַלטען. די אַנגריפען אויף די שטאַטיגע „פיינע בריות“ מאַכען דעם איינדרוק אַזוי ווי זיי וואָלטען געקומען פון דעם מחבר׳ס אַלטער רגילות, אָדער, נאָך ריכטיגער, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען אַן אַלטע ערינערונג, וואָס האָט זיך ביי אים ערגעץ פאַרוואַלגערט.

שטאַרק אַנגעקניפּט אַז דער השכלה־באַוועגונג איז אויך אַבראַמאָוויטש׳ס גרויס ווערק „די קליאַטשע“ (1873), וועגען וועלכער עס וועט מוזען גע־רעדט ווערען באַריכות אין אַנאַנדער לעקציע. די שייכות פון דער „קליאַטשע“ צו דער השכלה איז פונקט דער היפּך פון דער שייכות צו איר פון די פריערינע ווערק. אין דער „קליאַטשע“ איז שוין אַבראַמאָוויטש ניט דער פאַרקעמפער פון דער השכלה, נאָר איר באַקעמפער. אין דער „קליאַטשע“ זאָגט אַבראַ־מאָוויטש פאָרויס דעם מאָראַלען אונטערגאַנג פון דער השכלה, א נבואה, וואָס איז אויך מקויים געוואָרען אין איינע אַכט יאָר אַרום, באַלד נאָך די ערשטע פּאָגראָמען. די רוסישע משכילים, וועלכע האָבען געהאָפט, אַז די השכלה וועט ברייננגען די אידען בירגערלאַכע גלייכבאַרעכטיגונג און סאָציאַלע גלייכשטעלונג, זיינען ביטער אַנטוישט געוואָרען דורך דעם געענדערטען קורס בנוגע צו אידען מצד דער רוסישער רעגירונג, דורך דעם רוסישען און מערב־אייראָפּייאישען אַנטיסעמיטיזם. איר שטאַרקסטען קלימאַקס האָט די דאָזיגע אַנטוישונג דערגרייכט אין די פּאָגראָמען פון 1881־טען יאָר. אָבער די קליגסטע פון די משכילים, די ווייטזיכטיגסטע האָבען דעמדאָזיגען סוף פאָר־אויסגעזען, לאַנג, לאַנג פריער. און איינער פון זיי איז געווען שלום יעקב אַבראַמאָוויטש.

דער וויכטיגסטער, אייגענטלאַך דער צענטראַלער געדאַנק אין דער „קליאַטשע“ איז, אַז די טענות פון די משכילים און פון אַנדערע צו די אי־דישע מאַסען, אַז זיי זאָלען זיך בילדען, אייראָפּייאיזירען אָדער רוסיפיצירען ובזכות זה וועלען זיי קריגען גלייכבאַרעכטיגונג, ד. ה. די מעגלאַכקייט צו לעבען גלייך מיט אַלעמען, זיינען נאַריש, פאַלש און אומגערעכט. דאָס אידי־שע פאָלק האָט פונקט אַזאַ רעכט ווי אַלע צו לעבען אויף דער וועלט און צו לעבען פונקט ווי אַלע. דאָסדאָזיגע רעכט האָט עס מיט׳ן כוח פון זיין עק־זיסטענץ, פון זיין לעבען גופא. די פראַגע פון בילדען זיך א. א. וו. איז שוין א זייטיגע, א שפּעטערדיגע זאַך, איז איינגאַנצען א זאַך וועגען וועלכער דאָס אידישע פאָלק אַליין נאָר האָט די ברירה. קודם כל און גאָר אַז וועלכע עס איז תנאים קומט דאָס רעכט און די מעגלאַכקייט צו לעבען אויף דער וועלט. „קיין טאַנץ גייט ניט פאַר׳ן עסען“, זאָגט די קליאַטשע, וואָס פערזאָ־ניפיצירט מיט זיך דאָס אידישע פאָלק, צום דורכגעפאַלינעם, פאַרווירטען ישראַליק׳ן, וואָס טיפּיצירט מיט זיך די השכלה־באַוועגונג.

„די קליאַטשע“ איז דער מאָראַלער טויט־קלאַפּ פון דער השכלה. און אַזוי האָבען מיר דאָ ווידער אַן איראָניע וואָס חזר׳ט זיך ניט צו זעלטען איבער אין דער ליטעראַטור און אין דער היסטאָריע. „די קליאַטשע“. וואָס איז אין מער ווי איין הינזיכט דאָס גרעסטע ווערק פון אַבראַמאָוויטש׳ן. וועלכער איז ניט נאָר דער האָדויניק, נאָר אפשר אויך דער גרעסטער טאַלאַנט פון דער השכלה, איז איר קבר.

די השכלה האט אויף אבראמאוויטש'ן, אפשר נאר מיט דער איין־און־איינציגער אויסנאם פון „שלמה ר' חיים'ס" (1899), אויף אייביג איר שטעמפעל ארויפגעלייגט. זי האט אים באגייסטערט, זיין טאלאנט געשפייזט, זי האט אים אבער אויך ניט ווייניג געשטערט. און ניט זעלטען טאקע פאר־הויקערט. פון דער נאטור א מאלער און א פאעט, האט אים זיין השכלה'דיג באוואוסטזיין שטענדיג געריסען צו פריידיגען, צו דרש'ענען. שטענדיג זיצען די צוויי נשמות אין זיין ברוסט און שטענדיג גייט אין אים פאר דער אלטער ויתרוצצו. אט ווערט ער באגייסטערט און הויבט זיך אויף אויף זיינע פאעטישע פליגלען, אבער באלד גיסט זיך שוין זיין פאעזיע איבער אין פובליציסטיק. ער הויבט אן מאלען און פארקריכט אן א זייט אין משכילי־שער איראניע. ער פארשטייט און ליבט דאס אידישע לעבען און גיסט זיך דערמיט צונויף אין אמת קינסטלעריש־פאעטישער דבקות, נאר תוך כדי דיבור דערמאנט ער זיך יאקבי, אז וועדליג א משכיל דארף ער שטיין נעגאטיוו צום אידישען לעבען און הויבט עס אן קריטיקירען. ער הויבט אן דערציילען א געשיכטע, נאר באלד געפינט ער עפעס א תירוץ, א פריטשעפקע — אמאל איז פאר דעם נענוג בלויז איין־און־איינציג ווארט — האקט ער שוין איבער דעם סיפור המעשה און שטעלט זיך נאר אוועק משכיל'יש דרש'ענען.

מחמת דערדאזיגער „קליפה" פון דרש זיינען אבראמאוויטש'ס שריפ־טען פול מיט פינטעלאך און רמזים, מיט אנצוהערענישען איבער אנצוהערע־נישען. מחמת דערדאזיגער סיבה איז דאס אפטעסטע ווערטעל א־ן „קליינ־מענשעלע" און אין „פישקע דער קרומער" אבראמאוויטש'ס באריממ „ניט דאס בין איך אויסען". אין „פישקע" באגעגענט מען עס שיר ניט אויף יעדען זייטעל פון בוך, און איןביידען איז עס אי א סיגנאל אי אן אנטשלדיגונג פאר דעם מחבר'ס פארקריכען אן א זייט, פאר זיין פארבייטען דעם מאלער'ס פינזעל אויף דעם מגיד'ס טלית.

* * *

די ערשטע און איינע פון די גרעסטע זאכען וואס מענדעלי מוכר־ספרים האט אויפגעטאן פאר דער אידישער ליטעראטור, איז וואס ער האט איר געגעבען א שפראך.

די אידישע שפראך איז טאקע אלט פיל הונדערטער יארען און פיל הונ־דערטער יארען איז אויך אלט די אידישע ליטעראטור. עס זיינען אבער פאראן פארשיידענערליי ליטעראטורען: עס איז פאראן, צ. ב. ש. א גנזעץ־ליטעראטור, עס איז אויך פאראן א רעליגיעזע ליטעראטור. רעדט מען אבער סתם פון א ליטעראטור, מיינט מען דערמיט ניט קיין ספעציעלע און ניט קיין רעליגיעזע נאר א וועלטלאכע און שיינע ליטעראטור, א ליטעראטור פון דערציילונגען, ראמאנען, סקיצען, לידער, א. א. וו.

ביז צום נײַנצענטען יאר־הונדערט איז די אידישע ליטעראטור, מיט ווייניג אויסנאמעס, געווען דורכאויס א רעליגיעזע ליטעראטור. ערשט אין סוף אכצענטען און אנהויב נײַנצעטען יאר־הונדערט הויבט זיך פון איר אן ארויסשיילען אויך א וועלטלאכע ליטעראטור. די שפראך אין דער אלטער, רעליגיעזער ליטעראטור איז געווען א גוטע, א ריינע און א חנ'עוודיגע. פאר־

שטייט זיך, ווערליג דער היינטיגער צייט איז זי שוין אַלטמאָדיש, און אפשר אויך אָפּגעלעבט. דאָך דאָס איז דאָסזעלבע מיט אַלע שפּראַכען. און פּונקט ווי ביי די פעלקער האָט זיך פון אַזאַ מין שפּראַך ארויסגעוויקעלט די מאָדערנע ארומגעשליפענע און עלעגאַנטע ליטעראַרישע שפּראַך, אזוי וואָלט עס, מן הסתם, ביי אונז אויך געווען, ווען מיר וואָלטען ניט געווען אַנדערש פון אַנדערע פעלקער.

די גרויסע און מאַכטיגע כוואַליע פון אַסימילאַציע פון סוף אַכצענטען און אָנהויב נייכצענטען יאָרהונדערט און איר צווילינג־שוועסטער, די השכלה, האָבען געבראַכט א פּאַראַכטונג צום פּראָסט־היימיש־אידישען לעבען און אַ האָס צו דער אידישער שפּראַך.

פון איין זייט איז געשען, אזוי ווי אַן איראָניע פון דער געשיכטע, אַז גראָד די השכלה האָט די נייע אידישע ליטעראַטור באַשאַפען. און דאָס איז אויך געווען גאַנץ נאַטירלאַך. וואָרים די ליטעראַטור פון אַ פאָלק איז די אָפּשפּיגלונג פון זיין לעבען. איז וויבאַלד די אידען האָבען דורך דער השכלה אָנגעהויבען פירען אַ מער וועלטלאַך לעבען, איז ביי זיי אויך געבוירען געוואָרען אַ וועלטלאַכע ליטעראַטור. און אזוי ווי געלעבט האָט דער איד אויף א י ד י ש, איז טאַקע דאָך געבוירען געוואָרען אַ וועלטלאַכע א י ד י ש ע ל י ט ע ר אַ ט ו ר א ו י ף א י ד י ש. אָבער — און אָט דאָס איז געווען די צרה — די דאָזיגע ליטעראַטור איז עפּעס געווען אזוי ווי אַן אונטערגעוואָרפענע. גראָד די ערגסטע, גראָד די אַמווייניגסטען טאַלאַנטירטע האָבען זיך מיט דער אידישער ליטעראַטור פאַרנומען. און האָבען אַמאָל אויך די בעסערע העברייאישע שרייבער אידיש געשריבען, האָבען זיי עס געטאָן אזוי ווי בגנבה. כמעט אַלע האָבען געשריבען אויף אידיש אויס נויט, צוליב די פאָלקס־מאַסען. און אין דעם שרייבען פון פיל איז געלעגען דער ניט־פאַרשטעלטער געדאַנק, טאַקע די אייגענע שפּראַך צו פאַרניכטען. מען האָט געשלאָגען אידיש מיט אידיש, אזוי ווי מען נעמט אַ מענשענ'ס האַנט און מען פּאַטשט מיט איר זיין אייגען פּנים.

שרייבענדיג אידיש האָבען די מייסטע שרייבער געזוכט די שפּראַך צו „ציוויליזירען“. מיט דער שפּראַך אַליין, מיט איר נשמה, מיט איר קלאַנג האָט מען זיך גאָרניט גערעכענט. נעמען דעם גוטען, אַלטען אידיש פון דער רעליגיעזער, איבערהויפּט פאַרצייטיגער אידישער ליטעראַטור און באַאַרבעטען אים אויף אַ נייעם שטייגער, פאַר דער נייער ליטעראַטור, דאָס איז די דאָמאָלסטיגע אידישע שרייבער אפילו ניט איינגעפאַלען. עס איז זיי אויך ניט איינגעפאַלען צוצוהערען זיך צום פאָלק ווי עס רעדט און באַרגען זיין שפּראַך. דאָס פאָלק רעדט אַ מיאוס'ע שפּראַך, אַ „זשאַרגאָן“, אַ מין ציגיינעריש, האָבען זיי געטראַכט. נו, האָט מען זיך, שרייבענדיג, אָנגעשטויסען אויף עפּעס אַ נייעם געדאַנק, אַ נייעם באַגריף, אָדער אַ נייער זאַך, פאַר וועלכער עס איז אויף דער האַנט גראָד קיין אידיש וואָרט ניט געווען. אַנאַנדערער, וואָס ליבט די שפּראַך און באַציט זיך צו איר ערנסט, וואָלט אין אַזאַ פאַל געמאַכט אַ ניי אידיש וואָרט, געמאַכט עס אין גייסט פון אידיש, פאַרפּוצט עס אזוי, אַז עס זאָל אויסקוקען אַ אידיש וואָרט ווי אַלע ווערטער.

עס זאָל ניט רייסען דעם אויער, ניט שטעכען דאָס אויג. די משכילים וואָס האָבען די שפּראַך געוואָלט „ציוויליזירען“, האָבען אָבער אזוי ניט געטאָן. אנשטאָט דעם האָבען זיי גאָר אָן צערעמאָניעס גענומען און אריינגעשלעפּט שווערע דייטשע ווערטער, אָדער דעם פֿאָלק אומבאַקאַנטע העברייאישע ווער־טער.

א גוט ביישפּיל פון אזא מין „ליטעראַרישער“ שפּראַך געפינען מיר אין די ראָמאַנען און דערציילונגען פון אייזיק מאיר דיק, דער גרעסטער און טאַלאַנטפולסטער אידישער שרייבער פון יענער צייט. סלאַווישע ווערטער, אזעלכע וואָס זייגען אריין אין אידיש אין ליטע, פוילען און וואָלין, כאָטש זיי זיינען שוין גאַנץ אַלט און דער איד ברויכט זיי אויף שריט און טריט און זיי זיינען אַן אָרגאַנישער טייל פון אידיש, מיידט ער כמעט אינגאַנ־צען אויס. אויף שריט און טריט ברייגגט ער הויכע דייטשע ווערטער. וויסענדיג אָבער, אַז דאָס פאָלק פאַרשטייט זיי ניט, טייטשט ער זיי אין פאַרענטעזען גלייך אָפּ אויף העברייאיש. אמאָל, פאַרקערט, געברויכט ער גאָר א ליטעראַריש העברייאיש וואָרט, און ווידער רינגעלט ער איין אַן אָפּטיי־טשונג, דאָס מאָל שוין אויף דייטש. דיק'ס שפּראַך אין פיל פון זיינע ווערק איז ניט נאָר אָן געשמאַק, נאָר זי קלינגט שלעכט און די שריפט איז אפילו פאַר'ן אויג ניט אָנגענעם.

אָט אזא איז געווען די „ליטעראַרישע“ אידישע שפּראַך ביז מענדעלי'ן. ער, מענדעלי, האָט די גרויסע רעפאָרמע געמאַכט. ער האָט פאַר דער אידישער ליטעראַטור א ליטעראַרישע שפּראַך באַשאַפען.

מענדעלי'ס שפּראַך איז גרינג, נאַטירלאַך, געשמאַק, גלאַטיג. זי שווימט, זי גיסט זיך פון זיך אַליין, פּונקט ווי עס גיסט זיך דער לשון פון דעם באַריידעוודיגען אידישען פאָלקס־מענשען. מענדעלי'ס שפּראַך איז וויציג, פעפערדיג און פול מיט היסטאָרישע אָנצוהערענישען, פ ל מיט בילדער. מענדעלי האָט דאָ אויפגעטאָן בלויז א קלייניגקייט — ער האָט אויפגהויבען פון דר'ערד פון אידישען לעבען, פון דער אידישער גאַס, דאָס גאָלד וואָס האָט זיך דאָרט געוואַלגערט. אידיש איז א שטאַרקע, א רייכע, א זאַפטיגע און בילדערהאַפטע שפּראַך. דאָס איז דערפאַר, ווייל דער איד איז אַן אינ־טערעסאַנטער מענש מיט א מוח פול מיט בילדער, וויץ און זכרונות פון אמאָל. ניט אַלע אָבער זען די צוזאַמענגעוואַקסענקייט פון דעם אידען מיט אידיש. מענדעלי האָט עס געזען.

וואָס איז געווען דער רעצעפּט לויט וועלכען מענדעלי האָט די ליטע־ראַרישע אידישע שפּראַך באַשאַפען ? אין קורצען האָט ער דאָס אזוי גע־טאָן :

1) ער האָט ווייטער געשפּונען דעם פאָדעם פון דער אַלטער אידישער שפּראַך. ער האָט די ליטעראַרישע אידישע שפּראַך אָנגעהעפט אָן דער רע־ליגיעזער.

2) ער האָט אריינגעבראַכט אין דער ליטעראַטור די טאָג־טעגלאַכע שפּראַך פון פאָלק, ניט בראַקירענדיג מיט קיין וואָרט, וואָס פאַר א יחוס עס זאָל ניט האָבען, צי דייטש, צי העברייאיש, צי סלאַוויש.

3) ער האט געמאכט נייע ווערטער אין גייסט פון דער שפּראַך, לויט אירע אינעווייניגסטע געזעצן. ער האט גענומען, ווען ער האט געדאַרפט, אַ העברייאיש וואָרט אָדער אַ דייטש וואָרט, אָבער ער האט פאַרענדערט זייער געשטאַלט, זיי זאָלן אויסקוקן און קלינגען ווי אידיש.

4) ער האט אריינגעגעבען אין דער ליטעראַטור די שפּראַכען פון אַלער־ליי מענשען: פון מלמדים, לערנער, סוחרים, בעלי־מלאכות, ווייבער א. א. וו.

5) ער האט צונויפגענומען די וויכטיגסטע אידישע דיאַלעקטען, דעם אידיש וואָס מען רעדט אין ליטע און דעם אידיש פון וואָלין און פון זיי ביידען אויסגעקנאַטען א י י ן ג אַ נ צ ע שפּראַך.

אַבראַמאָוויטש איז געווען אַ זעלטענער למדן, סאַי אין אידיש און סאַי אין העברייאיש און דידאַזיגע צווייענדיגע, צווישען זיך אַזוי אייננ פאַרבונדענע לומדות איז אים בייגעשטאַנען אין זיינע אמת געניאַלע חידושים אין דער אידישער שפּראַך. און פּונקט ווי עס איז לומד'יש אַבראַמאָוויטש'עס שפּראַך אַזוי איז אויך לומדי'ש זיין סטיל. און דאָס איז דאָך אויך נאַטיר־לאַך. איז דאָך דער סטיל בלויז די העכערע מדרגה פון דער שפּראַך, איר פיין־געלייטערטע פאָרמע, איר מער אינטימע אָפּשפּיגלונג פונ'ם מענשען. „דער סטיל דאָס איז דער מענש".

אַ למדן, אַ מגיד און אַ משכיל איז אַבראַמאָוויטש און אַזאַ איז זיין הערשענדיגער סטיל. עס איז אַ סטיל פול מיט אַנצוהערענישען אויף רעליגיע־זע פּירונגען, אויף סצענעס פון אַלטען אידישען לעבען, אויף באַגריפען פון דער תורה, אויף פסוקים, מאמרים און תפלות (אויך אויף תחינות). עס איז אַ סטיל פול מיט דרוש, מיט פּשט'לאַך, מיט שכל'דיג־געלערנטע המצאה'לאַך און דריידלאַך מיט וועלכע יעדער גוטער מגיד טוט זיך באַנוצען. עס איז אַ שפּיל מיט פסוקים — ניט קיין אָפּטייטשונגען נאָר אַן ארומ־שפּילען זיך מיט זיי. עס איז דאָס אידישע שפּראַך־שפּיל פון אַ למדן און אַ מגיד. עס איז דער ווייץ פון דער אידישער שפּראַך. עס איז דער סטיל, וועלכען די שפּראַך אַליין באַשאַפט זיך, ארויסגעבענדיג אים פון זיך און לאָזענדיג אים שוועבען ארום זיך ווי אַ מין בענגאַליש ליכט.

דריי כאַראַקטעריסטישע ווערטלאַך דאַרפען גענוג זיין צו אילוסטרירען אַבראַמאָוויטש'עס מגידי'שען סטיל.

וועלענדיג באַצייכענען איינעם פון די „פיינע בריות" אין „קליינמענ־שעלע" אַז ער איז געווען אַ גרויסער עם־הארץ, זאָגט ער אויף אים „המכה בעברתו", ד. ה. ער איז געווען גע'הרג'עט אויף דער עברי (דער אמת'ר טייטש פון דעראַזיגער תנ"ד־פראַזע איז, דאָס גאָט שלאָגט — די שונאים — מיט זיין צאָרן).

אין „פישקע דער קרומער" איז פאַראַן אַ באַרימטער אָרט, וואו די דריי הויפּט פיגורען זיצען און רעכענען און ציילען וואָס פאַר אַ מינים קבצנים עס זיינען פאַראַן ביי אידען. מענדעלי מוכר־ספרים, דעם הויפּט פאַרשויין, ווערט לסוף נמאס דערהדאַזיגער אביונ'ישער חשבון און ער שיסט אויס מיט'ן ווערטעל: „כל ישראל איין קבצן!" האבענדיג אין זינען דעמ־

זעלבינען מענדעלי׳ס פשט׳ל (אין „מסעות בנימין השלישי“) אויפ׳ן פסוק „וקבצנו יחד“ — אלע קבצנים אינאיינעם.

אין זעלבינען „פישקע דער קרומער“ איז דא אן ארט וואו מענדעלי וויל בלומרשט טאן אן עברה — נעמען א ביסעל בראנפען אין א תענית — נאר באגעגענעדיג זיך מיט די אויגען פון זיין באריםטען פערדעל, וואס קוקט אויף אים אזוי ווי מיט א פארוואורף, פארשעמט ער זיך פאר דעם און איז גובר דעם יצר הרע. באלד דארויף זאגט מענדעלי דעם פסוק פון קינות: „ציון, ובך כל בהמה ועוף חכמו“ („ציון, דיין יעדעס טיר און יעדער פויגעל זיינען קלוג געווען“), וועלכען ער טייטשט אפ אויף א משכיל׳יש ליצנ׳ישען שטייגער: ביי דיר, כנסת ישראל, איז יעדע בהמה א חכם.

פראגעס און דערמאנונגען. באצייכענט איין א פאר שורות דעם משכיל, די השכלה. ווי אזוי האט די השכלה, וואס איז געווען פיינדלאך צו אידיש, געקענט באשאפען די נייע אידישע ליטעראטור? אין וועלכער הינזיכט איז אבראמאוויטש דער פאטער פון דער דאזיגער ליטעראטור? וואס איז די שייכות צווישען שפראך און סטיל? אין וועלכער הינזיכטען אדער הינזיכטען איז אבראמאוויטש געווען א מגיד? איבערלייענענדיג „דאס קליינמענשעלע“, פרואווט אויפשטעלען דעם פלאן, לויט וועלכען אבראמאוויטש האט דאס בוך פארפאסט.

צווייטע לעקציע: — „דאס קליינמענשעלע“, „דאס ווינשפינגעריל“, „פישקע דער קרומער“ און „שלמה ר׳ חיים׳ס“. — מענדעלי אלס פייזאזשיסט. — מענדעלי דער מאלער פון דער אידישער סביבה און פון אידישע מענשען. — מענדעלי דער פאעט.

(לייענען: מענדעלי מוכר־ספרים: „דאס ווינשפינגעריל“, „פישקע דער קרומער“; דוד פרישמאן: „מענדעלי מוכר ספרים“, אין מענדעלי יובילייאים אויסגאבע, באנד 17—15; י. ענטין: „מענדעלי מוכר ספרים“, אין „די צוקונפט“, אויגוסט, 1916; י. ענטין: „פסיכאלאגיע אין ליטעראטור“, אין „וואס איז ליטעראטור“, ארויסגעגעבען פון אידיש־נאציאנאלען ארבעטער פארבאנד.)

מענדעלי איז א מאלער, א פאעט, א הומאריסט, א סאטיריקער און א מגיד. ער איז אבער ווייט ניט קיין דערציילער. אם גרינגסטען קען מען זיך אין דעם איבערצייגען, ווען מען פארגלייכט סאי וועלכע פון מענדעלי׳ס ווערק מיט סאי וועלכער פון שלום עליכם׳ס א דערציילונג. ביי יענעם שפירט מען גלייך דעם ריטם, דעם אימפעט פון דעם דערציילער: ביי דעם באמערקט מען גלייך די טבע לאנג צו זוימען אויף איין ארט, אדער גאר פארקריכען אן־אזייט.

נאכמער האט מענדעלי׳ן געשטערט אין דער דערציילערישקייט זיין השכלה. ביים מגיד איז דאך די מעשה קיינמאל ניט דער עיקר: די גע־

שיכטע איז דאָך ביי אים אימער נאָר צוליב דעם מוסר השכל, אימער נאָר א מיטעל צוליב אַ צוועק. אחוץ דעם, אַלס משכילישער מגיה, ד. ה. אַלס פובליציסט, וואָס קוקט קרומלאָך אויפ׳ן אידישען לעבען און האָט אימער אין דעם וואָס צו קריטיקירען, וואָס אויסצו׳חוזק׳ען, איז מענדעלי׳ן בשום אופן ניט מעגלאָך געווען אָנצוהאַלטען אַ געשלידער. נאָר ער האָט זיין סיפור המעשה געמוזט אימער איבעררהאַקען, ניט נאָר מיט אַ באַשרייבונג — דאָס וואָלט נאָך ניט שלעכט געווען — נאָר מיט עפּעס אַ חקירה, מיט אַ טיראַדע קעגען אימיצען אָדער עפּעס, מיט אַ שטיק משכילישער פובליציסטיק.

מענדעלי האָט קיין ראָמאַנען ניט געקענט און ניט באַדאַרפט שרייבען. זיין אמת׳ער זשאַנר וואָלט גאָר באַדאַרפט זיין די באַשרייבונג, די סקיצע אָדער גאָר די פּאָעמע אין פּראָזע. אָבער עס איז שוין אַזאַ מאָדע דאַמאָלס ביי אידען געווען: אַלע — סאַי אידישע סאַי העברייאישע שרייבער — האָבען ראָמאַנען געשריבען, בשעת די סקיצע, די קורצע דערציילונג איז אין מענדעלי׳ס צייטען ביי אידען אייגענטלאָך נאָך ניט געבוירען געוואָרען. האָט מענדעלי ראָמאַנען געשריבען, זיינען זיי, וואָס איז שייך זייער פאָרמע, זייער געשלידער אַן אַפּקומעניש, סאַי פאַר׳ן מחבר און סאַי פאַר׳ן לעזער.

באַמערקט נאָר מיט וואָס פאַר אַ יסורים דער ספור המעשה הויבט זיך אָן ביי מענדעלי׳ן. אין „מסעות בנימין השלישי“ הייסט עס אַז דער צרה׳דיגער, נאַכמער ווי בטלני׳שער, ממש טאַקע חושים׳דיגער בנימין איז געוואָרען אַ וועלט־באַרימטער רייזענדער און ער האָט זיינע נסיעות באַשריבען אויף די גרויסע וועלט־שפּראַכען און אַט פון דיזאַזיגע גרויסע באַשרייבונגען מאַכט עס מענדעלי זיין אידישען „קיצור מסעות בנימין השלישי“.

אין „פישקע דער קרומער“. וואָס איז מענדעלי׳ס גלאַטסטער ראָמאַן אַלס ראָמאַן, ווערט דער הויפּט העלד פון דער געשיכטע דערמאָנט ערשט צום סוף פונ׳ם פערטען קאַפּיטעל, אַז דאָס געשעט אַ נס און ר׳ מענדעלי כאַפּט זיך ארויס מיט׳ן וואָרט „באָד“, וואָס אָן דעם טשעפּעט זיך כלומרשט אַן ערינערונג וועגען פישקען, וואָס האָט זיך געווען אויפגעהאַלטען אין דער גלופּסקער באָד. און אפילו דאַמאָלס ערשיינט פישקע נאָך אַלץ ניט אויף דער סצענע. דאָס געשעט ערשט אין סוף עלפטען קאַפּיטעל.

זייער אומגעלומפּערט איז די געבורט פונ׳ם בוך „דאָס ווינשפינגעריל“. עס הייסט, אַז דער העלד הערשעלע, אַ משכיל און אַן איראַפּייער, האָט אליין זיין לעבענס־געשיכטע ניט געקענט ארויסגעבען, נאָר ער האָט צוליב דעם צוועק געמוזט אָנקומען צום קאַבצאַנסקער מוכר־ספרים׳ניק. דער נאָמען „ווינשפינגעריל“ איז אַ מאָדנער ליטעראַרישער תירוץ: באַשר הערשעלע האָט אין זיין קינדהייט אַפּט געהערט מעשות וועגען דעם באַרימטען ווינשפינגעריל און זיי האָבען זיך אים כסדר געבאָמבעלט אין קאָפּ. גאָר אויסערגעוויינטלאָך אומגעלומפּערט און געקינצעלט איז די פאַרטראַכטונג פון „קליינמענשעלע“. אָפּגערעדט שוין דערפון וואָס דאָס בוך איז יצחק אברהם׳ס צוואה אין דער פאָרמע פון אַן אויטאָביאָגראַפיע, וועלכע מען לייענט פאַר יאָקבי צום טאַקט פון דעם חברה־קדישא׳מאַנ׳ס זעג און דעם שמש׳ס צדקה־פושקע, ווערט נאָך מענדעלי מוכר ספרים דערמאָנט אין דער

צוואה אלס דער וואס דארף דאס ביכעל ארויסגעבען און צום גליק פארט דער מוכר־ספרים אן אין שטעטעל פונקט אויף יצחק אברהם׳ס טויט און אזוי ווערט ער גערופען צו הערען לייענען די צוואה. אבער דאס איז נאך אלץ ניט דאס ערגסטע. ערגער פון אלץ איז דער נאמען „קליינמענשעלע“. עס איז איינע פון די זעלטענסטע ליטערארישע פריטשעפּ־קעס. גאנצע דריי גלגולים מאכט עס דורך: צוערשט הייסט עס פשוט דאס „מענשעלע“, וואס מען זעט ביי א מענשען אין אויג; דערנאך ווערט עס א מין קונצענמאכער וואס קען זיך מאכען פון גרויס קליין און פאר־קערט; ערשט העט שפעטער ווערט יצחק אברהם׳ן קלאר, אז דער אויסדרוק „קליינמענשעלע“ איז נאר א מליצה און אז מען מיינט גאר דערמיט א קליינע נשמה.

מענדעלי׳ס אומגעלומפערטקייט אלס ראמאניסט איז איינג פארבונדען מיט דער השכלה, מיט׳ן ליטערארישען חדר, מיט די ליטערארישע טראדי־ציעס פון דער השכלה. שרייבענדיג אידיש איז דאך אין אבראמאוויטש׳ס הינטער־געדאנקען געלעגען דאס קליפערגעצייג פון דעם העברייאישען מחבר. נאך אלע ביאגראפיעס און קריטיקען ווייסען מיר בלויז זייער, זייער ווייניג, ווי אזוי אבראמאוויטש׳ס ווערק זיינען ביי אים אנטשטאנען. וואלטען מיר געוואוסט אזוי פיל סודות פון אבראמאוויטש׳ס שרייב־טיש וויפיל מיר ווייר סען פון טאלסטאי׳ס אדער טשעכאווים, דאמאלס וואלטען מיר אפשר געוואר געווארען, אז „דאס קליינמענשעלע“ איז אויף אבראמאוויטש׳ן אנגעהויבט געווארען דורך די „גלגולים“ אדער עפעס ענלאכעס פון דעם גרויסען העב־רייאישען סאטיריקער יצחק ערטער.

פיל ערגער נאך פון דער שלעכטער טעכניק, איז די פאלשע פסיכא־לאגיע, צייטענווייז די טאטאלע אפוועזענקייט פון פסיכאלאגיע אין אברא־מאוויטש׳ס ראמאנען. און אויך דאס דארף צוגעשריבען ווערען צו די ליטע־ראַרישע טראדיציעס פון דער השכלה. געפינענדיג זיך אונטער׳ן איינפלוס פון דער אייראפייאישער ליטעראטור, זיינען די השכלה׳שע בעלעטריסטען אבער געשטאנען אונטער דער השפעה פון ווייט ניט די בעסטע אייראפּיי־אישע שריפטשטעלער. ארום דעם מיטען פון דער רוסישער השכלה־צייט האט זיך איבער אייראפע שוין גאנץ שטארק געגעבען צו פילען די רעאליס־טיש־נאטוראליסטישע שול פון דער ליטעראטור, אבער די השכלה האט זיך נאך אלץ נאכגעשלעפט נאכ׳ן ראמאנטיזם, אי דאס נאך דער ביליגער פארמע וואס ער האט אנגענומען ביי געוויסע פראנצויזישע ראמאניסטען. א פארמע פון ווילדע פאנטאזיעס, משונה׳דיגע סיבות, גליקלאכע רעטונגען, אינטריגאנטען און אינטריגעס, מענשען־טייוואלים און מענשען־מלאכים. לאקריץ־זיסע סענטימענטאליטעט — מיט איין ווארט, די פארמע פון שונד. מען קען קוים אנטדעקען ביי וועלכען עס איז משכילי׳שען בעלעטריסט א שפור, אז עס זאל אויף אים האבען געווירקט א גוסטאוו פלאבער, בשעת פאר יוזשען סיו זיינען פיל משכילים געווען פשוט משוגע.

און אויך דא איז אבראמאוויטש קיין אויסנאם ניט געווען. נאר ער איז געגאנגען מיט׳ן וועג פון די אנדערע משכילים.

לויט'ן באוואוסטען ראמאנטישען נוסח פארליבט זיך אונזער הויפט העלד יצחק אברהם, פון „קליינמענשעלע“, אין דער הויפט העלדין, גאלדע, פון ערשטען בליק. די ערשטע באקאנטשאפט שליסען זיי אויפ'ן עכט־ביליג ראמאנטישען אופן: יצחק אברהם ערשיינט אלס העלד, אלס רעטער אין א נויט, באלד ווי אמנון אין אברהם מאפו'ס בארימטען „אהבת ציון“. מער ניט וואס דארטען, אזוי ווי דער ארט פון דער האנדלונג איז דער וואלד פון בית לחם, ראטעוועט אמנון אפ תמר'ן פון א לייב, בשעת דא, אין פינסטערען צוויאטשיטשען געסעל, וואו קיין לייבען זיינען ניטא, מוז יצחק אברהם זיך צופרידענשטעלען מיט א וויסען חברה'ניק, וואס באפאלט גאלדע'ן און וויל ביי איר אוועקרויבען א פעקעל וועש.

דורך דעם ראמאן ווערען דורכגעווארפען א היבש ביסעל פארשוינען, אבער אחוץ פיליכט דעם העלד, איז ניטא קיין איין מענש וואס זאל געמאלען ווערען פון אינעווייניג, וואס דער שרייבער זאל אונז אריינפירען טיף אין זיין געדאנקען און געפיל־וועלט. אפילו דער הויפט העלד אליין ווערט געמאלען איינזייטיג. די מערסטע פארב ווערט פארגאסען אויף זיין גייציגקייט, אויף זיין יאגען זיך נאך געלט. זיינע מעשלאכע געפילען ווערען אפגעטעמפט אדער אוועקגעמאכט אונטער דער האנט. און געמאלען איז נאך אלעמען בלויז זיין לערן־צייט, די צייט ווען ער לערנט זיך ערשט זיין א תקיף, אבער ניט ווען ער ווערט דאס שוין.

גאלדע, די צווייטע וויכטיגסטע פערזאן, ווערט געמאלען אין דער דערציילונג נאך שוואכער און נאך אלט־מאדישער. איר שיינקייט איז גאר ניט קיין ערדישע, נאר עפעס ווי פון א מלאך. איר גוטסקייט, קלוגקייט און הארעפאשנעקייט האבען צו זיך אויך קיין גלייכען ניט. יצחק אברהם, דער פארהארבענער משרת און קאנדידאט אויף קהל'שען רוצח, ווערט ווי באַ־צויבערט נאר פון איר איין אנבליק. ביי א יאר צייט ציט אים די ליבשאפט צו איר ווי א מאגנעט. דאך, הייסט עס, אז דאס איז ניט קיין ליבע נאר תאוה. וואס גאלדע פילט, ווען זי האט חתונה פאר יצחק אברהם'ען — כאטש זי קען נאך ניט פארגעסען איר מיכלען, כאטש זי פארדעכטיגט א ביסעל איר נייעם חתן און כאטש זי פילט אז ער איז צו גראב פאר איר — וואס גאלדע לעבט איבער מאכענדיג דעם אנטשידענעם שריט, ווערט ניט געמאלען. עטוואס העל ווערט בלויז פארגעשטעלט גאלדע'ס שטאלץ — ווען יצחק אברהם לייגט איר פאר, נאך פאר דער חתונה, געלט און ווען ער ווארפט איר אריין דעם גט.

עס פעלען אויך ניט קיין ווילדע סיבות אין „ווינשפינגעריל“ (דער אופן ווי אזוי הערשעלע ווערט ניצול פון די כאפערס און דער אופן ווי שמואליק דער טאנדעטניק ראטעוועט זיין זון). און עס פעלען ניט קיין משונה'דיגע סיבות (פישקע'ס אנווערען און ווידער באגעגענען די הארבאטע און פישקע'ס אפגעראטעוועט ווערען דורך אלטער'ן) און קיין אינטריגאנטען (דער רויטער ממזר) און קיין סענטימענטאליטעט (דער אופן ווי אזוי די הארבאטע איז געמאלען און דער גאנצער ראמאן צווישען איר און פישקען) אין „פישקע דער קרומער“.

צום גליק איז אבראמאוויטש טאקע קיין ראמאניסט ניט און ניט איז דערציילען און אין אויסוועבען באציאונגען ליגט זיין כוח. צום גליק איז זיין גאנצע ראמאנען־שרייבעריי בלויז א טעות, א פארשטעלעניש און זי טוט זיך פון אבראמאוויטש'ען אזוי גרינג אויס ווי א צוגעשנירעוועטע מאסקע. נאכ־מער, ערשט דאמאלס ערשיינט פאר אונז אבראמאוויטש אין זיין גאנצער גרויסקייט אלס פאעט און מאלער.

צוערשט וועגען זיין פאעזיע.

מענדעלי מוכר ספרים האט, צווישען זיינע פיל ווערק, אויך א פאר בענדער פערזען. איין באנד איז אן אלעגארישע פאעמע מיט'ן נאמען „יודעל", וואו עס ווערט אויף א פארשטעלטען אופן איבערגעגעבען די געשיכטע פון אידישען פאלק און א קריטיק אויף זיין איצטיגען לעבען. דער צווייטער באנד איז אן איבערזעצונג פון די שבת'דיגע זמירות און פון דעם פרק שירה, וואס שטייט אין סידור.

ביידע זאכען זיינען אן אוצר פון אידיש. איבערהויפט איז מענדעלי'ס „פרק שירה" א פרישער, טיפער קוואל פון זים־זאפטיגען, געשמאקען און קראפטיגען אידיש. רעדט מען אבער פון שטאנדפונקט פון פאעזיע, פון שטאנדפונקט פון לייכט־פליסענדיגע, בילדער־רייכע פערזען, זיינען סאי „יודעל" און סאי דער „פרק שירה" מיט די זמירות, ניט פיל ווערט. איז דעם גאנצען היבשען בוך „יודעל" געפינט מען נאר איין ניט־שלעכט קלינגענדע פאראפראזירונג פון פסח'דיגען „חד גדיא" און נאך א פאר לייכטע, פלאסטיש זיך גליטשענדיגע ערטער. אזוי אבער לייענט זיך „יודעל" זייער לאנגוויילינ.

און פונדעסטוועגען, כאטש מענדעלי'ס פ ע ר ז ע ן זיינען ניט פיל ווערט, איז מענדעלי איינער פון אונזערע גרעסטע פאעטען. ער איז אפשר אונזער גרעסטער פאעט אין פראזע.

מענדעלי מוכר ספרים ווערט אפט פאעטיש אין מיטען פון זיינע פראַ־זע־שילדערונגען. פלוצים לאזט ער אפ די ארומיגע זאכען וועגען וועלכע ער שרייבט און ער פ א ר ג י ט ז י ך אין אן אייגענעם געוויין אדער גע־זאנג. ער ווערט דאמאלס א לירישער פאעט, איינער וואס זינגט פון זיין אייגענער נשמה, איינער וואס קלאגט זיין אייגענע בייוקשאפט ארויס.

אט איז, צום ביישפיל, א שטיקעל נאכט־בענקעניש פון „פישקע דער קרומער":

„אויפ'ן בלויען הימעל שטיל, רואיק גייט די גילדערנע לבנה, איר שיינענדיג פנים איז זייער ערנסט, עפעס שטארק פארטראכט. שא ארום און ארום!... איר פארטראכטקייט ווארפט אויף מיר א זיסע מרה־שחורה, זי רעדט עפעס צו מיין הארץ, די נשמה מיינע נעמט זי מיר ארויס מיט איר איטלאכען בליק, זי רופט אין מיר ארויס א ים געפילען און עס טראכט זיך עפעס גאר פון זיך אליין. עס טראכט זיך פון דעם ביטערען לעבען... און (איך) צופיעסטע מיך פאר איר ווי א שלאף קינד, נעבאך, פאר דער מוטער: אוי, מאמע, עס טוט וויי... אוי, ווערט מען פארשווארצט, קומט מען עס אפ!... די לבנה קוקט אויף מיר מיט איר ליכטיגער צורה אלץ ערנסט, פארטראכט און דאכט זיך, זי נעמט מיך איין: שא, בידנע קינד. שא! וואס זאל מען טאן?... דאס

הארץ ווײנט אין מיר נאָך מער, הײסע טרערן טרעטן מיר ארױס אין די אױגען".

מענדעלי איז אָבער מער װי אַ ל י ר י ש ע ר פּאָעט. ער איז דער הױכער, גרױסער פּאָעט, װאָס זינגט אָדער קלאָגט מיט'ן הױכען יום־טוב'דיגען טאָן פון די אַלטע העלדען־לידער. ער איז דער פּאַרצײטיגער פּאָעט פון דער ביבעל, װאָס זעט און פילט דאָס גרױסע און דאָס ערנסטע אין דער נאַטור ארום. װען מענדעלי קומט אלול־צײט אין װאַלד אריין און ער זעט װי די בױמער טרײסלען זיך אין װינט און זײערע צװײגען רױשען, ליגט ער עס באַלד איבער אין דער גרױסער שפּראַך פון דער שול. אַז עס איז אלול, ימים נוראים אױך אין װאַלד. דאָס זאָגען די בױמער סליחות. דאָס קלאָגען זײ און װײנען אױף זײערע זינד, דאָס ציטערען זײ פאַר'ן ראש השנה־דיגען הימעלשען געריכט. די זיך איימה־דיג טרײסלענדיגע, װײס־גרױע בױמער זײנען עס די אידען אין קיטלען און טליתים, װאָס שאָקלען זיך מיט פחד צו שמונה עשרה און רױשען די צװײגען, פּאַטשען זײ עס מיט די הענט אַזױ װי אַ פרומער איד בשעת ער פאַרגײט זיך אין מיטען דאַװנען.

אַזױ װי די פּאָעטען פון תהלים זעט מענדעלי דעם מאַכטיגען גאָט אין דער נאַטור ארום, אין דער זון װאָס שײנט, אינ'ם גרעזעלע װאָס שפּראָצט, אין די פײגעלאַך װאָס פּיפּצען אין װאַלד, אינ'ם שלאַקס־רעגען, װאָס לױפט אַן און קנאַקט איבער די שפּיצען בױמער, אינ'ם שטורעם, אינ'ם מאַכטיגען דונער און בליץ. און אַזױ באַגײסטערט און נתפּעל װערט ער פון דעם אלע־מען, דאָס ער מוז דערפון רײדען טאַקע נאָר אין דער שפּראַך פון תהלים:

„שרעקלאַך אַזאַ נאַכט אין װאַלד, שרעקלאַך, שרעקלאַך!...

„איך שפּאַר מיך צו אײנגעהױקערט אין צענטען צום בױם. דער רעגען װאַשט מיך אַ שרעק, עס ציטערט מיר דאָס לײב און צװישען די דונערען קלינגען מיר אין די אױערען יענע געטלאַכע, קרעפטיגע װערטער אין תהלים: ותגעש ותרעש הארץ ומוסדי הרים ירגזו...

„עס װיגט די ערד זיך, שטורעמט אונטען,
עס ציטערען פון בערג די גרונטען —
קראַך־קראַך! אַט װאַליען זײ זיך איין,
װײבאַלד ער קומט אין כעס אריין...

„אַט איז ער, גאָט! אַט זע איך אים באַלד פאַרען דאָרט, דאָרט צװישען די צעריסע־נע כמאַרעס!" („די קליאַטשע")

אחוץ אַ פּאָעט אין דעם לירישען און אידיש־ביבלישען זין, איז ער אױך אַן עפּיקער. עפּעס איז דאָ אױסערגעװײנטלאַך רואיקעס, עפּעס װאָס איז פּאַראַדנע, הױך און גראַנדיעז אין אַבראַמאָװיטש'ס נאַטור־שילדערונגען, אין זײנע באַשרײבונגען פון זײן מענדעלי'ס נסיעות. רואיק פאַרט זיך אונזער מענדעלי מוכר ספרים פאַרבײ טײכען, פעלדער און װעלדער: ער קװיקט זיך מיט זײ; באָדט זיך אין זײ מיט די אױגען, מיט דער נשמה, אָבער ער גיט זיך ניט ארױס, בלײבענדיג זיך זיצען אױף זײן הױכער קעלניע. קלײבענדיג נחת פון װײטען, װי עס פּאַסט פאַר אַ אידען אַ סטאַטעק װי מענ־דעלי מוכר ספרים.

אבראמאוויטש איז אפשר נאך ביז צום היינטיגען טאג אונזער בעסטער נאטור־מאלער, אונזער בעסטער פייזאזשיסט. ער איז אויך איינער פון אונזערע סאמע בעסטע מאלער פון דער לעבעדיגער נאטור.

שוין אין „קליינמענשעלע“ געפינען מיר דאס דאזיגע שפעט־אסיענדיגע נאכט־בילד אין א גוי'איש געסעל, הינטער דער שטאט:

„אין דעמדאזיגען געסעל איז געווען רואיק, שטיל ווי אויף א בית־עולם, עס האט נאר זיך געהערט דארט א רוישען פון בוימער, וואס דער ווינט האט צו־וויילען מיט זיי געטרעסעט ווי מיט א לולב, אויך א געשושקעריי פון עטלאכע איבערגעבליבענע דארע בלעטלאך ערגעץ דארט אויף א בוימעל און א קול פון אן אסיענדיג רעגענדעל, וואס האט צו־וויילען געקראפעט אויף אראפגעפאלענע בלעטער און אויף פארטריקענטע גראז פון אלערליי מיני־גארטענוואורג. איז דער ווינט אויף א רגע אנשוויגען געווארען, האט פונדערווייטענס זיך געלאזט הערען א געקלאפעריי ערגעץ פון א מיל און א ליארעם, א גערויש פון א האסטיג פלייצענדיג וואסער. קוים האט דער ווינט ווידער אויף דאס־ניי אנגעהויבען, האבען מיט אים ביים אנהויב בלאזען, זיך פון דער שטאט פארטראגען מטושטש'ע, פארמישטע מיני קולות: א קריי פון א האן, א מריקען פון א קו, א סקריפ פון א אהין־און־אהער זיך שליידערענדיגען טויער, א גערודער, א געטומעל פון א בעל־העגלה'שער פארענדיגער יאזדע און א בילען פון ערגעץ א בעל־הבית'ישען הונט“.

וואס איז שייך אויסמאלען לעבעדיגע זאכען, האבען מיר, למשל, שוין אין „קליינמענשעלע“ דעם אנהויב פון יענער גענויער, פאעטישער, ווארים־אינטימער באשרייבונג פון מענדעלי מוכר ספרים'ס פערדעל, וואס ווערט נאך ברייטער, טיפער און אינטימער אין „פישקע דער קרומער“ און וועלכע, אין אנאנדער געשטאלט, נעמט אן אזעלכע גראנדיעזע פארמען אין דער „קליאטשע“. ניט נאר לעבט דאס פערדעל, עס ווערט אויך פארמענשלאכט. עס ווערט אזוי טיף און ליבעפול באלויכטען פון אינעווייניג און ניט נאר ווערט עס פארמענשלאכט, נאר עס ווערט אויך פאראידישט.

מענדעלי'ס נאטור־מאלעריי איז טאקע איינע פון זיינע גאר גרויסע מעלות, דער עיקר וואס ער קען דא אזוי שיין צונויפגיסען דעם עפיקער מיט'ן אידען, דאס וואס ביי זיין גאנצען אנקוועלען פון דער נאטור, וואס איז אין פלוג דאכט זיך גאר ניט קיין אידישע מדה, לייענט ער דאך פון איר ארויס אזוי פיל אידישעס, קליידט ער זי אן מיט אזעלכע אידישע נשמה'־דיגע מלבושים. די פייערלאכע נאטור־פאעזיע פון „פישקע דער קרומער“. דאס אויסמאלען די נאטור אויף אן אריגינעל אידישען שטייגער, דאס, צוויי־שען אנדערעס, איז מכפר אויף „פישקע'ס“ שונדיקייט אלס ראמאן און מאכט עס פאר א גרויס בוך.

אין איין טאג האבען מיר ניט ווייניגער פון פינף מיטען־זומערדיגע לאנדשאפטען אין „פישקע דער קרומער“: פרימארגען, מיטאג, פארנאכט, אנהויב אוונט און האלבע נאכט. די נאטור, דאס ליכט און דער שאטען, בייטען זיך קאנטיג פון בילד צו בילד: אין יעטווידען בילד טרעטען פראַ־מינענט ארויס באזונדערע שטריכען: דא דאס טייכעל מיט די פעלדער, דא די פעלד־בוימער מיט די פי און פויגלען, דא דער ווינט מיט די רמשים.

דאָ דער וואַלד, דאָ די לבנה. און צו יעדען בילד בייט זיך די שטימונג — ביידענ׳ס שטימונג, אי דעם מאָלער׳ס אי דער נאַטור׳ס.

און כמעט אַלץ איז אַזוי אָריגינעל אידיש, ווערט אַזוי דורכגע׳חנ׳ט מיט די אויגען פונ׳ם קליינשטעטעלדיגען, היימיש־טיפּישען אידען. מיט די אויגען פון מענדעלי מוכר ספרים.

די ווייץ־פעלדער איב׳ם פרימאָרגען שיינען אים ווי געל־גאָלדענע ראַצעמאָרענע פּאַסען. מיטאָג־צייט, ווען אַ מידע, פאַרטראַכטע סאָראָקע וויגט זיך אויף אַ צווייגעל און איר קעפּעל טוּכט אויף און ווערט צוריק פאַרפאַלען צווישען די בלעטער פון בוים, זעט ער אין איר אַ אידעלע אין אַ טלית׳ל, שאָקלענדיג זיך אין דאַווגען און פאַלענדיג תחנון. מנחה־צייט שוועבען שוין ארום די באַבעטשקעס רייד־געקליידט אין אַטלעס, סאַמעט, מאַרע־אַנטיק, מיט טייערע צירונג, „כאַפּען אַ טענצעל“ און דער סאָלאָוויי „קנאַקט, צעלאָזט זיך אויף זיין העלזעלע. מאַכט זיסע שטייגער“. אַביסעל שפּעטער, אין וואַלד, אָטעמט די נאַטור מיט אַ שווערער מורה־שחורה, די בוימער ברעכען מיט די הענט (מיט די צווייגען), ווייגען פון שלאָף און פאַרנעמען דעם קלאָג פון אַ טויטער פויגעל־מוטער וואָס קומט זיי צו חלום. און צווישען אונזער מוכר־ספרים׳ניק און דעם משונה טאָל, לעבען וועלכען ער שטייט אין בין־השמשות׳דיגען חושך, „מעקלערט זיך אוים עפּעס אַ מין שותפות־געשעפטעל, אַ קאָמיסיע“ פון שרעקלאַכע פאַנטאַזיעס.

ווערליג אַ פּאָעט און אַ מאָלער, וואָס איז נאָך אַזוי טיף דורכגעדרונגען מיט אידישען באַוואוסטזיין, איז אַבראַמאָוויטש ניט נאָר אַ מאָלער פון דער נאַטור און לעבעדיגע זאַכען, נאָר, נאַטירלאַך, אויך פון מענשען, אם בעסטען פון אידען. און ווירקלאַך, אויב אַבראַמאָוויטש האָט ניט געשאַפען קיין ברייטע, פעסטע טיפּען אַזוי ווי שלום־עליכם, אַחוץ דעם גרויסען טיפּ מענדעלי מוכר ספרים (וועגען וועלכען עס וועט אויסקומען צו ריידען אין דער דריטער לעקציע איבער אַבראַמאָוויטש׳ן), האָט ער אָבער געשאַפען אַ גרויסע גאַלעריי פון קלענערע אידישע פאַרשוינען. האָט ער מייסטערהאַפט אויסגעמאָלען דעם אידישען המון, דאָס אידישע געזעמעל. האָט ער אַזוי פעסט און דויערהאַפט אויסגעמאָלען פיל סצענעס און זיטען פון אַלט־אידישען לעבען, דאָס — אויב עס איז איבערהויפּט דאָ אַזאַ זאַך ווי אייביגקייט אין דער ליטעראַטור — מען קען כמעט זאָגען, אַז ער האָט זיי פאַראייביגט.

שוין אין „קליינמענשעלע“, ביי דער גאַנצער ניט־בעלעטריסטישקייט פון בוך, האָבען מיר, אַחוץ די פיגור פון יצחק אברהם אין זיינע אינגעלשע און בחור׳שע יאָרען, אַ לאַנגע רייע סצענעס פונ׳ם לעבען פון אידען פון פאַרשיידענע קלאַסען, סצענעס, אין וועלכע פאַרשיידענע פיגורען רוקען זיך ארויס העל און קלאָר. סצענעס וואָס זיינען אַזוי בילדלאַך און אַזוי אָנגע־זאַפּט מיט מענשלאַכקייט אַז זיי שטייען און גייען פאַר די אויגען. אַזוי האָבען מיר דאָ אַ בילד פון דער דאַמאָלסדיגער תלמוד־תורה, פון שוסטערשען און שניידערשען לעבען, פון לעבען פון אַ משרתל אין קראָם, סצענעס פונ׳ם

לעבען פון חזנים און משוררים. יעל כולם דאס אומפארגעסלאך בילד פונ'ם באהעלפער און פון זיין מארש מיט זיינע קליינע רעקרוטען אין חדר אריין.

„האט זיך אנגעהויבען דער משונה־ווילדער מארש, וואס מען האט אים געמעגט אויף חידושים אנקוקען. פארויס און הינטער מיר לויפען, שפרינגען, קריכען אינגלאך אין דער „פאלנער פארמע", מיט ארויסגעשטעקטע העמדלאך און אונטען פונ'ם שפענצער. דער גייט טרויעריג מיט אן ארפגעלאזענעם קאפ, ווי צו דער שחיטה, יענער האלט א שטיק ברויט מיט אן איי און עסט, איינער מאכט קוקוריקו! און דער אנדערער ציגעלע מע־מע־מע! איך אליין גיי האפעדיג אין דער מיט, אנגעלאדען אין די קעשענעס, אין דעם בוזעם, אין א קוישעל אויפ'ן ארעם פלעצלאך מיט פוטער, ברויט באשמירט מיט שמאלץ, ריפטלאך ברויט מיט א ווידעל פון א הערינג... און פיר פון ביידע זייטען ביי די הענטלאך צו האלב טויט אינגלאך. א טייל אינגלאך כליפען, סמארען מיט דער נאז, א טייל שפארען זיך איין און ווילען ניט גיין, א טייל פארדרייען דעם קאפ אהינטער, וויינען, שרייען: מאמע, מאמע! הויך אויף א קול איבער דער גאנצער גאס..."

„דאס ווינשפינגעריל", כאטש אין זיין ערשטער פארמע איז עס געבוירען געווארען אין א יאר, העכסטענס צוויי, נאכ'ן „קליינמענשעלע", איז א ריזיגער שריט פארווערטס אין אבראמאוויטש'ס קאריערע. אחוץ דעם בילי־גען ראמאנטיזם אינ'ם סיפור המעשה, פלאנטערט זיך אויך דא אבראמא־וויטש דער משכיל אבראמאוויטש דעם מאלער צווישען די פיס. נאר אבער ווייזט ער זיך דא א סך זעלטענער איידער אין „קליינמענשעלע" און, ווייזענ־דיג זיך, רעדט ער שוין איצט א סך מער איינגעהאלטען איידער פריער, מיט ווייניגער שפאט איידער פריער, אפטמאל אפילו מיט רחמנות. וואס פאלט אריין אין ליבשאפט.

דא האט שוין אבראמאוויטש אריינגעקוקט טיפער אין דעם אידישען לעבען און עס א סך אידעלער פארשטאנען. ניט בלויז אויסערלאכע פאר־מען מאלט ער דא, נאר די טיפסטע גלויבונגען, דעם אלט־פרענקיש אידישען בליק אויפ'ן לעבען, די אידישע פאלקס־פילאזאפיע און פאלקס־פסיכאלאגיע, אידישע לעגענדעס און איבערליפערונגען.

וואס פאר א גרויסער חילוק צווישען דער שילדערונג פון יצחק אברהם'ס קינדהייט און צווישען הערשעלע'ס. דארטען זיינען געווען א סך אויסערלאכע באוועגונגען, ענדערונגען, פאסירונגען. דא זיינען דא אויך גענוג אויסער־לאכע פאסירונגען, הגם ווייניגער ווי דארט. דערפאר וויפיל מער הארצענס־עראייגניסען, וויפיל גייסטיגע ערפארונגען. דאס בעסטע דארט ווערט באַ־שריבען, דא ווערט דאס דערפארשט און געשילדערט. דאס זעלבע איז אויך מיט די איבעריגע מענשען פון דער דערציילונג, מיט די סצענעס, וועלכע זיינען אויסגעמאלען אין דעם הינטערגרונד.

„דאס ווינשפינגעריל" איז נעמלאך זייער א גרויס בוך. צייטענוויים דאכט זיך מיר, אז אין ריין־בעלעטריסטישער הינזיכט איז עס אבראמא־וויטש'ס „שעדעווער". עס איז א גרויס בוך מיט זיין טיפער און פיינער פאר־שטענדניש פונ'ם אידישען קליינשטעטלדיגען לעבען, מיט די צאלרייכע ווארימע באשרייבונגען פון אידישע זיטען, פירונגען און סצענעס, מיט'ן רייכען און טיפען,—טיף ניט נאר מיט'ן איצט נאר אויך מיט'ן אמאל—אידי־

שען נשמה־לײדען. „דאס װינשפינגעריל“ איז דאס גרויסע בוך פון דער אידישער סביבה מיט אירע פרייד און לייד (זע, צום בײשפּיל, דאס קאבצאנסקער זומער־נאכט בילד, װען די בעלי־בתים זײנען אויסגעלײגט אויפ׳ן מארק, קוקען אויף די שטערען און װינשען זיך צו האבען אזוי פיל געלט, זע אויך די ימים־נוראים׳דיגע בילדער), פון דער אידישער סביבה, ניט נאר אויסערלאך, נאר אויך טיף, טיף אינעװײניג, ניט נאר מאטעריעליש און עקאנאמיש נאר אויך גײסטיג. אין אמת׳ן האט אבראמאװיטש דעם באגריף סביבה פארשטאנען אזוי ברײט און טיף װי זעלטען װער. האבען מיר דא פולע הויפענס מיט גאלדענעם נשמה־שטויב װאס פילט אן די גאס פון אידישען שטעטעל: די טיף אײנגעװארצעלטע ירושה־פעדים פון גלויבונגען און אבערגלויבענס, חלומות, האפענונגען, שרעק און שטימונגען, מעשות, שפּילערײען, אינסטיטוציעס, באציאונגען, אן א שיעור אידישע נשמה־און־פאלקס־געװעבען.

עס איז אנגענומען אין דער אידישער ליטעראטור־קריטיק צו מאכען א פארגלײך צװישען „װינשפינגעריל“ און „פישקע דער קרומער“ און עס זײנען דא באזונדערע מײנונגען װעגען דעם װעלכע פון די צװײ איז גרעסער. עס דארף אבער פארשטאנען װערען, אז די צװײ װערק זײנען אײגענטלאך פון צװײ באזונדערע זשאנרען, אז בײדע װערק קענען גרויס זײן אין צװײ באזונדערע הינזיכטען.

„דאס „װינש־פינגעריל“ איז פיל װארימער, ד. ה. פיל מענשלאד־פסיכאלאגישער געשריבען. עס איז א גרויס, גײסטיג בילד פון אידישען שטעטעל. דער אידישער המון װערט דא געמאלען זיצענדיג אויף זײן ערד. מיר זען אים אינאײנעם מיט זײנע װארצלען, ממילא זען מיר אים טיפער און זענדיג אים טיפער זען מיר אים אויך ליבלאכער. אויך „פישקע“ איז א בוך װעגען אידישען המון, אבער דערדאזיגער המון איז דא ראשית אונטערװעגענס, קען ער אונז שוין, אין בעסטען פאל דא ניט פארגעשטעלט װערען אזוי טיף װי דארט, און צװײטענס, װאס דאס איז פיל ערגער, װערט דא דער דאזיגער המון אײגענטלאך גאר ניט געמאלען, נאר מען דערצײלט פון אים, מען שטעלט אים פאר פאר׳ן לעזער אין אמת׳ען נאר אויף א פובליציסטישען אופן.

װאס איז שייך די צװײ הויפט־העלדען, איז גאר קײן פראגע ניט, אז פישקע׳ס געשטאלט קומט ניט צו הערשעלע׳ס. ניט װײל יענער איז אײדעלער. פישקע איז אויך ניט גראב, כאטש ער איז אן אונטערשמײסער אין א באד און גײט אום איבער די הײזער. נאר דערפאר, װאס פישקע רעדט מער אײדער ער פילט און דײנקט און הערשעלע פילט און דײנקט מער אײדער ער רעדט. הערשעלע פילט און דײנקט פון סאמע קינדהײט אן: מיט פישקע׳ס געפילען באקענען מיר זיך ערשט, װען זײן טראגעדיע פאנגט זיך אן. פישקע לעבט אויסערלאך, זײן לעבען װיקעלט זיך פאנאנדער, אזוי װי זײד אדער טול ארום א קלעצעל, ארום די פיל פאסירונגען, װאס קומען מיט אים פאר; עס שפּריצט ארויס אין דרויסען אזוי װי א קינסטליכער פאנטאן, און די טראפענס װערען באלד צערונען. הערשעלעס לעבען גראבט אינעװײניג

אזוי ווי א ווילדער אונטער־דרערדיגער קוואל און צעפלייצט זיך, הגם אומגעזען פאר'ן אויבערפלאכלאכען אויג, ווייט איבער א מורא'דיגען שטח.

דערפאר, פון דער אנדער זייט, האבען מיר אין „פישקע", ווי שוין אנגעוויזען, אזוי פיל גרויסארטיגע און אידישע נאטור־פאעזיע. דערפאר איז „פישקע" א אידישע אידיליע, דאס הייסט די מענשען לעבען דא אויפ'ן שויס פון דער נאטור און זיי גיסען זיך מיט איר אזוי הארמאניש צונויף און זיינען אזוי פיל משפיע איינס אויף דאס צווייטע. דערפאר האט אין זיך „פישקע" אזא עפישע רואיקייט, אזא פייערלאכע ווירדיגקייט, דערפאר קומט דא אזוי עפיש גרויס און סקולפטורנע בולט ארויס די פיגור פונ'ם טיפ מענדעלע מוכר ספרים, דערפאר שטראמט פון דערדאזיגער פיגור ארויס אזא פריש־מונטערער אמת'דיג אידילישער הומאר. (מער וועגען דעם טיפ מענדעלי און אבראמאוויטש'ס הומאר אין דער דריטער לעקציע).

דערפאר איז דא אויך א סך זיכערער אונזער דיכטער'ס טעכניק. פאר די עטלאכע יאר פון זינט „דאס קליינמענשעלע", איז אבראמאוויטש'ס געצייג פיל פיינער און קראפטיגער געווארען. זיין פארב איז קלערער, לויטערער געווארען, זיין פינזעל — דעליקאטער, ווירקזאמער. אויסערלאך־ממשותדיג זיינען די בילדער פון „ווינשפינגעריל" ווייט ניט אזוי אפגעטאקט, אפגערונדעוועט ווי די פיגורען פון „פישקע".

ניטא פיל צו זאגען וועגען „שלמה ר' חיים'ס". דאס ווערק איז מער אויטאביאגראפיע (עס גרייכט אבער נאר ביז אבראמאוויטש'ס בחור'שאפט) ווי דערציילונג. עס איז געקומען, ווי אבראמאוויטש דערציילט אין דער הקדמה צום בוך, אויף דער בקשה פון זיינע ליטעראַרישע פריינד, וועלכע האבען געוואלט האבען פון אים א בילד, אי פון זיין אייגען לעבען, אי פון דער ווייטלאך־אפגערוקטער אידישקייט פון זיינע יונגע יארען. דאס בוך איז אלזא א ווייטע ערינערונג, א ווייטער רעטראספעקט און אין דעם ליגען אי זיינע מעלות אי זיינע חסרונות.

די מעלות זיינען ערשטענס אין דעם קולטור־היסטארישען ווערט פון די בילדער (הגם קיין צופיל נייס לגבי אבראמאוויטש'ס פריערדיגע שילדערונגען זיינען דא ניטא), צווייטענס אין זייער פיינער און זיכערער צייכענונג, אין זייער אבסאלוטער פעלערלאזיקייט. ניטא דא נאטירלאך קיין סימן פון מגידות אדער השכלה.

און דאך מאכט דאס בוך א וואכעדיגען איינדרוק. עפעס דאכט זיך האבען מיר דא צו טאן מיט א זאמלער און ניט מיט קיין בעלעטריסט. דאס קומט פון דער שוין צו שטרייכגער אביעקטיוויטעט פון דער זאך. עס פעלט דא אינגאנצען דער פערזענלאכער עלעמענט. ממילא האבען מיר דא ניט די ווארימקייט פו'ם לייכט־לירישען „ווינשפינגעריל" (שוין ניט ריידענדיג וואס „שלמה" איז ביז א היבשען גראד אן איבער'חזר'ונג פון „ווינשפינגעריל") און אויך ניט די פייערלאכקייט פון עפישען „פישקע".

(פראגעס און דערמאנונגען: פרואווט אייך אליין קלאר מאכען, אין קורצע ווערטער, דעם חילוק פון א ליריש ליד ביז אן עפיש געדיכט. — וואס איז אן אידיליע?

— מיט וואס שיידט זיך אפ אבראמאוויטש'ס נאטור־מאלעריי פון דער פון אנדערע אידישע שרייבער? — פון אלע אויסגערעכענטע ווערק, וועלכעס איז דאס פסיכאלאגישסטע און פאר וואס? — וואס פאר א פסיכאלאגיע מיינט מען דא: אינדיווידועלע, פאלקלאכע אדער ביידע? — וועלכע מענשען איז „ווינשפינגעריל", אחוץ הערשעלע'ן, קומען ארוים אם העלסטען? — פרואווט אנצייכענען צו עטלאכע שטריכען פון זיי. — טייטשט אפ וואס מיינט מען מיט סביבה: מטעריעלע, מאראלע.)

דריטע לעקציע: — דער טיפ מענדעלי מוכר ספרים. — אבראמאוויטש'ס הומאר און סאטירע. — „די קליאטשע".

(לייענען: ש. י. אבראמאוויטש: הקדמת מענדעלי מוכר ספרים, א. א. וו. (די הקדמה צו דאס „קליינמענשעלע"), „מסעות בנימין השלשי"; די קליאטשע"; די ערשטע 60־70 זייטען פון סערוואנטעס' „דאן קיכאט"; די ערשטע פינף קאפיטלאך פון טשארלז דיקענס' “Pickwick Papers”

בכלל האט אבראמאוויטש ניט באשאפען קיין קלארע, פעסט־געשטעלטע, ברייטע טיפען פון אידישען לעבען, אזעלכע וואס זאלען ארומכאפען א ברייטען קלאס אידען און וואס זאלען זיין אזוי אלגעמיין אנגענומען, אז ווי נאר מען זאל זיי דערמאנען ביים נאמען, זאל מען גלייך וויסען וואס פאר סארט מענשען מען מיינט, א שטייגער ווי ווען מען זאגט ארוים „האמלעט", אדער „דאן קיכאט". איין טיפ האט אבער אבראמאוויטש יא באשאפען. דאס איז מענדעלי מוכר ספרים.

מענדעלי מוכר ספרים איז אבראמאוויטש'ס פסעוודאנים, דאס איז אבער ניט בלויז א פאלשער ליטעראַרישער נאמען. דאס איז א פיגור, א מאכטיגע, א שטארקע, א קלארע. מענדעלע איז גאר ניט דאסזעלבע וואס אבראמאוויטש אליין, הגם זיי האבען געוויסע ענלאכקייטען איינער צום צווייטען און ווען־ניט־ווען פארבייטען זיי זיך אפילו מיט זייער טאן און לשון. מייסטענטיילס איז מענדעלע א באזונדער מענש, וועלכער עקזיסטירט אויסער אבראמאוויטש'ען און איז פונקט אזוי אפגעטיילט פון אים ווי אבראמאוויטש'עס אנדערע העלדען: ווי הערשעלע אדער פישקע דער קרומער, אדער יצחק אברהם תקיף. מענדעלע ווערט געמאלען אין די הקדמות פון אבראמאוויטש'עס כמעט אלע ביכלאך, אבער אין „קליין מענשעלע" איז ער א באוועגענדיגע פיגור אין דער דערציילונג גופא און אין „פישקע דער קרומער" איז ער אייגענטלאך די וויכטיגסטע געשטאלט און פון די אלע הקדמות מיט די צוויי ביכלאך באקומען מיר זייער א קלארען, אינטערעסאנטען, טיפען

ברייטען מענשען, וועלכער פארטרעט מיט זיך א גרויסען טייל פון די קליין־שטעטלדיגע אידען. אין דער דאזיגער הינזיכט איז מענדעלע מוכר ספרים נית בלויז א מערקווירדיגער, נאר אויך א פאלקאמענער טיפ.

אבראמאוויטש האט זיין ר׳ מענדעלי׳ן אויסגעמאלען זייער קלאר, נית נאר זיין גייסט, נאר אויך זיין פנים, ווי ער זאגט אויף זיך עדות אין דער הקדמה צום „קליין מענשעלע".

„מיין שטערן איז א הויכער מיט א סך קנייטשען; און מיינע נאזלעכער זיינען זייער גרויסע און עפעס משונה. אז איך קוק מאך איך דערביי צו א ביסעל די אויגען ווי א קורצזיכטיגער, און אז איך פארצי די ליפען זעט עפעס אויס ווי איך שמייכעל מיט א שטעכענדיג געלעכטערעל."

און דערדאזיגער איך מיט דעם שטערן פון א תלמיד חכם, מיט דער „דזשי־קייט" פון א קליינ־שטעטעלדיגען אלט־מאדישען אידען אין זיין פנים, און מיט דעם שטעכיגען שמייכעל פון א קלוגען טרוקענעם מתנגד, פארט ארום מיט ספרים, סגולות, שמירה׳לאך, אביסעל היינטיגע זאכען, מעש און קופער־ווארג אין זייןביידעל און שידוכים אין זיין קאפ, פון שטעטעל צו שטעטעל, קוקט זיך צו צו אלץ, קלייבט אן א גבאי׳ס בעל־הבתישע פילאזאפיע, א סך ווערטלאך, באמערקונגען, זיפצען און קרעכצען און איינדרוקען פון דעם ביי־טערען, משונה־אומנאטירליכען אידישען לעבען. אבער ער איז נית בלויז א פאסיווע פערזאן, ער איז אקטיוו. ער האט א שם פאר זיין חכמה, ער שפילט א ראליע אלס מוכר ספרים. אמאל דרוקט ער אליין אפ א ביכעל אויך און וואו ער קומט לייגט ער זיך גלייך אריין אין שטעטעלדיגע זאכען און העלפט איינפירען תקנות.

מענדעלע איז א בעל יושר, האט א גלאטען קאפ, א גראדען בעל הבתישען שכל און בעל הבתישע השגות, ווערט פון אלץ וויניג וואס נתפעל. ער האט שוין זיך אנגעזען גענוג אויף דער וועלט. ער האט זייער ליב אמאל עמיצען א שטאך צו געבען, נאר אז ער זעט, אז ער האט געטראפען און יענעם טוט וויי פארדריסט שוין אים. ער שטייט צווישען די אלטע. אבער ער האט אויך א חוש פאר די יונגע, דאס הייסט ער איז טאקע אן אלטער, אבער א קלוגער אלטער, דערפאר פארשטייט ער זיך א ביסעל אויך אויף די יונגע. ער ווייס זיין אייגענע ווערדע און פילט זיך טאקע א ביסעלע ברייטלאך מיט פראסטע מענשען. ער קען אויסקומען מיט יעדען מענשען, ווייס ווי צו ריי־דען מיט א מורה מוראה און מיט א גראבער ישוב׳ניצע. אז מען דארף קען ער געבען א חניפה׳לע אויך. און וואו ער קומט, ווערט דארט עפעס ליכטיג אין די אויגען. זייער א באקאנטע זאך מענדעלע, ער ברייגנט שטענדיג נייס: אגב איז גלאט גוט צו ריידען מיט א קלוגען אידען. הכלל מענדעלע איז א חכם־עתיק, א לאנד־חכם.

און דעמדאזיגען ר׳ מענדעלע נוצט אבראמאוויטש אויס, ער זאל זיין דער אויסזער, דער וועג־ווייזער פון די לעזער און פירען זיי בכל תפוצות ישראל און פארשטעלען זיי פאר זיי, פונקט ווי גאנאלים טשיטשיקאוו פירט ארום די לעזער פון די „טויטע זעלעס" פון איין פריץ צום אנדערען און פון איין דארף אין צווייטען.

אויף אַזוי ווייט איז מענדעלע אַ טיף, אַ ברייטער, אַ רייכער און ער לאָזט אַריין אַ סך וואָרצלען אין לעבען פון דעם אידישען פאָלק. די לעזער זען אים פאַר די אויגען און דערמאָנען זיך אויף אַ סך ענלאַכע צו אים, אויף דעם גאַנצען ריזיג־ברייטען קלאַס בעל הבתישע אידען פון די קליינע שטעטלאַך פון דעם אָנהויב פון דער צווייטער העלפט פון לעצטען יאָרהונדערט. און דער פאַקט איז, אַז פון אַלע פיגורען, וועלכע אַבראַמאָוויטש האָט באַשאַפען איז זיין מענדעלע די באַקאַנטסטע. זאָגט מען נאָר אַרויס: שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, אַזוי דערזעט מען מענדעלע׳ן זיצענדיג אויף דער קעלניע פון זיין ביידעל.

איין חסרון האָט נאָר מענדעלע, וואָס ער איז ניט שטענדיג דערזעלבער. דאָס הייסט, ער איז אַ טיפ וואָס נעמט אָן אַ ביסעל פאַרשיידענע געשטאַלטען. געוויינטלאַך איז מענדעלע אַ קלוגער, אַמאָל איז ער אָבער תמ׳עוואַטע אויך. אין „פישקע דער קרומער„ איז ער אַ פּאַטריאַרד. אַ גוטערברודער און אין „קליין־מענשעלע“, ווען ער שלאָגט דאָס פערדעל פאַר וואָס אים האָט זיך פאַרוואָלט גלופּסק, איז ער שוין אַ פּראָסטער בעל עגלה. ווען ער נעמט אַ ביסעל בראַנפען (אין „פישקע דער קרומער“) איז ער גאָר ענלאַך אויף אַן אַלטען ישוב׳ניק, וואָס איז אַריינגעטאָן אין פּראָסט־גשמיות׳דיגע זאַכען און אין „קליין־מענשעלע“, ווען ער זיצט ביים רב, מאַכט ער דעם איינדרוק פון אַ דיין. אין „פישקע“ איז ער אַ שטרייננג פרומער איד: אין דער הקדמה צום „ווינשפינגערי׳ל“ איז ער אָבער שוין ווייכער.

צו יעדער צייט אָבער איז ער כיטרע, וויצעלדיג. אַבראַמאָוויטש דערציילט אין זיין העברייאישער אויטאָביאָגראַפיע, אַז אַז ערד צו פופצען יאָר באַלד ווי ער האָט אָנגעשריבען זיין ערשט ערנסט געדיכט, האָט זיך ביי אים שוין געיאָוועט די לוסט צו שפּעטען. אַלזאָ שוין דאָן איז ביי אַבראַמאָוויטש׳ן געבוירען געוואָרען מענדעלע. דער אידישער מעפיסטאָפעל, וועלכער לאַכט אָפּ, שטעכט זיך, לאָזט אַריין שפּילקעס, כיטרעוועט. ער מאַכט חוזק פון אַלץ, פון גלויבען, פון דעם אידענס כיטרעוועט מיט גאָט, פון דעם מענשלאַכען פּראָגרעס, פון די מורא׳דיגסטע קאָפּ־העלדען. ער איז פול מיט ספקות און ווען ער דערזעט די מאַכטלאָזיקייט פון מענשלאַכער חכמה, רייבט ער אָזש אַ האַנט אָן אַ האַנט פאַר נצחון. אָבער ער איז אַ אידישער מעפיסטאָפעל און זיין האַרץ איז אויך פול מיט רחמנות און ווייטאָג פאַר די אידישע און אַל־מענשלאַכע צרות.

מענדעלע־מעפיסטאָפעל׳ס שטעכווערטלאַך ברייננגען אונז אַרויף אויף אַבראַמאָוויטש׳עס הומאָר, וואָס איז רייך און פאַרשיידענאַרטיג און דערגרייכט מאַנכעסמאָל די סאַמע העכסטע מדרגה פון הומאָר. ווערענדיג דאָרט, אין ענין הומאָר, פונקט ווי ער איז געוואָרען אין אייניגע אַנדערע ענינים, דער פאָטער און דער באַגרינדער פון דער נייער אידישער ליטעראַטור. דער לערער און וועג־ווייזער פון אירע אינגערע בויער.

ראשית איז אַבראַמאָוויטש אַ גוטער וויצלינג און זיין וויץ איז אימער באַ׳טעמ׳ט, האָבענדיג די כאַראַקטעריסטישע אידיש־מגידיש־לומדיש־השכלה־דיגע צואווירצונג פון מאַכען נייע און אַרומשפּילען זיך מיט אַלטע ווערט־

לאך, פון ארומשפילען זיך מיט פסוקים און זאגען אויף זיי פשט׳לאך, פון פאראדירען פארשיידענע נוסחאות פון דער הגדה, פון דאוונען, א. א. וו. (למשל, דער סוף פון דער הקדמה צו „די קליאטשע“ און זייט 40 אין דער „קליאטשע“ גופא — יובילייאום־אויסגאבע — אינ׳ם פאראגראף „בלילה הזה“). צווייטענס, איז אבראמאוויטש א שארפער סאטיריקער, פול מיט שניידענדיגער איראניע און ביטערען סארקאזם. אבראמאוויטש׳ס סאטירע דרינגט דורך אלע זיינע ווערק און פארדארבט זיי ניט זעלטען מיט איר אומצייטלאכקייט, מיט׳ן דיסאנאנס וואס זי ברייננגט אריין אין מיטען א סימפאניע פון נאטור־פאעזיע אדער פון אידיליש־מענשלאך לעבען. ביישפי־לען אויף דארויף צו ברייננגען איז גאנץ איבעריג: עס זאגט עדות דארויף יע־דעם בלעטעל אין „פישקע“ אדער אין „ווינש־פינגערעל“.

אבראמאוויטש׳עס איראניע פליסט ארויס פון צוויי קוואלען: פון זיין איינגעבוירענער נייגונג צו צווייפלען און שפעטען און פון זיין השכלה. אלס געבוירענער צווייפלער און שפעטער חוזק׳ט ער פון מענשלאכען פראגרעס, פון אלע מענשלאכע אויפטואונגען, פון אלע מענשלאכע טוגענדען, פון אלץ מיט וואס די מענשהייט שטאלצירט. דערדאזיגער טאן פון אלמענשלאכען חוזק, וואס לאזט זיך שוין הערען אין „ווינש־פינגערעל“, צעקלינגט זיך גאנץ מאכטיג אין דער „קליאטשע“. אלס משכיל, אלס איינער וואס קוקט, זאל אפילו זיין טעארעטיש, נעגאטיוו אויפ׳ן אידישען לעבען, אלס איינער וואס זוכט און געפינט אין דעם חסרונות, האלט ער אין איין איראניזירען סאי איבער דעם אידישען יחיד און סאי איבער דעם אידישען כלל, סאי אויף די אפשניצלאך פון אידישען גלויבען און סאי אויף אידישע תקנות. דאך איז דאס לעבען, דאס איינגע׳ירש׳נטע געפיל טיפער פון יעדער טעאריע און ניט־זעלטען ווערט אבראמאוויטש׳ס איראניע איבער׳ן אידישען לעבען דורכגע־זאפט מיט א נאבעלען, הארץ־דרייסענדיג רירענדיגען און ליבעפולען פאטאס, ווי, למשל, דאס פאלגענדע אין דער הקדמה צום „ווינש־פינגערעל“ (אלטע אויסגאבע):

„קאבצאנסק! געדיינקסטו, געדיינקסטו דעם אורח, וואס איז ביי דיר פאראיארען זומער גע־ווען? דו ביסט אויס דער הויט געשפרונגען, האסט זיך געבראכען דעם מוח: רבונו של עולם! פונוואנען האט ער זיך גענומען, ווער קען ער זיין און וואס באדארף אזעלכער האבען? דו האסט ניט געקענט פארשטיין דעם מיין זיינעם דערמיט, וואס ער איז געווען אויפ׳ן הייליגען ארט, אנגעקוקט דיין גאנצע פירונג, אלץ־מיט־אנאנדער, אויסגעווען אין אלע לעכער: אין דיין הקדש, אין דיין תלמוד־תורה, אין דיינע חדרים, דיינע שטיבלאך... געדיינקסטו, געדיינקסטו, אז ער האט פארלאנגט, מען זאל אפוואשען דעם פאל אין דער תלמוד־תורה און אין בית־המדרש, איז דיר שונאי ציון פינסטער געווארען אין די אויגען. סטייטש, אזוינס צו טאן! סטייטש, אפצעוואשען די בלאטע וואס אונזערע אבות אבותינו האבען אנ־געמאכט!... סטייטש, סטייטש!“

און, אין זעלבען בוך, אין קאפיטעל ו׳, פון דערזעלביגער אויסגאבע:

„אך גלוסט זיך עס מיר אצינד כאטש פונדערווייטענס אנקוקען דעם אידען, וואס איז אויסגעוואקסען פון יענעם אידעל, וועלכען מיר איז באשערט געווען צו זען אמאל! דענסט־מאל איז ער נאך ניט אלט געווען קיין צוויי קיילאכדיגע יאר. איך געדיינק נאך ווי היינט

זיינע צוויי פאה'קעלאך, זיין יארמעלקעלע, זיין שפענצערעל און לייבסערדאקעל. עס שטייט מיר פאר די אויגען זיין בלייך, פינסטער בנימ'על, ווי ער האט זיך אנטפליעקט פלוצים פון א קליין אלקערעל, צעשויבערט, איינגעטונקט אין פעדערען, ווי ער האט זיך פאמעלאך צוגערוקט אין שטוב צו דער מוטער, איר זיך געזעצט אויפ'ן שוים, מיט די כשר'ע הענטעלאך ארויסבאקומען איר פונ'ם בוזעם די ברוסט, געמאכט אויף זיין זים לשון א ברכה — שהכל, און געזויגען... „אמן", האב איך געענטפערט מיט טונה, באטראכטענדיג מיט גרוים נחת דאס זויגענדיגע קליינע אידעל, אויך די מאמע, געקוקט און געזאגט: א ש ר י כ ם   י ש ר א ל, אז וואויל איז אייך פאלק ישראל!"

אקעגען זשע, ווען אבראמאוויטש'ן קומט אוים אויפטרעטען פאר אידען אקעגען דער אויסענוועלט, אקעגען די וואס פארלוימדען און פייניגען זיי, ווען עס קומט אים אוים צו שילדערען די אידישע נויט, דער עיקר די נויט וואס ווערט פאראורזאכט פון פרעמדען דרוק, ווען ער גרייפט אן די, סאי די פרעמדע און סאי די אייגענע צבועצסטווע, דעמאלט, ווי מיר טרעפען עס אפט אין דער „קליאטשע", ווערט אבראמאוויטש'ס איראניע פארוואנדעלט אין דעם ביטערסטען, אין דעם שניידענדיגסטען סארקאזם — אזוי ביטער און שניידענדיג, אז דער לעזער דערפילט זיך שיר אומהיימלאך.

אנאנדער סארט הומאר, כאטש אין תוך באשטייט ער אויך פון איראניע, אבער ער איז דאך גוטמוטיגער און איז אויך ענלאך אויף דער קאריקאטורע, פילט אן דאס בוך „מסעות בנימין השלשי" (1878). מיר האבען דא דעם הומאר פון דער ספעציעלער גוזמא'דיגקייט פון ג ר ו י ס   ריידען וועגען ק ל י י נ ע   זאכען, פון ריידען מיט'ן גרויסען טאן וועגען נישטיגע מענשען און נישטיגע זאכען. „מסעות בנימין השלשי" איז כלומרשט א רייזע באשרייבונג, אין אמת'ען איז עס א גוטמוטיגער שפאס איבער א נאריש־איינגעבילדעטער בטלנישער פאנטאזיע און א בטלניש בלאנדזשען. זויף אזוי פיל דערמאנט דאס בוך אויף טשארלז דיקענסעם "Pickwick Papers" און עס דארף דאכט זיך קיין ספק ניט זיין, אז דאס אידישע בוך איז צום טייל באאיינפלוסט געווארען פונ'ם ענגלישען, בשעת, פון דער אנדער זייט, קלינגען אין „מסעות בנימין" טענער פון דער דעמאלטדיגער העברייאישער ליטעראטור, מיט וועלכער אבראמאוויטש האט קיינמאל ניט אויפגעהערט שטארק זיך צו רעכענען. און, עס דארף דאכט זיך ניט זיין קיין ספק, אז דער הויפט געדאנק דאס בוך צו שרייבען האט געמוזט קומען פון סערוואנטעס' „דאן קיכאט". דער פאראלעליזם פון די צוויי ביכער ליגט אויבען־אויף.

פונקט אזוי ווי סערוואנטעס' העלד באשליסט זיך א ריטער צו ווערען און אוועקצולאזען זיך ריטערלאך דער וועלט'ס עוולות צו פארריכטען א דאנק די ריטערלאכע געשיכטען וואס ער האט זיך אנגעלייענט, אזוי לאזט זיך אבראמאוויטש'ס העלד אוועק זוכען די רויטע אידעלאך און די עשרת־השבטים און דערגיין עפעס וועגען משיח'ן, אונטער דער ווירקונג פון די פאנטאסטישע אלטע אידישע רייזע־באשרייבונגען און ספרימ'לאך וועגען דעם קץ וכדומה. דער פאראלעליזם ווערט צום גרויסען טייל אויך אנגעהאלטען בנוגע דעם כאראקטער פון די צוויי העלדען: בנימין איז ניט קיין קלענערער חכם פון דאן קיכאט'ן און אין זיין אייגענעם קרייזעל איז ער באלד אזוי נאבעל. נאכ־

מער ווערט דער פּאַראַלעליזם אויסגעהאַלטן בנוגע זייערע באַגלייטער. סענדערל די אידענע איז פּונקט אַזוי דער פּראָזאַיִש־גשמיות׳דיקער און פּראַקטישער קעגנזאַץ פֿון דעם בטלניש־פֿאַר׳חלום׳טן בנימין׳ען ווי סאַנטשאָ פּאַנזאַ איז דער פּויעריש־מגושם׳דיקער און פּויעריש־דורכגעטריבענער קאָנטראַסט פֿון דעם אין זיין ריטערלעכן קיווער און ריטערלעכע פֿאַנטאַזיעס קאָנצענטרירטן דאָן קיכאָט.

די סביבה און דער פּאָרטראַכטער סוזשעט גופא פֿון „מסעות בנימין השלישי“ זיינען אָבער ניט מסוגל פֿאַר קיין סך סבות. פֿריער־שפּעטער מוזן אונזערע העלדן, וועלכע זיינען קאַפּאַבל שוין בערדיטשעוו און איר גנילאַפּיאַטעוויקע אַנצונעמען פֿאַר אַ פֿאַנטאַסטיש לאַנד און אַ פֿאַנטאַסטישן טייך, אויסצוגעפֿינען זייער טעות; גאָר פֿרי מוז דאָס בלאָנדזשעניש קומען צו אַ סוף און אַבראַמאָוויטש באַנוצט זיך מיט׳ן קאַפּיטעל פּאַמאָניקעס — פֿון דער אידיש־רוסישער היסטאָריע, — פּונקט ווי ער האָט זיך מיט אים שוין געהאַט באַנוצט אין „ווינשפֿינגערל“, און האַקט אָפּ בנימין׳ס און סענדערל׳ס רייזע אין מיטן.

עס איז ניט מעגליך געווען די זאַך לייגער צו ציען און פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דעם אייגנאַרטיגן אָבער אויך איין־טאָניקן הומאָר, וועלכער הויבט זיך שוין אָן צו עסן, איז די זאַך סאַי ווי שוין געווען געגנוג לאַנג. אויסער דעמדאָזיקן ניט צו העכסטן הומאָר איז אין בוך ווייניק וואָס פֿראַן. אַ חוץ אַ פּאָר קלענערע, אי דאָס אין אַבראַמאָוויטשעס קאַריערע ווייט ניט קיין צו נייע, נאַטור־באַשרייבונגען און אייניקע פּאָטאָגראַפֿיש־קאַלטע באַשרייבונגען פֿון אידישע זיטן (למשל, די באַשרייבונג פֿון גלופּסקער־באַרדיטשעווער בלאָטעס און רינשטאָקן, זייט 81, יובילייאום אויסגאַבע).

אָרים אין פּאָעזיע, אין פּאַטאָס, פּלאַך אין דער שילדערונג פֿון דער אידישער סביבה און ניט האָבנדיק אַבראַמאָוויטש׳ס העכערן הומאָר, פֿאַרנעמט „מסעות בנימין השלישי“ אַ קלענערן אָרט אין אַבראַמאָוויטש׳ס שאַפֿן, קלענער ניט נאָר פֿון „ווינשפֿינגערל“ און „פֿישקע דער קרומער“, נאָר אַפֿילו אויך פֿון „קליינמענטשעלע“.

אַבראַמאָוויטש׳עס עכטער און העכסטער הומאָר, ווי עכטער און העכסטער הומאָר בכלל, איז אַ פּאָזע פֿון זיין פּאָעזיע. עס איז דער אויסדרוק פֿון זיין לעבעדיקייט און לעבענס־פֿרייד. דאָס פֿרייט זיך דער מאָלער און פּאָעט מיט וועלט און לעבן און מיט די בילדער דורך וועלכע זיי מאַניפֿעסטירן זיך. דאָס פֿרייט זיך דער מאָלער מיט געזונטע, לעבעדיקע מענטשן: דאָס פֿרייט זיך דער אידישער פּאָעט מיט דער אָריגינאַליטעט, לעבעדיקייט, אייגנאַרטיקייט און אינטערעסאַנטקייט פֿון אידישן לעבן און אידישע מענטשן. אַזוי האָט אַבראַמאָוויטש דעם טאָן פֿון אידישן הומאָר אָנגעשלאָגן. אַזוי — נאָך מיט מער גליקזעליקייט פֿון זיין גליקלאַכער נאַטור — האָט אים שלום עליכם, אין זיינע גליקלאַכסטע מאָמענטן — נאָכגעלאַכט.

אַ גוט ביישפּיל פֿון אַבראַמאָוויטש׳ס עכטסטן, פֿרישסטן הומאָר איז דאָס פֿאָלגנדע עפּיזאָדעלע פֿון „קליינמענטשעלע“ (אפשר איז דאָסדאָזיגע

עפּיזאָדעל טאַקע דער פּראָטאָטיפּ פון שלום עליכם׳ס באַרימטען „טעפּעל"). יובילייאום אויסגאַבע, זייטען 70-71:

„—וואס זאל איך זאגען? — ענטפערט בעני, א קראַץ טוענדיג זיך אין דער פּאַטילניצע — עט, גארנישט, זאג איך. געלט פאר׳ן חודש האב איך שוין ביי דער רב׳יצין אָפּגענומען. וואסער נאך נעכטען ביינאכט די אלע זעקס מאל אפּגעגעבען. האב נעכטען די גאנצענע נאכט געהאט דאס פירעניש. רבי יצחק אברהם׳ס שטארב האט מיך, נישקשה, גוט אפּגעפירט, די שיינע מיינע „בולע־בתים" לעבען אים אין שכנות, האבען דאס וואסער אויסגעגאַסען, מו, נישטא וואסער, נישטא מיט וואס צו קאכען. ווער שולדיג? דער וואסער־פירער, איך שולדיג — יענע גלוסט זיך שטארבען, נו, מילא?... די גאנצע נאכט ניט געשלאפען. אקעגען טאג, אז צוגעמאכט אז אויג האב איך, קומט וועקט די מאמע, זאל לעבען, מיך, וועקט מיך: בעני, בעני, שטיי אויף, די טיר פּאַרקייטעל, בעני... אויפ׳ן פּריפּעטשיק צוגעשטעלט א טעפּעל קאליש האב איך, גיב דו אכטונג צום טעפּעל קאליש... דרעמעל איך, הארך איך — פּיק, פּיק, פּיק. דער האן מיט די הינער, אין דרערד אריין, שטייען פּיקען א ריפּטעל ברויט, געשמאק אויפ׳ן טיש פּיקען זיי. אקיש! שריי איך. אקיש דיר היינט, אקיש דיר מארגען, וואס ווייסען הינער? פּיקען טאקע אלץ. באדארף גראד, א, אין דרערד אריין, ליגען א הילצערנער לעפעל, א פליישיגער, כאפּ דעם לעפעל, לאז מיך צו די הינער הארך איך, לויפט אויפ׳ן פּריפּעטשיק, מיינער כאפּט שטעקט אריין, ניט הינער אריין, דעם פליישיגען לעפעל אין דעם מילכיגען טעפּעל אריין און מאכט אן א שאלה! דער לעפעל פליישיג, רבי, וואָדען? פון דערנייי, דאך גיט געקארבט מיט דריי קארבען, ווי א אידיש מילכיג לעפעל... דאס טעפּעל מילכיג, עס שטייט דאך תמיד פון׳ם פּריפּיטשיק אויף דער מילכיגער באנק. זינט מיין ציג מיר ג׳פגר׳ט, איז אוים מיר מילך, א פייג מיר מילך!... היינט, רבי, פּסק׳ענט מיר א שאלה!

— עפּעס א גרויס טעפּעל? — פרעגט דער רב.

— גרעסער פון מיין קאפּ — ענטפערט בעני — אפשר א קענען אז עמער. איך זופּ מיך דערמיט אן פול ווי א פּעסעל און ארבעט אוועק דעם גאנצען טאג „אן א פּאפּאס".

ענלאך איז דער הומאר פון די סצענעס — אויך אין „קליינמענשעלע" — פון׳ם באהעלפער׳ס מארש אין חדר, פירענדיג זיין כאפּטע חדר־אינגלאך. פון דער סצענע אין „ווינשפינגערל", וואו די שטעטעלדיגע אידען ליגען אויסגעשפּרייט לעבען זייערע הייזער אין אן אויסגעשטערנטער, זומערדיגער נאכט, מיט די בייכער ארויף, קוקען אויף דער לבנה און זען אין איר יהושע בן נון׳ס פּנים, ציילען די שטערען און ווינשען זיך אזוי פיל געלט. ענלאך איז דער הומאר פון דער סצענע אין „פישקע", וואו דער בגילופינ׳דיגער מענדעלע בראדזשעט איבער פעלד און גערטנער, פירט פריילאך א שמועס מיט זיך אליין און וויטעט זיך מיט בוימלאך.

זייער א הויכען ארט אין אבראמאוויטש׳ס שאפען, אין עטלאכע הינזיכטען טאקע דעם העכסטען, פארנעמט „די קליאטשע" (1873). סאי טעכניש און סאי אינערלאך פארנעמט „די קליאטשע" גאר א באזונדערען ארט, ניט נאר אין דער אידישער ליטעראטור, נאר אויך אין דער ליטעראטור בכלל. זייענדיג פּאעטיש איז זי דאך גלייכצייטיג אויך פּובליציסטיש, דאך פארמאגט די פּובליציסטיק אזא צוזאמענגעפּרעסטע בילדלאכקייט, אז אפילו אירע

מער פּראָזאַאישע ערטער פינקלען מיט פּאָעזיע. עס איז אַ ווערק מיט אַן איי־גענאַרטיגער סטרוקטור; עס איז אַן אַלעגאָריע מיט זיבען שלייערס, וואו אַ מעשה איז געוויקעלט אין אַ מעשה, אַ כונה געוויקעלט אין אַ כונה. עס איז אַ זעלטענע מאָזאַיקע: אַן אייראָפּייאישער אינהאַלט, מיט אייראָפּייאישע געשעענישען, איינגעוויקעלט אין אַ כמעט אָריענטאַלישער פאָרמע.

אַ פּאַראַדאָקס אין פּאָרטראַכטען און אַ פּאַראַדאָקס אין דער אויספי־רונג. מיר האָבען דאָ אַ משכיל, איינעם וואָס האָט זיך דערצויגען אויף די אידעאַלען פון דער רוסישער השכלה, איינעם וואָס די רוסישע השכלה האָט אים אָנגעטרונקען און באַגייסטערט, איינעם וואָס איז איר גרעסטער טאַ־לאַנט — דאָך קומט ער און בידים גיט ער איר אַ טויט־קלאַפּ, דערקלערט זי באַנקראָט און ברענגט זי צו קבר ישראל. „קיין מאַנץ גייט ניט פאַר'ן עסען!“ ענטפערט די קליאַטשע־כנסת ישראל אויף ישראל'יק־משכיל'ס שתדלנות פאַר איר ביים ליבעראַליזם (די חברה צער בעלי חיים) און אויף זיין תשובה, דאָס ווען די קליאַטשע וועט זיך אויסלערנען די קונצען פון לייטישע פערד (וועט זיך „ציוויליזירען“, מקיים זיין די השכלה'ישע אידעאַלען), וועט זי זיך מעגען פריי פיטערען אויף דער לאָנקע צוגלייך מיט אַלע פערד. און מיט'ן דאָ־זיגען שלאָגוואָרט, וואָס איז דער קלימאַקס און די קווינט־עסענץ פון דער „קליאַטשע“, מאַכט דער משכיל אַבראַמאָוויטש אַ מיאוסען סוף צו אַלע תחנונים און ערוואַרטונגען פון די רוסישע משכילים פון די זעכציגער יאָרען מצד דער „ליבעראַלער“ רוסישער רעגירונג.

אָבער די „קליאַטשע“ איז אויך אַ פּאַראַדאָקס אין דער אויספירונג. שרייבט דאָך דאָ אַן אייראָפּייער, איינער וואָס האָט אין זיך איינגעזאַפּט די אייראָפּייאישע בילדונג, די אייראָפּייאישע ליטעראַטור און ווייס אַזוי גוט, אַז אַ קונסט־ווערק דאַרף סימעטריש זיין — דוקא ניט־סימעטריש. אַ מגיד אין סטיל, ציט עס אַבראַמאָוויטש'ן צו דער געפלאָכטענקייט, געקייטעלטקייט און פאַרשיידענאַרטיגען געוועב פון דער מגיד'ישער דרשה אויך אין דער קאָמפּאָזיציע. דערמיט האָט אַבראַמאָוויטש אַן אינטערעסאַנטען וואונק גע־געבען צו די צוקונפטיגע דורות, ניט נאָר בנוגע דעם אינהאַלט פון דער אי־דישער ליטעראַטור, נאָר אויך בנוגע איר טעכניק, אַ וואונק וועלכען מען האָט ביי אונז ליידער אַ לאַנגע צייט ניט פאַרשטאַנען און ערשט די לעצטע יאָרען (פּרץ אין איניגע חסידישע און פאָלקסטימליכע געשיכטען, דער נסתר) הויבט מען אים ביי אונז אָן צו צעקייען.

זייענדיג אין עצם מער מגיד איידער נאָוועליסט, קומט ממילא אויס, אַז אין אַ ווערק וואָס פּרעטענדירט גאָר ניט אויף קיין דערציילונג, און איז ניט געבונדען פון דעם סדר און אָרדענונג וואָס פאָדערען זיך אין אַ דערציילונג, אַז דאָרט דאַרף זיך אַבראַמאָוויטש'ס מגיד'ישער טאַלאַנט פילען אַם פריי־סטען און דאַרף אַרויסווייזען זיין גרעסטע גאונות, זיין גוואַלדיגסטע זאַגעריי. דאָרט פילט זיך אַבראַמאָוויטש פריי צו דרש'ענען פסוקים, צו זאָגען תורה, צו חקר'ענען זיך, פילאָזאָפירען, צעגיסען זיך אין יאָמערען און געשרייען. דאָרט קען ער זיך פריי אָפּריידען פון הארצען, קלאָגען אויפ'ן עבר, רייסען קברים, דורכנעמען די נשמות פון עולם מיט אַ מוסר, וואָס שטעכט ווי מיט

שארפע שווערדען און אנגעצונדענע ווערען מיט רוח הקודש און שטורעמען מיט ירמיהו הנביא׳ס פעך־און־שוועבעלדיגע „תמרורים“.

אט אזא מין פרייעס ווערק איז די „קליאטשע“. ניט קיין דערציילונג איז דאס, נאר א מין ביטערע, לאנגער, צונויפגעפלאכטענער פעליטאן. אלץ שטורעמט דא, ווארפט זיך און זידט ווי א סמבטיון. עס איז א זעלטענע שטי־קעריי פון משונה פעדים, אין משונה־פייערדיגע בלוטיגע קאלירען. דאס איז די געשיכטע פון דעם אידישען פאלק: זיין פארגאנגענהייט, פול מיט חרמות, טרויער־גלאנץ און שייטער־הויפענס; זיין געגענווארט, פול מיט פאגראמען, קרבנות, צעקוואשעטע מארכען, אומנאטירלאכע, איבערמענשלאכע שטיקע־ניש, צעריסענקייט, שפלות און ברודער שינדעריי; און א נבואה אויף זיין צוקונפט, פארוויכערט און כמארנע און מעלאנכאליש־ליכטיג, ווי א שרפה אין א וואלד, אין א וואלקענדיגער נאכט.

די „קליאטשע“ איז געשריבען געווארען אין א שווערער צייט, ווען די ווייט־זענדיגסטע צווישען די רוסישע אידען, די וואס זיינען פריער געווען פארקאכט אין השכלה און האבען געמיינט, אז זי וועט זיין א רפואה שלמה צו אלע אידישע וואונדען, האבען זיך אנגעהויבען ארומזען, אז זי איז גאר א זייף־בולבע. ניט זי וועט דאס הונגעריגע פאלק אנקארמענען מיט ברויט, ניט זי וועט אים געבען די געגארטע אנערקענונג פון די פעלקער. און אבראמאוויטש האט איינגעזען, אז גאר אומזיסט האט ער אין נאמען פון השכלה געשטראפט זיינע ברידער אין זיינע פריערדיגע ווערק. און ער ווערט אנגעפילט מיט חרטה און מיט תשובה און ער גיסט אויס זיין הארץ אין רייד ווי קרעמענים, ביטער ווי פיאלון ווארצעל, שטעכיג ווי נאדלען, און די שפיצען זיינען גע־ווענדט קעגען אים אליין און זיינע חברים, זיינע מיט־קעמפער אין דער ארמיי פון דער השכלה.

און וואס איז ניטא אין דער „קליאטשע“? פאעזיע, גליענדע נאטור־שילדערונגען און שילדערונגען פון רציחות אויף אידען; סודות, מדרשים, קבלה, פאליטישע עקאנאמיע, דעם סאלאווייס קלאג־ליד, אויסגעמישט מיט סליחות און קינות; איוב׳ס ווייטומטיגער פראטעסט קעגען די אייביגע קראפ־טען און די זיסקייט פון שיר השירים; די שניידענדיגסטע, גאליגסטע סא־טירע אויף די אידישע פארזארגער און אויף די פארפינסטערער פון פאלק׳ס מוח, אויף דעם מענשען בכלל, אויף זיין גאנצער ציוויליזאציע, און די טיפ־סטע כונות קעגען דער רוסישער „מלכות הרשע“, קעגען דעם רוסישען פאלק, קעגען דער מענשלאכער נאטור. איבערהויפט די כונות, די פינטעלאך: פול און פיל זיינען זיי און יעדעס פינטעלע אנטהאלט א געדאנק וואס פארצווייגט זיך און שפילט מיט אלערליי פארבען אזוי ווי א צעשפאלטענער דימענט. היינט די טרערען, — וואס פאר א בלוטיגע טרעטען, אנגעלאדען מיט פעך און שוועבעל; די זיפצען, די אכצען — זיי קלינגען ווי א שטורם־כאר, ווי א כארכלעריי פון א ראטע גוסס׳ע. ווער האט נאך ארויסגעצייגט אזא ברענענ־דיגע ליבע צו זיין פאלק, אזא שמארצענדען צער פון זיינע צרות, ווי אבראַ־מאוויטש ווייזט דאס ארויס אין דער „קליאטשע“? וואו נאך געפינען מיר אזא זעלטענע, הארמאנישע צוזאמענגיסונג פון דעם אלט־מאדישען אידען,

דעם גמרא־למדן, דעם בעל־מדרש מיט דעם היינטוועלטיגען אידישען פובליציסט ווי אין דער „קליאטשע“? וואו איז דא נאך אזא סימפאניע פון ביטערע טענער און טרויעריגע הארצענס־מעלאדיען, ווי אין אט דעם כישוף׳דיגען קעסעל־גרוב פון ליטעראטור און פאעזיע?

די „קליאטשע“ איז דער סך הכל פון אלע אבראמאוויטש׳עס ליטעראַרישע פייאיגקייטען, ווערען דא זיי אלע צונויפגעגאסען אין איינעם: זיין שילדערונגס קראפט, זיין ליבע און קענטשאפט מיט דער נאטור, מיט אירע טויטע בילדער ווי מיט די לעבעדיגע זאכען אין איר; זיין וואונדערבארע און טיפע קענטעניש פון דעם אידישען פאלק; זיין שטארקער פאטריאטיזם; זיין קלוגקייט, זיין דורכדרינגענדער בעל־הבית׳שער שכל, זיין סאטירע, זיין שטעכיקייט און פארביטערטקייט; זיין פאעטישע שיינקייט, געפילפולקייט, זיין ווארימקייט, זיין מבינות אויף דער מענשלאכער נאטור און די ריזען־קראפט פון זיין זעלע. די „קליאטשע“ איז א מין עפילאג צו אבראמאוויטש׳עס אלע ווערק, א מין משנה תורה צו אלץ אנדערעס וואס ער האט געשריבען.

עס איז וואונדערבאר ווי הויך אבראמאוויטש׳עס פארשטאנד איז געשטיגען פאר די עטלאכע יאר וואס זיינען אוועק פון זיינע ערשטע דערציילונגען ביז דער „קליאטשע“. לייענט די בלעטלאך פון ישראליק׳ס פעסעמיזם, זיינע מיינונגען וועגען די לימודים מיט וועלכע ער שטאפט זיך פאר׳ן עקזאמען; דער קליאטשעס מיט ישראליק׳ס ויכוח וועגען בילדונג און ציוויליזאציע און וועגען „אם אין קמח אין תורה“; דער קליאטשעס שפאט אויף דער היינטיגער מענשלאכקייט און דעם אשמדאי׳ס ראיות פאר וואס די אלע געשרייען קעגען אידישע מלמדים, שדכנים און אלע די וואס לעבען פון ווינט זיינען אומזיסטיגע רייד — לייענט דאס אלץ און איר וועט זען ווי ווייט דערדאזיגער געוועזענער ישיבה־בחור און משכיל האט זיך אויפגעהויבען איבער דעם שטאנדפונקט פון זיינע חברים און ווי ווייט היינט־וועלטיג זיין בליק איז געווען נאך אין אנפאנג פון די אכציגער יארען. איר וועט זיך אויך וואונדערען אויף אבראמאוויטש׳עס מוט. ניט יעדער איינער האט די הויכע מאראלע קראפט צו צעברעכען אלטע פארהייליגטע לוחות אפילו, ווען ער זעט איין, אז זיי זיינען פאלש; ניט יעדער איינער איז אן אברהם אבינו, וואס זאל זיך דערוועגען צו צעהאקען די געצען פאר וועלכע ער אליין האט זיך ערשט ניט לאנג געבוקט. ניט יעדער איינער פילענדיג, אז ער איז מאראליש באנקראט, האט דעם מוט עס צו זאגען פאר דער וועלט.

די „קליאטשע“ איז אפשר דאס גרעסטע ווערק וואס אבראמאוויטש האט אונז געגעבען. עס איז איינע פון די גרעסטע זאכען וואס די אידישע ליטעראטור האט ארויסגעבראכט.

(פראגעס און דערמאנונגען: — וואס איז א טיפ? — פרואווט פארמולירען דעם טיפ מענדעלי. — וואס איז די שייכות פון מענדעלי מוכר ספרים צו דער סביבה וואס אבראמאוויטש שילדערט? — קען מען זיך פארשטעלען אזא טיפ אין אנאנדער סביבה? — וואס איז הומאר? — וועלכער הומאר איז דער עכסטער? — איז וויץ דאס אייגענע וואס הומאר? — האט בנימין די

ברייטקייט און די העלקייט פון א טיפ? — אויף וויפיל איז דער גייסט אין „מסעות בנימין השלישי" דערזעלבער ווי אין אבראמאוויטש'ס אנדערע ווערק און אויף וויפיל איז ער אנדערש? — פונוואנען נעמט זיך דער חילוק? — וועלכע זיינען אבראמאוויטש'עס גרעסטע ווערק און וואס איז עס וואס מאכט יעדע פון זיי אזוי גרויס? — פרואווט אייך אליין פארמולירען אין וואסער הינזיכט באצייכענט מען אבראמאוויטש'ן אלס מגיד. — פרואווט אייך אליין

שלום עליכם

ערשטע לעקציע: — שלום עליכם דער מענש. — זיין שפראך און סטיל. — זיין דער־ציילערישער טעמפּ און זיינע ראמאנען. — זיין נאבעלער פּאטאס. — זיין אוממיטעלבארקייט.

(לייענען: שלום עליכם: „צוריק פון ירידֿ״, „דער ערשטער ארויספאר״, „המן און זיינע טעכטער״, „סטעמפעניו״, „יוסעלע סאלאוויי״, „בלומען״, „א בלעטעל שיר השירים״, „מיט׳ן עטאפ״, „דער בלוטיגער שפאס״; וועגן שלום עליכם׳ען: אין „אידישער לעקסיקאן״, אין פינעסעס „די געשיכטע פון דער אידישער ליטעראטור״, צווייטער באנד).

שלום עליכם, וועלכער האט אנגעהויבען שרייבען פרי אין די אכציגער יארען פון נייצענטען יארהונדערט, רופט זיך אליין אבראמאוויטש׳ס ליטערארישער אייניקעל. דידאזיגע באצייכענונג איז מערקווירדיג געראטען: שלום עליכם איז טאקע מענדעלי מוכר ספרים׳ס נענטסטער ליטערארישער יורש, זיין בעסטער און געטרייסטער תלמיד. אבער פונדעסטוועגען איז צווישען די צוויי אויך פאראן א ווייטער מהלך. זיינען זיי דאך צוויי גרונט־פארשיידענע מענשען סאי אין כאראקטער, סאי אין גייסטיגען קאליבער: האבען זיי דאך געווירקט אין צוויי גרונט־פארשיידענע צייטען.

אבראמאוויטש איז, לויט זיין טעמפעראמענט, געווען א פּאעטישער מוסר־זאגער, א ביבליש־ערנסטער שטראפער; שלום עליכם האט מיט זיין כאראקטער גיכער דערמאנט אן דעם קינדיש־גוטמוטיגען, שטיפערישען מאלער; דער ערשטער האט געהאט א נאטור פון א אידען א תלמיד חכם, א למדן און א מגיד, דער צווייטער איז גאר געווען ענלאך אויפ׳ן קליינשטעטעלדיגען ניי־צייטיגען לערער, וואס ווייס ווי צו אונטערהאלטען די יוגענט און איז, אחוץ דעם, איין בריה אויף אנצושרייבען א לידעל און א מייסטער אויף אויסצושניצען א צאצקע. מענדעלי מוכר ספרים איז געווען א משכילישער מגיד; אין שלום עליכם׳ס צייטען איז די השכלה אלס אני מאמין, אלס לא־זונג שוין געווען טויט און האט בלויז דערלעבט אירע לעצטע טעג אלס אלטע רגילות, אלס גע׳ירש׳ענטע אבער שוין ווי א זאמד אוועקרינענדע טראדיציע. מענדעלי מוכר ספרים איז געווען דורכאויס משכיל און האט עס ניט אויפ־געהערט צו זיין אפילו נאכדעם ווי ער אליין האט די השכלה באגראבען: שלום עליכם שטייט אזוי ווייט איבער דער השכלה, אז בלויז די פאלעם פון זיין סורדוט רירען זי נאך אן. די טראדיציע פון דער השכלה ווערט אנגעהאל־

טען בלויז אין שלום עליכם'ס פריסטע ווערק. „דער ערשטער ארויספאַר“. אַ נאָוועלע פון שלום עליכמ'ס ערשטע שרייבערשע יאָרען, שפּיגעלט נאָך אָפּ די משכילישע אַטמאָספערע און האַלט נאָך פאַר אַ פּאָר פון די השכלה'שע אידעאַלען, אָבער שוין דאָ שטעלט ער זיינע צוויי הויפּט־העלדען, צוויי יונגינקע משכילימ'לאַך, פאַר אין אַ זייער לעכערלאַכען, אין אַן אומ'ברחמנותדיג דאָן־קיכאָטישען ליכט. אַזעלכע ווערק וואָס זאָלען פּראָסט און פשוט פאַרהערלאַכען דעם משכיל און זיין הנהגה, זיינען, מיט דער אויסנאַמע פון דער אויך פריער „המן און זיינע טעכטער“, אין שלום עליכמ'ס צענדליגער בענדער קוים פאַראַן. אין „סטעמפּעניו“ און „יוסעלי סאָלאָוויי“, כאָטש זיי זיינען געקומען, דער ערשטער אין 88טען און דער צווייטער אין 89טען יאָר, דערלויבט זיך דער מחבר נאָך ווען־ניט־ווען, הגם זייער איידעל און לחלוטין אָן בייזקייט, אַ שפּאָט צו טאָן פון אידישען לעבען.

שלום עליכם האָט ניט גענומען די פען אין האַנט, כדי מיט איר הילף צו פריידיגען, אַזוי ווי מענדעלע האָט געטאָן, נאָר טאַקע כדי מיט איר צו שרייבען, צו דערציילען, צו מאָלען. שלום עליכם איז דער עסטעט, דער שרייבער „פּאַר עקסעלאַנס“.

אין דער שפּראַך און צום טייל אויך אין סטיל, איז שלום עליכם איז מענדעלע'ס וועג געגאַנגען, אָבער פאַר אים איז דער וועג שוין אויסגעטראָטען געוועזן, פאַר אים איז ער שוין אַ שליט־וועגס געוועזן. דערזעלבער סוד, גוט אויספּראָבירט אין פורעם, גוט געלייטערט, האָט שוין לייכטערע, באַקוועמערע עקזעמפּליאַרען געליפערט. און אַזוי איז שלום עליכם'ס שפּראַך לייכט און פליסיג און גרינג פאַרדייבאַר און פריי פון דער מינדעסטער אָנצוהערעניש אויף דער לאַבאָראַטאָריע, אויף דער אָנשטריינגונג סאַי פאַר'ן באַשאַפער און סאַי פאַר'ן פאַרנעמער.

שלום עליכם האָט ווייניג וואָס נאָכגעמאַכט מענדעלע'ן אין דער הינזיכט פון באַשאַפען נייע אידישע ווערטער פון העברייאישע שרשים, דערפאַר האָט ער שטאַרק איבערגענומען זיין גאַנג פון אָפּזוכען ווערטער אין די שפּראַך־אוצרות פון פאָלק. פונקט אַזוי ווי מענדעלע איז שלום עליכם כל ימיו געוועזן אַ שפּראַך־זאַמלער; און באַגעגענען מיר ביי אים אַזוי פיל שיין־באַריידעוודיגע מענשען, אַזוי פיל מייסטערינס אויף פאַנטאַסטיש־בילדלאַכע קללות, למשל, איז עס נאָר ווייל אַזעלכע פאַרמאָגט דאָס פאָלק. (פאַרגלייכט די קללות פון מנחם מענדעל'ס שוויגער מיט'ן מענה לשון פון שלום עליכם'ס שטיפמוטער אינ'ם „צוריק פון יריד“). שלום עליכם איז געגאַנגען נאָה ווייטער פון מענדעלע'ן אין דעם פרט פון שרייבען אַזוי ווי דאָס פאָלק רעדט; נאָכמער ווי מענדעלע האָט ער אפילו פאַרבויגען די גראַמאַטיק כדי צו מאַכען זיין סטיל וואָס געשפּרעכלאַכער, ווי מיר קענען עס זען אין פאָלגענדיגען:

> „ווער עס האָט פאַרזוכט דעם טעם פון זיצען שפּעט ביינאַכט אַ הונגעריגער, ביי אַ שמעלצענדיג ליכטעל, איינגעהילט אין אַ צעריסען פעלצעל און חזר'ן: אימעניטעלני — ביעלי סוויעזשי כליעב, ראַדיטעלני... אין בשעת מעשה זאָל זיך גלוסטען כאָטש אַ שוואַרץ אַלטגעבאַקען שטיקעל ברויט און ס'איז ניטאָ“.
>
> („מיין ערשטער ראָמאַן“)

אַלס שרייבער, צוליב דעם שרייבען גופא, אַלס עסטעט, איז שלום עליכם

א מייסטער פון סטיל. ער באזיצט אמת ניט יענעם תלמיד־חכמ'דיג־מגיד־ישען, גאוניש־טיפזיניגען און געניויעם סטיל וואס צייכנט אזוי אויס מענ־דעלע'ן, אבער דערפאר, פון דער אנדער זייט, איז דא אין זיין סטיל אזא זינגענדיגע פליסענדיקייט, אזא ליכטיגע לייכטקייט, אזא שפילעוודיגע גרינג־קייט, אזא בויגזאמע פלאסטיק, וועלכע עס פארמאגט ניט, ניט נאר דער זייער ערנסטער מענדעלע, נאר אפילו קיין איינער ניט פון אונזערע גרינגמוטיגסטע היינטיגע שרייבער. שלום עליכם פארמאגט פילערליי סטילען, וועלכע, כאטש איבער זיי אלעמען שוועבט דער אייגנטלאכער שלום עליכמ'דיגער גייסט. פון דעסטוועגען טיילען זיי זיך דאך א היבש ביסעל אפ איינער פון צווייטען: אזוי, למשל, האט שלום עליכם א הארציג־לירישען טאן אין זיינע פאעמעס אין פראזע („בלומען") און אין די מוזיקאלישע שילדערונגען אין „סטעמ־פעניו" און אין „יוסעלע סאלאוויי"; אזוי רעפראדוצירט ער מיט דער גרעס־טער און פארשיידענארטיגסטער מייסטערשאפט דעם נוסח פון אידישער בריף־שרייבעריי; אזוי האט ער קונציג געכאפט דעם סוד פון דעם דערציי־לערישען סטיל. קיינער קען ביי אונז אזוי גוט ניט דערציילען א מעשה ווי שלום עליכם, קיינער מייסטערט ניט אזוי זיכער דעם דערציילערישען ריטם און טעמפ. שלום עליכם ווייס ביידע: אי דעם סוד פון גלייך פון אנהויב פאראינטערעסירען, פארכאפען דעם לעזער, אי דעם סוד פון לאזען זיין דער־ציילונג שנעל זיך באוועגען פאר'ן לעזער, וואס א גוט ביישפיל פון די צוויי געפינען מיר אין „א בלעטעל שיר השירים":

„בוזי איז א נאמען, פארצויגען פון אסתר־ליבע, — ליבוזי—בוזי. זי איז עלטער פון מיר מיט א יאר און אפשר מיט צוויי און ביידע אינאיינעם זיינען מיר ניט אלט קיין צוואנציג יאר."

און ווייטער:

„איך האב לאנג ארויסגעקוקט אויף דעם ליבען, גוטען יום־טוב פסח. דעמאלט וועל איך זיין פריי. איך וועל שפילען מיט בוזי'ן אין ניס, ארומלויפען אין דרויסען, גיין בארג־אראפ צום טייך. דארט וועל איך איר ווייזען, ווי מען לאזט קאטשקעלאך אויפ'ן וואסער. אז איך זאג איר, גלויבט זי מיר ניט. זי לאכט. בכלל גלויבט זי מיר ניט פון דאנען אהין."

גאנץ אנדערש פון מענדעלע'ן האט זיך שלום עליכם אנטוויקעלט אין א גוטען ראמאניסט און אזוי האט ער גאנץ רייך מיטגעהאלפען אויסבויען דעם ליטעראַרישען אידישען ראמאן. שוואך און פאלשלאך אין אנפאנג — אין אזעלכע ראמאנען ווי „סטעמפעניו" און „יוסעלע", וואו די מענשען ווערען געמאלען אויבערפלאכלאך און דער סיפור המעשה באוועגט זיך ניט אן א געוויסער שווערקייט און איז דא־און־דארט געבויט אויפ'ן צופאל — האט ער אבער, דורך דער קליינער נאוועלע, אין וועלכער ער האט שוין אין די נייג־ציגער יארען דערגרייכט פולקאמענהייט, אין פארלויף פון די יארען, דער־גרייכט די מדרגה ניט נאר פון א שטארק הינרייסענדיגען, נאר אויך מענש־לאך־אינערליכען ראמאניסט. „דער בלוטיגער שפאס", דער ראמאן פאר וועל־כען דער מענדעל בייליס פראצעס האט אים געדינט פאר אן אנשטויס, איז, זייענדיג שטארק הומאריסטיש, אויך גוואלדיג רירענד און פאקענדיג. און

כאָטש ער פירט דאָ, ווי איבעראַל אַרויס אַ גאַנצע גאַלעריע מענשען, זיינען פיל פון זיי, ווי, למשל, די שאַפּיראָס גאָר וואונדערבאַר און פיל־זייטיג געמאָלען און איינציגע, ווי בעטי שאַפּיראָ, ווערען געשילדערט גאַנץ פון אינעווייניג, גאַנץ פּסיכאָלאָגיש.

דער טאָן, זאָגט דאָס ווערטעל, מאַכט די מוזיק און דער אמת איז, אַז אַ גרויסער טייל פון שלום עליכם׳ס ריזיגען ערפאָלג, אין זיינע נאָוועלעס ווי אין איינציגע פון זיינע ראָמאַנען, ליגט טאַקע אין זיין לעבעדיגען, דערציילעריש זיך באַוועגענדיגען, נערוועז זיך צאַפּלענדיגען טאָן. זיין גרויסאַרטיגע לעבעדיגע, העל־גרינגע מאַלעריי קלעקט אים אויף זיינע כאַראַקטערצייכענונגען, אויף זיינע באַשרייבונגען; מיט זיין פרישען דראַמאַטיזם צווייבערט ער כישופ׳דיג־לייכט זיינע סצענקעס אָן; און מיט די ביידע צוזאַמען און אַלס צוגאָב דערצו מיט זיין האַרציג־פאַרכאַפּענדיגער דערציילערישקייט און טיפער, אמת מענשלאַכער און אמת פּאָעטישער סימפּאַטיע צו מענשען, צו אַלץ וואָס לעבט, צו אַלץ וואָס לאָזט זיך אין געדאַנקען פאַרבינדען מיט לעבען — זאַפּט ער דורך די „רעכטע געדיכטע“ פון פיל פון זיינע נאָוועלעס און ראָמאַנען מיט אַזאַ זעלטענעם נאַבעלען פּאַטאָס, דאָס מיר ווערען גערירט ביז דאָס טיפסטע, דאָס אונזערע הערצער „גייען אויס“ — ווי דער ענגלישער אידיאָם זאָגט — צו זיינע העלדען, דאָס מיר גייען לייכט אַריבער אויף זייער זייט, דאָס מיר וויינען מיט זיי און אויף זיי. אָט דערדאָזיגער נאָבעלער פּאַטאָס, וואָס האָט שוין אין אַזאַ יונגער אָנפאַנגס־אַרבעט ווי „סטעמפּעניו“ אונז אַזוי טיף גערירט בשעת רחל׳עס אינטימסטע איבערלעבונגען, האָט אונז, אין יאָרען אַרום, אַזוי גאַנץ אין גאַנצען געוואונען אויף דער זייט פון בעריל דעם רויטען אינ׳ם „מיט׳ן עטאַפּ“ און אוועקגעשטעלט יענע נאָוועלע ניט נאָר איבער פּרץ׳ס „באָנטשע שווייג“ אָדער איבער איר פּראָטאָטיפּ, קאָראָלענקאָ׳ס „מאַקאַר׳ס חלום“, נאָר טאַקע ממש אין איין רייע מיט טשאַרלז דיקענס׳עס וואונדערלאַכער אַרבעט “A Christmas Carol”

דערדאָזיגער נאָבעלער פּאַטאָס האָט עס, אין די אומגליקען און תוכחות וואָס גיסען זיך אויס, ווי כמעט אויף יעדען רוסישען אידען, אויפ׳ן קאָפּ פון טוביה דעם מילכיגען, אונז גאָר אָן חכמות, פאַרבויגענדיג יעדע בושה אָן אַ זייט, געמאַכט פאַרגיסען אַזעלכע טרערען און כליפּען אויפ׳ן קול.

דער אמת איז, אַז ווערליג זיין מוסטערהאַפטער מאַלעריי איז שלום עליכם בלויז לאַנגזאַם צו איר געקומען און אַרום און אַרום דערגרייכט זי איר העכסטע מדרגה ערשט אין אַזעלכע זיינע שפּעט־פאַרנאַכטיגע ווערק ווי „צוריק פון יריד“; ווערליג זיין הומאָר האָט זיך יאָרען־לאַנג געמוזט לייטערען און דערגרייכען זיין ריינסטע, פריש־לויטערסטע פאָרמע ערשט אין די פּריסטע כתרילעווקער בילדלאַך („קליינע מענשעלאַך מיט קליינע השגות“) און אין, למשל, דער כאַראַקטער־שילדערונג פון אַ דוד שאַפּיראָ פון „בלוטיגען שפּאַס“; האָט אָבער שלום עליכמ׳ס נאָבעלער פּאַטאָס זיך מאַניפעסטירט שוין גאַנץ פרי און שוין אין זיינע אינגערע שאַפונגס־יאָרען איס פאַרזיכערט זיין גרויסען ערפאָלג.

מיר האָבן דאָ אויסגערעכנט שלום עליכמ׳ס מעלות (זיינע חסרונות וועלן מיר דערמאָנען אַביסעל שפּעטער). וועלכע האָבן אים זיין ערפאָלג געבראַכט. דאָך זיין גרעסטע מעלה, וועלכע גנב׳עט ממש אַוועק די הערצער פון זיינע לעזער אָדער צוהערער, איז — אַחוץ דעם וואָס ער רירט ניט אָן קיין צו אייִדעלע מאַטעריעס, וואָס ער הויבט זיך בלויז מיט אייניגע טפּחים אויף איבער זיין פּובליקום, וואָס ער שילדערט אימער אַ וועלט וואָס זיין עולם קען גרינג משיג זיין, וואָס די טראַגעדיעס וואָס ער שילדערט זיינען געשפּונען פון די פעדים פון אַלמענשליכען ווי און וואָס די מענשען וואָס ער מאָלט זיינען ווייט ניט קיין אויסטערלישע נאָר גיכער דורכשניטלאַכע נאַטורען — זיין גרעסטע מעלה וואָס פאַרזיכערט אים זיין גרעסטען, ממש פענאָמינאַלען ערפאָלג, איז זיין איינפאַכקייט, זיין שפּילעוודיקייט, זיין ניט־אָנגעצויגענקייט, זיין אוממיטעלבאַרקייט, זיין לייכט־קינדיש צוגיין צו אַ זאַך. זיין לחלוטין ניט האָבן קיין שרייברישע מאַניערן. שלום עליכם, כאָטש ער האָט אויף זיינע זאַכען גאַנץ שטאַרק געאַרבעט, זיי געשריבען און איבערגעשריבען, פאַרשטייט אָבער דעם סוד ווי אַזוי דעם „צער פון טראָגען", די הינטערקוליסענדיגע אַרבעט, פון דעם לעזער איינגאַנצען צו באַהאַלטען. דער לעזער איז אונטער דער אילוזיע אַז שלום עליכם טרעט צו צו זיינער אַ זאַך גאָר אָן וועלכע עס איז הכנות, אָן דער שרייבערשער אַרבעל־פאַרקאַטשעניש, אָן זיין שטערן־קנייטשעניש. דעם לעזער דאַכט זיך, אַז ניט קיין שרייבער איז עס פאַר־ אים, נאָר אַ גרויס שפּילעוודיג קינד, אַז ניט קיין סופר וואָס שרייבט וואַזשנע און הייליג מיט אַ טבילה פאַר׳ן שם הויה זיצט עס פאַר אים, נאָר איינער וואָס טינטעלט זיך לאַבענדיג, דרייט זיך אינגעלש אויס אַ געצאַצקעטען „לכבוד" און פונ׳ם גאַרניט מיינענדיגען דרייען, און פון די שפּילעוודיגע פעדער־שפּריצען פלעכטען זיך פון זיך אַליין אויס אַלערליי צאַצקעלאַך, אַלערליי פייגעלאַך און בלימעלאַך. דעם לעזער דאַכט זיך, אַז שלום עליכם גייט צו צו זיין טעמע גאָר אָן איבערלייגונג, אָן וואַקלעניש, אָן וועלכער עס איז מורא, אָן וועלכען עס איז חשד אויף אַ געפאַר — אָט ווי אַ נאַכט־וואַנדלער נעמט זיך אין זיין בלינדער, פאַר׳חוש׳טער תמימות און שפּרייזט זיך אַרויס דורכ׳ן פענסטער פון אַ הויכען עטאַזש.

שלום עליכם שרייבט אוממיטעלבאַר. ניטאָ קיין וואַנט — איך זאָלט זאָגען זי זאָל אפילו זיין דין ווי אַ גלאָז, ווי אַ פּויטינע — צווישען אים און דעם לעזער. שלום עליכם שרייבט אָן אַ מחיצה. שלום עליכם׳ס קונסט איז אַזאַ איינפאַך־קינדיש־שפּילעוודיג־פיינע, דאָס זי הערט באַלד אויף קונסט צו זיין, דאָס זי לייזט זיך באַלד ווידער אויף, גיסט זיך באַלד צוריק צונויף מיט׳ן לעבען, פון וואַנען זי קומט.

(פראַגעס: — פון די דריי הויפּט־עלעמענטען פון דער אידישער שפּראַך, דעם גערמאַנישען, דעם העברייאישען און דעם סלאַווישען, וועלכער פאַרנעמט ביי שלום עליכם׳ן דעם קלענסטען אָרט? — פּרוּאווט אייך אַליין פאָרמולירען די הויפּט־כאַראַקטעריסטיק פון שלום עליכמ׳ס סטיל. — פּרוּאווט פעסטשטעלען דאַסדאָזיגע

וואס אידענטיפיצירט שלום עליכם׳ס אידיש מיט׳ן דרום־רוסישען דיאלעקט. — אין וואס באשטייט דער הויפט־צויבער פון שלום עליכם׳ס רייע שיר השירים־דיגע דערציילונגען („א בלעטעל שיר השירים״, „נאך א בלעטעל שיר השירים״ א. א. וו.). — און וואס איז דאס אמייסטען רירענדע אין „פעסעלע דעם רבי׳נס״? — פון די צוויי זאכען „עולם הבא״ און „פינף און זיבעציג טויזענד״, אין וועלכער פון זיי איז פאראן מער פון דעם דערציילערישען טעמפ ווי אין דער צווייטער? — פארמולירט אייך אליין וואס מען מיינט מיט שלום עליכם׳ס „אן מחיצה׳דיקייט״ און ווייזט אליין א ביישפיל דערפון.)

צווייטע לעקציע: — שלום עליכם דער באשאפער פון אידישע טיפען. — וואס איז א טיפ? — שלום עליכמ׳ס חדר־אינגלאך. — דער מנחם מענדעל טיפ. — טוביה דער מילכיגער. — דער מיטעלקלאס איד. — דער כתרילעווקער.

(לייענען: שלום עליכם׳ס קינדער און יום טוב מעשיות, ווי „דאס מעסערעל״, „אויפ׳ן פידעל״, „צער בעלי חיים״, „צו דער סעודה״, „די ערב פסח׳דיגע עמיגראציע״, „א פארשטערטער פסח״, „ביים קעניג אחשורוש״, „מאטעל פייסע דעם חזנ׳ס״, „גרינס אויף שבועות״; די גאנצע מנחם מענדעל סעריע, די גאנצע טוביה דער מילכיגער סעריע; „פון פריזיוו״, „גימנאזיע״, „אן עצה״ און „ביים דאקטאר״; „מזל טוב״, „יכנה״ז״, און „צעזייט און צעשפרייט).

אדאנק זיין ארגאנישען צוזאמענוואקסען מיט׳ן פאלק, אדאנק זיין געבירטיגער קענטשאפט מיט׳ן פאלק און אדאנק זיין פרייען און לייכטען סטיל איז שלום־עליכם׳ן געלונגען אויפצוטאן פאר דער אידישער ליטעראטור מער פון אנדערע, מער פון זיין רבי׳ן ר׳ מענדעלי׳ן און מער פון זיין צייט־חבר י. ל. פרץ. שלום עליכם האט אוועקגעלייגט דעם ווינקעל־שטיין אן וועלכען קיין ליטעראטור קען איבערהויפט ניט געדייען. ער האט באשאפען דעם פונדאמענט פון אונזער אידישער ליטעראטור — ער האט אונזער ליטעראטור געגעבען ברייטע, באשטענדיג שטייענדע טיפען.

מענדעלע האט דער עיקר געשאפען די סביבה פון אידישען לעבען, ריכטיגער פון אידישען שטעטעל. ער האט אבער — מיט דער איין־און־איינציגער גרויסער אויסנאמע פון דעם טיפ מענדעלע מוכר ספרים, — איבערגעלאזט פאר שלום עליכמ׳ען צו שאפען די טיפען וואס באוועגען זיך איבער דער דאזיגער סביבה, די טיפען וואס וואקסען פון איר ארויס, די טיפען וואס זיינען אייגענטלאך ניט־מער און ניט־וויניגער ווי קאנצענטרירטע, געפרעסטע סביבה. נאר לאמיר קודם כל, פארשטיין וואס איז א טיפ.

דער אמת׳ער טיפ איז ניט קיין ווירקלאכע פערזענלאכקייט, נאר א פארטרעטער פון א גאנץ ברייטען טייל פון דער מענשהייט, פון א גאנץ ברייטער שיכט פונ׳ם פאלק. דער טיפ טאר אין זיך ניט אנטהאלטען קיין אינדיווידועלע שטריכען. ווען יא, וועט ער זיין א שלעכטער פארטרעטער פון דער גרויסער מענשען־מאסע וואס שטייט הינטער אים. דאריבער דארף ער זיין וואס אלגעמיינער, וואס מענשלאכער. און וויל ער איז אזוי אלגעמיין, אזוי אל־מענשלאך, דאריבער איז ער אזוי פארשטענדלאך, דאריבער לעבט ער אייביג. ווען א ליטעראטור פאנגט זיך אן דורכברעכען א וועג, ווי די אידישע ליטעראטור אין שלום עליכם׳ס צייטען, איז פאר איר די פסיכאלאגישע גריבלעריי, דער פיינער אנאליז א לוקסוס־זאך. אלגעמיינקייט און אויבערפלאכליכקייט דאס איז איר באגער דאן. איר שטרעבען ציט זיך ניט אין דער טיף, נאר אין דער ברייט.

וואס מער אלגעמיינע פאלקס־שטריכען דער טיפ אנטהאלט, אלץ נענטער קומט ער צו זיין אידעאל; וואס מער מענשען ער איז כולל, וואס מער כל הנערים ער נעמט אריין אונטער זיין טלית, אלץ זיכערער, אלץ פעסטער, אלץ דויערהאפטער וועט זיין זיין געבוי, אלץ א בעסערער פונדאמענטציגעל וועט ער זיין פאר דער ווייטערער אנטוויקלונג פון דער באטרעפענדער ליטעראטור.

דער אידעאלער טיפ איז דער וואס איז אלגעמיין באוואוסט, דער וואס גייט אריין אינ׳ם אוצר פונ׳ם פאלקס־ווערטלאך: א אידעאלער טיפ איז דער וואס דינט דעם פאלק און דער ליטעראטור אלס סטענאגראפיש אפגעקירצטער צייכען און פארשפארט מאכען ווידערהאלונגען און נאך אמאל אנהויבען פון אלף־בית.

מען דארף קיין שפאניער און קיין איראפייער איבערהויפט ניט פארטייטשען וואס מען מיינט, ווען מען זאגט אויף איינעם, אז ער איז א דאן קיכאט; מען דארף קיין ענגלענדער בפרט און קיין איראפייער בכלל ניט דערקלערען וואס מען מיינט מיט א קיניג ליר אדער מיט א פאלסטאף. יעדער אינטעליגענטער רוס ווייס וואס מען מיינט, ווען מען זאגט אויף איינעם, אז ער איז א פליושקין אדער א כלעסטאקאוו. יעדער פראנצויז, וואס לייענט ליטעראטור, אדער גייט אין טעאטער, ווייסט דעם מהות פון א טארטיור אדער אן אלסעסט.

די אלע אויסגערעכענטע נעמען זיינען וועלט־און פאלקס־טיפען. זיי שטעלען מיט זיך פאר גאנצע ברייטע מענשען־שיכטען. זיינען די טיפען געווען גאר ברייט, אל־מענשלאך, דאן זיינען זיי געווארען אינטערנאציאנאל. זיינען זיי געווען שמעלער, האבען זיי ווייטער פון זייער לאנד ניט געררייזט. אבער צי גרעסער צי קלענער. דער קרייז מענשען וועלכען זיי שטעלען מיט זיך פאר, איז יעדענפאלס געווען גענוג ברייט אום זיי זאלען באקומען אן אלגעמיינעם ווערט, אום זיי זאלען ווערען איינגעקערפערט אין דעם שפראך־אוצר פון פאלק אדער פעלקער. און אויף די דאזיגע און אנדערע גרונט־טיפען אלס פונדאמענטען האבען זיך די ווייטערע איראפייאישע ליטעראטורען אנטוויקעלט.

שלום עליכם האט מיט'ן כח פון זיין נשמה, אין וועלכער אזוי פיל אידישע דורכשניט־נשמות שפיגלען זיך אפ, געשאפען די גרונד־טיפען פון אונזער ליטעראטור. ער האט אונז אויסגעמאלען דעם מנחם מענדעל טיפ, וועלכער איז אזוי ברייט און אלגעמיין, אז ער נעמט ארונטער א האלבען אידישען פאלק אונטער זיין טלית. עס האט דען א שיעור וויפיל מנחם מענדלאך זיינען פארקערפערט אין דיזער געשטאלט?

קיין באשטימטער. באזונדערער מנחם מענדעל האט קיינמאל ניט געלעבט, אבער גאנצע מיליאנען אידען מיט פיל פון מנחם מענדעל'ס כאראקטער־שטריכען האבען געלעבט מיט א דור אדער צוויי דורות צוריק און פיל פון זיי לעבען נאך עד היום.

מנחם מענדעל איז אלעמען קלאר און פארשטענדלאך. יעדער וואס האט שלום עליכם'ן געלייענט האט ענלאכע אידען באגעגענט, ענלאכע יונגעלייטלאך אויף קעסט, ענלאכע סוחרים ב...., ווי דאס פאלק דריקט זיך וועגען זיי אויף זיין פראסטען ארט אויס, ענלאכע נארעלאך, וועלכע מיינען, אז זיי נארען אנדערע, ענלאכע קרעמערשע ענטוזיאסטלאך, ענלאכע האפנונגספולע דריי־קעפלאך, ענלאכע עלאסטישע, גומענע נשמות, וואס קריגענדיג איין קלאפ נאכ'ן צווייטען, קומען זיי אלץ ווידער צו זיך, וואס פאלענדיג בלייבען זיי דאך שטיין אויף די פיסלאך אט ווי א קעצעל. ענלאנכע בטלנים, וואס אין זייער אייביגען ניט קענען אדער מבטל זיין די וועלט, ליגט זייער ניט־אויפהערענדיגער בטחון.

דאס איז איין טיפ.

א צווייטער טיפ, פונקט אזוי לעבעדיג, פונקט אזוי קלאר און דייטלאך און אפשר אויך אזוי ברייט איז טוביה דער מילכיגער. עס איז ניטא דער רוסיש־פויליש־גאליציש־רומענישער איד וואס זאל טוביה דעם מילכיגען ניט דערקענען, וואס זאל זיך מיט אים ניט דערפרייען ווי מיט אן אלטען באקאנטען, וואס זאל אים ניט פולשטענדיג פארשטיין אזוי ווי ער פארשטייט א שטיק פון, זיין אלטעגלאכער ווירקלאכקייט. סטייטש, טוביה! דאס איז דאך טוביה מיט זיינע ווילדע תורה־ווערטלאך און פסוקים וואס ער פארטייטשט דאכט זיך אזוי עם־הארצ'יש „פידראך" און דאך גאנץ צוגעפאסט פאר די געדאנקען וועלכע ער דריקט אויס און וואס, איז תוך, קומט גאר ניט פון טוביה'ס אומוויסענקייט (טוביה איז גאר ניט אזא ווילדער עם־הארץ) נאר ווייל אין דער אידישער פאראפראזירונג ליגט אזא ענלאכקייט אין קלאנג און ריטם צום העברייאישען מאמר, ווייל עס איז א ירושה פון דעם אידישען פאלקס־וויץ דאס לשון־קודש'דיגע אזוי פלינק איבערצוליגען האלב קאפויר און האלב צוגעפאסט אויף מאמע־לשון. דאס איז דאך טוביה דער פשוט'ער, נארישעוואטער דארפס־איד, וואס איז זיך אויף זיין שטייגער א נאטור־פילאזאף; טוביה וועלכער איז אלץ מקבל באהבה, ווייל ער איז צו שוואך צו פראטעסטירען און ווייל ער איז צו גלויביג און צו לאנג — זייט טויזענטער יארען — געוואוינט צו צרות; דאס איז טוביה, וועלכער כאטש ער איז קליינלאך און וואכעדיג, איז ער אבער ניט אן דער

פייכטקייט פון בית־המדרש פּאָעזיע ; דאָס איז טוביה, וועלכער איז זיך „מצער איבער קליינע קרינעלאַך" און דאַך האָט ער אַ גוט האַרץ און קען העלפן אַ צווייטן אין דער נויט ; דאָס איז טוביה, וועלכער טראָגט אין זיך אַ טונקעלן שטאָלץ מיט זיין אייגענער און זיינע ברידערס אָרימקייט און דאַך האָט ער גרויס אַפּשיי פאַר די נגידים.

שלום עליכם האָט קלערער פון אַלעמען אויסגעמאָלן דעם טיפּ פון דעם אידישן חדר־אינגעל. פיל האָבן אים געמאָלן פאַר אים, אָבער ביי שלום־עליכמ'ן לעבט ער אַ העלסטן. ביי אים זען מיר אים פון אינעווייניג און פון דרויסן. ביי אים זען מיר דעם חדר־אינגעל'ס דאָרשט צו פרייהייט, צום פעלד און וואַלד, (ל"ג בעומר"). זיין שרעק פאַר'ן רבי'ן, זיין פאַר'גנב'עט לעבן („אויפ'ן פידעל"). זיינע שפּילן, אינטערעסן און נסיונות („דאָס מעסערל").

מען דאַרף נאָך אָנווייזן אויף נאָך אַ פּאָר טיפּן, וועלכע זיינען אפשר ניט ווייניגער קאַנטיג ווי יענע, אָבער באַשאַפן זיינען זיי געוואָרען אויף אַנאַנדער אַרט.

טוביה דער מילכיגער און מנחם מענדעל זיינען כמעט אויסגעגאָסן פון איין שטיק. די טוביה'ס און די מנחם מענדעל'ס האָבן זיך אין די טויזענטער אַנגעקליבן אין שלום עליכמ'ס לעבענס־ערפאַרונג. ווען ער האָט פאַרטראַכט זיי פאַרשטעלן, האָט ער צונויפגענומען די פאַרשיידענע טוביה־און מנחם מענדעל־פעדים און פון זיי אויסגעוועבט זיינע געשטאַלטען אַלץ אונטער דער איין מחשבה, אונטער דער ווירקונג פון דעם דאָזיגן באַשטימטען באַשלוס.

אָבער אַנדערע טיפּען זיינען ביי שלום עליכמ'ן אויסגעוואַקסען בים־לאַכוויים, ברעקלאַכוויים. די פעדים האָבן זיך געצויגען און פאַמעלאַך זיך געפלאָכטען און ערשט אין פאַרלויף פון יאָרען זיינען פון זיי אויסגעהעפט געוואָרען קלאָרע, גאַנצע געשטאַלטען. איין פאָדים פונ'ם אויסנייעכטס, ווען מען, למשל, דאַרפן זוכען אין איינעם פון שלום עליכמ'ס פריערע דערציילונגען, דעם צווייטען אין די שפּעטערע. אָבער ווען דער לעזער גייט דורך שלום עליכמ'ס ווערק, פלעכטען זיך אין זיין פאַרשטעלונגס־קראַפט און אין זיין זכרון די צעטיילטע פעדים צונויף אין איין האַרמאָנישו גאַנצע.

אַט אויף אַזאַ אַרט מאָלען זיך ביי אונז פון שלום עליכמ'ס פיל דערציילונגען אויס די טיפּען פון דעם אידישען מלמד, פון דעם קליינשטעטעלדיגען קרעמערעל, פונ'ם מער גרויס־שטאָטיגען „בורזשוי" און פונ'ם „כתרילעווקער".

מלמדים זיינען דאָ ביי שלום עליכמ'ן אַ סך און כמעט יעדער איינער איז אַנדערש פון צווייטען. צווישען יודעל מלאך המות, („ל"ג בעומר") וועלכער שלאָגט זיינע תלמידים מכות רצח און באַצאָלט זיי אפריער מיט שמיץ פאַר זינד וואָס זיי וועלען ערשט באַגיין, און צווישען פישעל דעם מלמד („פישעל דער מלמד") וואָס קען דאַכט זיך ניט טשעפּען אַ פליג אויף דער וואַנט — צווישען זיי איז נאַטירלאַך דאָ אַ גאַנץ גרויסער חילוק ; אָבער אויך

צווישען רבי איצען, („ביים קעניג אחשורש"), וועלכער איז זיין תלמיד, דעם גביר'ישען אינגעל, אויך א גאוווערניאר און ער לערנט אים ווי צו עסען, ביז יענעם מלמד, וואס פארטראכט זיך אין א דאנערשטאג נאכמיטאג, ווען דאס ווייב בעט ביי אים א גילדען אויף שבת און ער האט ניט, וועגען די תקנות וואס ער וואלט אויפטאן, ווען ער וואלט געווען ראטשילד („ווען איך ביז רויטשילד") — אויך צווישען די צוויי איז פאראן א ווייטער מהלך. קלענערע אונטערשיידען זיינען דא אויך צווישען די פיל אנדערע מלמדים.

אבער נאך די פיל שילדערונגען ווערען די קאנטראסטען אויסגעגליכט. די קליינע פארשיידענהייטען ווערען פארטושט און אין דער פארשטעלונג און אין זכרון לעבט נאר די ברייטע אלגעמיינע געשטאלט פון דעם מלמד. פון יענעם פאר־כעס'טען, צערייצטען, אנגעשראקענעם אידעל וואס לעבט זיך אין אן איינגען, פינסטערען ווינקעל, לעבט אפשר מער אין דער פאר־גאנגענהייט ווי אין דער געגענווארט, ווייל אחוץ די אלטע טראדיציעס פון זיין פאלק און פון דעם קלאס אידישע געלערנטע, קומען אים נאך צו די אלטע גע'ירש'ענטע טראדיציעס, תנועות, מאנירען און גע'ירש'ענטע השגה פונ'ם מלמדים־קלאס; פון דעם אידעל וואס לעבט שטענדיג אין אונטערטעניקייט און פורכט פאר די בעלי בתים און דאך טראגט ער צו זיי א געוויסע ביטער־קייט, וועלכע קומט פון זיין שווערען לעבען און פון דעם באוואוסטזיין, אז ער ווערט ניט געגנוג באפרידיגט אויף דער וועלט; פון דעם אידעל, וועלכער פאר זיין ארימען גורל אין שול און צווישען לייט איז ער זיך נוקם מיט דער אויסאיבונג פון זיין אבסאלוטער מאכט אין חדר; פון יענעם אידעל וועלכער איז צוליב זיין אפגעזונדערטקייט און ניט־וועלטלאכקייט נאך נארישער, פאנאטישער פון זיינע שכנים, אבער ער איז דאך צום טייל אינטערעסאנטער פון זיי, ווייל דאס קנעלען ארבעט אין אים אויס א געוויסען סארט הומאר און א ליבע מעשות צו קלייבען און דערציילען. פונקט אזוי קען מען זאגען אז איבער די אידען וואס שפילען שאך און דאמינא אום חנוכה („חנוכה געלט"), איבער די וואס ברייגגען מיט אזוי פיל הכנות אריין דעם פסח אין שטוב („פארשטערטער פסח"), איבער יענעם שייגקער וואס ווערט קראנק, ווייל מען שיקט זיין זון אפ די תנאים, דערפאר וואס ער גייט אום שבת זיצען צו א קריסט („דאס מעסערעל") און איבער די כתרילעווקער בעלי הבתים, דאס איבער זיי אלעמען צוזאמען שוועבט זייער קאנטיג ארום דער טיף פון דעם קליינשטעטעלדיגען קרעמערעל, פון דעם פיצענאנטינקען אלטמאדישען אידישען געשעפטסמאן.

דאס איז דער קליינער, באשרייגקטער מענשעל, וואס זיינע גאנצע טעג קוקט ער אויס די אויגען אויף א גראשען לייזאכטס און זעט זעלטען אן מער ווי דאס געסעל און זיינע שכנים, מיט וועלכע ער קאנקורירט און פירט דאך אייביגע שמועסען. דאס איז דער קרעמערעל וועמעס העכסטע אמביציע גייט ניט ווייטער פונ'ם בית־המדרש מיט די דארטיגע ערעס און טיטולען, אין וועלכע, אמת, ער קאכט זיך זייער שטארק, אבער ער וועט זיך דאך פאר זיי ניט שלאגען ביז'ן בייז, ווייל דאס איז ניט פאר זיינע כחות. דאס איז דער

מענשעל וואָס האָט זייער ליב זיין ווייב און קינדער און האָט אָפּטע שמחות ביי זיך און ביי זיינע שכנים, און ביי וועמען עס ארבייט זיך בּיסלעכווייס אויס אַ טונקעלער אינסטינקט, אַז ער און זיינע קאָנקורענטען זיינען עפּעס אַ וועלטעל פאַר־זיך און ער קוקט מיט אַ לייכטען חשד אויף די וואָס שטייען אויסער דעם דאָזיגען וועלטעל, אָבער פאַר די וואָס געפינען זיך אין דעם בילדעט זיך אויס ביי אים אַ לייכטער רמז אויף קאָמוניזם. דאָס איז דער מענשעל, וועלכער איז מער בטלן ווי סוחר, מער מענשלאַך שטאָף־שטיק ווי אינדיווידום.

העכער פון אים געזעלשאַפטלאַך, מיט מער מאַכט און גרעסערע אַמביציעס, מיט אַ מער וועלטלאַכער פּאָליטור און מער שאַרפזין איז דער „בורזשואַזנער" אידעל, וואָס האַלט די מיל („ביים דאָקטאָר"), וואָס פירט אום דעם זון צום פריזיוו („דער פריזיוו"), דער סוחר וועמעס אינגעל ווערט אים צו להכעיס אַריינגעגעבען אין גימנאַזיע („גימענאַזיע"), דער אויפגעקומענער גביר, וואָס פאָרט „אין בויבעריק אויף דער דאַטשע" און ריכט אויס דאָס ווייב אין די „וואַרים בעדער".

דאָס איז נאָך אַלץ אַ נאָנטער קרוב פון יענעם מנחם מענדעל, אָבער ער איז שוין לאַנג אַראָפּ פון קעסט. ער האָט שוין עפּעס „אויסגעדרייט" אויף דער וועלט. ער איז שוין ניט אַזוי יונג ווי יענער און דעריבער איז ער שוין ניט אַזאַ צוגעלאָזטער; ער איז שוין ניט אַזוי אומערפאַרען און דעריבער איז ער שוין ניט אַזאַ בעל אמונה און בעל בטחון. ער ווייס, וואָס עס הייסט האָבען שונאים, און דעריבער איז ער שוין צעריי́צט, מיט „פאַרדאַרבענע געבליטען". ער האָט שוין אַ „האָנער" און אין בית המדרש, אַז מען גיט אים ניט נאָך, וועט ער מלחמה האַלטען ביז בלוט. זיין וועלטעל איז שוין גרעסער: ער פאָרט אַרום, זעט זיך מיט מענשען, ווערט שאַרפזיניגער, אויסגעריבענער. עס פלעכטען זיך צווישען אים און אַנדערע אויס נייע, פאַרצווייגטע באַציאונגען און עס גנבענען זיך צו אים אַריין נייע אינטערעסען.

אָבער דער אינטערעסאַנטסטער טיפּ פון אַט די אַלע טיפּען, וועלכע גיסען זיך לאַנגזאַם צוזאַמען פון פיל פון שלום עליכם'ס דערציילונגען, איז דער „כתרילעווקער".

כתרילעווקע איז דאָס טיפּישע אידישע שטעטעלע פון אַ דור אָדער צוויי צוריק. זי איז אַ שם הכולל פאַר די הונדערטער ליטווישע און פּוילישע שטעטלאַך און דער „כתרילעווקער" איז דער טיפּישער קליין־שטעטעלדיגער. ניט ספּעציעל דער מלמד, אָדער בעל מלאכה, אָדער וואַסער־פירער, אָדער רב, אָדער משכיל, נאָר זיי אַלע צוזאַמען און קיינער פון זיי ניט באַזונדער. אַלע גיסען צוזאַמען זייער גייסטיגען אינהאַלט, זייערע לעבענס־ערפאַרונגען, אינטערעסען און חלומות און עס קומט פון אַלץ צוזאַמען אַרויס איין גרויסער מענשלאַכער קאָלעקטיוו—דאָס קליין שטעטעלדיגע אידעל, דאָס „קליינע מענשעלע מיט קליינע השגות", דער באַרימטער „וואַרים" פון פרץ'ס „אין געמויזאַכטס", וועלכער באַטראַכט זיך און זיין גלייכען אַלס דעם מיטעלפונקט פון דער וועלט, אָדער ריכטיגער, ער באַטראַכט זיך און זיינע שכנים אַלס די גאַנצע וועלט, ווייל אויסער זיין כתרילעווקע האָט ער קיינמאָל גאָר ניט געזען

און אפילו דער הימעל אליין איז אויך נאר באשאפען אום צו פארציען זיך ווי א יארמעלקע ארום כתרילעווקע. די רעשט וועלט, אויף וויפיל כתרילעווקע ווייס פון איר איבערהויפט, איז זי מבטל בתכלית הביטול.

דער „געמויזעכטס" איז זייער ניט קיין פרישער און קוקענדיג ווי די „וועי רים" אין אים קריכען אום אזוי בנעימות'דיג, פאמעלאך און זעלבסטצופרידען, רייסט זיך ביי אייך ניט בלויז ארויס א געלעכטער, נאר מאנכעס מאל ווערט איר אויך אין כעס אויף אט דער איינגעקארטשעטער, איינגעשרומפענער, אין זיך אליין פאר'חוש'טער מענשהייט. און דאך מוזט איר צוגעבען, אז דידאזיגע „קאליזשע", פירעדיג א זייער אינטערעסאנט לעבען, איז א פיל־פארצווייגט, סיסטעמאטיש־צעוואקסען און זאגאר ביז טרערען סימפאטיש וועלטעל.

וואס פאר א טשיקאווע מענשעל, מיט פון צענדליגער דורות אויסגע־שטעמפעלטע כאראקטער־שטריכען איז דער כתרילעווקער. וואס פאר א אינ־טערעסאנטער געגענשטאנד ער איז פאר דעם אנטראפאלאג און פאר דעם אי־דישען קינסטלער. וועלכע אלטע, ערווירדיגע תקנות און וועלכע אויסגעארבע־טע, פעסטע גרעניצען.

ווי מערקווירדיג פאטריארכאליש איז דאס לעבען אין כתרילעווקע און דאך וואס פאר א שיינע רעפובליק זי שטעלט מיט זיך פאר. יעדער ווייס זיינע אייגענע רעכט, אבער ער היט זיך אויך ניט צו פארטשעפען די רעכט פון זיין חבר. יעדער האט זיך זיין עובדא, זיין שטעלונג אין דער געזעלשאפט. דער פירט גאנץ קהל וואסער און דער וויינט און בעט גאט פאר גאנץ קהל. דער מלוה איז אלעמענס באנקיר און דער בעל עגלה פירט אלעמען פון דער קלענערער כתרילעווקע אין דער גרעסערער. דער באזארגט די קהלה מיט נייס פון די צייטונגען וואס ער באקומט און יענער מיט תורה און מוסר, געדולד, אויסהויער און מענשענליבע. די קריגען זיך, שלאגען זיך, משפט'ען זיך, האי בען דין תורות, ווערען צוריק שלום און אזוי באזארגען זיי די קהילה מיט סקאנדאלען (סענסאציעס בלע"ז) און יענע קלייבען אויף ארימע לייט, מאכען חתונה אלטע מיידלאך, מאכען ברית'ן פאר פארלאזענע ווייבלאך און קליי־בען אן פאר קהל און פאר זיך אליין א קאפיטאל אויף יענער וועלט.

טויזענטער יארען האבען זיך די דאמפען איבער דער ערד אויפגעהויבען, אונטער'ן הימעל ארויפגעשטייגט און צווישען די וואלקענס צערונען און נוצ־לאז און פרוכטלאז איז דאס אלץ געווען און אין אפגרונד פון ניוועץ איז עס אלץ אוועק.

הונדערטער יארען איז זיך כתרילעווקע, די ארימינקע, די פארשעמטע, די האלב־נאקעטע, אין איר ווינקעלע געלעגען, איינגעפאסט, איינגעטוליעט צווישען וואלד און צווישען לאנקע, צווישען מערקעל און צווישען בית־עלמין, צווישען שולכעל און דעם הקדש, געלעגען און געווארימט זיך אויף דער זון און צום הימעל געקוקט און אזוי רחמנות'דיג געוויינט און געלאכט. און דער־ביי אזעלכע צרה'דיגע, דאך היימיש־חנ'עוודיגע גרימאסלאך געמאכט. און יעדער איינער, אין כתרילעווקע, האט עס אויף זיין אופן, אויף זיין באזונ־דער שטייגער געטאן, כתרילעוודיג היימיש אבער מיט אן אייגענעם נוסח, אן אייגענעם טראפ און ניגון.

אָבער זעלטען ווער עס האָט עס געזען און זעלטען ווער עס האָט עס פאַרשטאַנען. ווייל זעלטען ווער האָט אויף דעם אַלעמען אַ ליבליך־פאַרשעמענדען בליק אָנגעשטעלט, זעלטען ווער אַ טיף־האָרכענדיג, מענשלאַך נייגעריג אויער צוגעלייגט. און נאָך זעלטענער האָט ווער עס איז די כתרילעווקער פאַרשיידענאַרטיקייט, איר באַזונדערקייט אין איר אייניהייטלאַכקייט, איך צעצווייגטקייט ארום דעמזעלבען שטאַם באַמערקט. ביז ער איז געקומען — און זע! ער האָט מיט'ן צויבער־שטעקעלע פון זיין ליבע (מענשען רופען עס הומאָר) אַ מאַך געגעבען און דער שלייער פון פאַראַכטונג און צרה־דיגקייט און פאַרשעמטקייט האָט זיך אויפגעהויבען, איז ווי אַ רויך צעטראָגען געוואָרען און עס האָט אויפגעטויכט אַ טיף מענשלאַכע, אין איר אומגליק גליקלאַכע געמיינדע, אַ גייסטרייכע אין איר אָרימקייט, אַ פינקעלנדע אין אירע טראַנטעס, אַ שיין חלומ'ענדע און ביינקענדע אין רעכטען מיטען געמויזאַכטס פון איר קליינשטעטעלדיקייט און קליין־השגה־דיקייט.

* * *

ווי עס איז געווען צו ערוואַרטען און ווי עס איז אָפט דער פאַל ליגען שלום עליכם'ס חסרונות טאַקע דאָרט וואו עס ליגט זיין גרויסער אויפטו. טאַקע אין זיין רייכער מענשענמאַלעריי, טאַקע אין זיין אַז אַ שיעור רייכער מענשען־גאַלעריע ליגען זיינע הויפט־פעלערען. גאָר אַ סך פון שלום עליכמ'ס מענשען זיינען ניט טיף געמאָלען; און ניט זעלטען פאַלען אַפילו איינינגע פון זיינע בעסטע מענשען אריין אין קאַריקאַטורע.

לייענענדיג, ווער רעדט נאָך שטודירענדיג שלום עליכמ'ן דאַרף מען אויף אים אָנווענדען שייך־וואָסער: מען מוז אין אים אָפטיילען דאָס עכטע פון דעם ביליגען, דאָס קינסטלעריש־באַגייסטערטע, אויפריכטיגע פונ'ם נ אַ כ ג ע ־ ש ר י ב ע נ ע ם . אין דער אויסגאַבע פון זיינע יורשים זיינען שלום עליכמ'ס ווערק באַלד אַ דרייסיג בענדער: נאַטירלאַך איז דאָס ניט אַלץ זהב טהור: וואָלט עס אַזוי געווען וואָלט שלום עליכם געווען דער גרעסטער יואונדער זינט די וועלט שטייט. דער גרעסטער וואונדער זינט מענשען האָבען אָנגעהויבען שרייבען.

די אורזאַכען פון שלום עליכם'ס דורכפאַלען זיינען צווייענדיגע, מעכאַנישע און אינערלאַכע. צו די מעכאַנישע געהערט דאָס וואָס ער האָט ניט־זעלטען, — אָט ווי עס טוט אָפט אַפילו אַ גאַנץ גוטער אַקטיאָר, — געיאָגט זיך נאָך אַ מאָמענטאַנעם עפעקט („יכנה"ז" און פעסעל די מומע סאָסי'ס אין „צעזייט און צעשפּרייט"). דאָס וואָס ער האָט אַזוי אָפט געמוזט שרייבען פאַר'ן מאַרק (צום ביישפּיל די צוויי בילדער „וואָס איז חנוכה", איינס נוסח רוסיא, דאָס צווייטע נוסח אמעריקע), און אויך דאָס וואָס ווען געוויסע זאַכען האָבען זיך אים איינגעגעבען, האָט ער זיי איבערגע'חזר'ט, געצויגען אַלץ ווייטער און ווייטער, וואַריאירט אויף פאַרשיידענע אופנים. אַזוי, למשל איז „אַ בלעטעל שיר השירים" שיין, פריש און פּאָעטיש, אָבער די צוויי אַנדערע טיילען דערפון וואָס זיינען שפּעטער געקומען, זיינען דאָך, כאָטש זיי זיינען אויך גאַנץ שיין, פאָרט צ ו ג ע ב ו י ט ע קאַמערען: און דער

אין משך פון יארען פיל־צעצויגענער מנחם מענדעל מוז אפטמאל ארײנפאלען אין קאריקאטורע; און אפילו דער אויף אמת'ן פאטאס אויפגעהאלטענער טוביה — וואס זיינע טײלען זיינען אויך געקומען אין פארשיידענע צייטען — חזר'ט זיך ניט־זעלטען איבער און ווערט איין־טאניג.

איינינע פון די מער אינערלאכע סיבות פון שלום עליכמ'ס דורכפאלען — פון שטאנדפונקט פון א העכערער מאס — זיינען די פאלגענדע:

שלום עליכמ'ס טאלאנט איז א ברייטער, אבער ניט קיין טיפער. שלום עליכם זעט א סך, אבער ניט גרינטלאך. ער האט א לעבעדיג אויג, אבער ניט קיין אנאליזירענדען פארשטאנד. ער האט אין זיך גענוג מענשלאכע סימפאטי צו אינטערעסירען זיך מיט'ן לעבען, מיט'ן פראצעס פון לעבען; זיין סימפאטי ברייט זיך אבער נאר אויס איבער דער אויבערפלאך פון מענשען און זאכען, אבער ניט טיף צו דערפארשען. דאס לעבען גייט פארביי אים דורך אזוי ווי אין אן אייביגער „סמאטרע" און ווארפט פון זיך שטראלען אויף זיין אויג און באאבאכטונגס־קראפט, אבער זעלטען נעמט עס אים געפאנגען, אזוי, דאס ער זאל זיך מיט די מענשען אדער ערשיינונגען באהעפטען, איינלעבען זיך מיט זיי, פארזעצען זיך אין זיי, איבערלעבען זייער לעבען און זיי דער־נאך ברייט און טיף און גרינטלאך ווידער אויפבויען, ווידער באשאפען.

דערפון קומט ארויס וואס שלום עליכם איז הויפטזאכלאך דער מאלער פון דעם אידישען פאלק, פון דער גרויסער מאסע, פון המון, אבער ניט פון דעם אידען. גרויסע, ברייטע אלגעמיינע טיפען פון דער מאסע, וועלכע שווי־מען ארום אויף דער אויבערפלאך, האט זיין קינסטלעריש אויג ארויסגעכאפט און אפגעמאלען, אבער ער האט ניט געשאפען קיין כאראקטערען, קיין באַ־זונדערע פאר־זיך מענשען. שלום עליכם איז א מאלער מיט א פרייען, צעלאז־טען, טאנצענדיגען פינזעל, אבער ניט קיין פסיכאלאג. צוגלידערען א מענ־שען, אנווייזען אים דעליקאטע שטריכען, דערכאפען די מענשלאכע גע־פילען אין דעם מאמענט פון זייער געבורט און פארפאלגען כסדר זייער ווייטערען וואוקס, זייער צעפלאקערען זיך, זייער אויפברויזען און דאן זייער ענדלאכע אויסלעשונג אדער איינוויגונג — דאס געלינגט שלום עליכמ'ן גאנץ זעלטען.

דאס איז די הויפט־אורזאך פאר וואס שלום עליכם איז ווייניגער ער־פאלגרייך אלס דראמאטיסט און אלס דראמאטורג. זיין „ערשטער ארויספאר", איז זייער אויבערפלאכלאך און אן זעלען־פארשונג. פיל פארשווינען פירט דא שלום עליכם ארויס פאר'ן לעזער, אבער ער באנוגענט זיך בלויז מיט אויס־מאלען זייער אויסזען און אוואיעס. דאס ביכעל איז באשפריינקעלט מיט סצענקעלאך און אנעקדאטען פון דעם זייטיגען עולם. אבער די וויכטיגערע פערזאנען — די צוויי יונגע משכילימ'לאך, דער ראבינער, זיין זון און יעליזאבעטא — פון זיי קענען מיר זיך זאגאר קיין קלארען באגריף ניט מאַ־כען, ווער רעדט שוין זען זיי קלאר פאר זיך. דער ניט־ראיעלער, אומבאשטימ־טער מענשען־שטאף איז ניט דורכגעגאנגען דורך א דיכטער'ס הארץ און מוח. נאר עפעס ווי דורך א שנעלער ברי־מאשינע.

אין „סטעמפּעניו“ און אין „יוסעלע סאָלאָוויי“ איז דאָ פיל לעבן, אָבער נאָר ארום די ברעגעס פונ׳ם בילד. עס לעבן די סצענעס פון אידישע חתונות, פון שבת שפּאַצירען, עס וואַרפן זיך דורך פיל העלע פיגורן און פיגורלאַך פון מחותנים און מחותנ׳עסטעס, פון כלי־זמר און משוררים, אָבער די העלדען און העלדינעס זיינען בלאַסלאַך. אנשטאָט באַלויכטען צו ווערען דורך פּסיכאָ־לאָגישען אנאַליז, ווערן זיי נאָר באַשיינט מיט געקינסטעלטער פּאָעזיע און סענטימענטאַלער זיסקייט. די צוויי אידישע אַרטיסטען לעבן ניט דורך אַן אָפּשפּיגלונג פון זייער אייגענער פּאַרטיפטקייט, דורך אַ גריבלעריי אין זייערע נשמות, נאָר דורך אויסערלאַכער בריה׳ישקייט. ניט די מוזיק פון סטעמפּעניו׳ס נשמה פּאַרקלינגט פאַר אונז, נאָר די קונצען פון זיין פידעל; ניט די טרעלען פון יוסעלי׳ס זעלען־מעלאָדיי גיסען זיך פאַר אונז, נאָר דאָס גאָרגלען זיך פון זיין חזנ׳יש העלזעל. שלום עליכם האָט דאָ ווי מורא געהאַט אריינצובליקען טיף אין די הערצער זיינע פּאַרליבטע אידישע טעכטער; ער האָט זייערע געפילען מיט דעם שלייער פון אַ „כבודה בת מלך פנימה“ פאַרצויגען און מיט זיסער פרומקייטס־ערפורכט באַזונגען.

זיסע, האַרצרייסענדיגע קווייטען פונ׳ם אידישען גאָרטען זיינען די דאָ־זיגע צוויי ראָמאַנען. מיט זייער פּאַטאָס מאַכען זיי אונז צו וויינען. אָבער יענע זיסע מעלאַנכאָליע פון פּסיכאָלאָגישע ראָמאַנען, יענע זיסע מעלאַנכאָליע פון איבערלעבען צוזאַמען מיט׳ן שרייבער די טראַגעדיע פון צעבראָכענע מענ־שען און צערונען גליק, יענע מעלאַנכאָליע וואָס מישט זיך לאַנג נאָכ׳ן לייע־נען אוים מיט דעם לעזער׳ס לעבען און וועקט אין אים אויף דעם אומעט פון לעבענס־טראַגיק — יענע צאַרטע, אומגרייפבאַרע לעבענס־מעלאַנכאָליע רופען זיי אין אונז ניט ארוים.

ניט פיל בעסער ווי אלס ראָמאַניסט איז עס שלום עליכם׳ן געגאַנגען אלס דראַמאַטורג. קאַריקאַטורנע איז זיין „אסיפה“. קינדערש־נאַאיוו און ווידער קאַריקאַטורנע איז זיין צווייטע איין־אַקטיגע קאָמעדיע „מזל טוב“. די דריי־אַקטיגע קאָמעדיע „יכנה“ז“ האָט איניגע טיפּען און אַ סך הומאָר. אָבער די טיפּען זיינען מייסטענס אויבערפלאַכלאַך און דורך מעכאַנישע מיט־לען, צוגעקלעפּטע חכמות און ביליגע ווידערהאָלונגען געמאָלען. דער הומאָר איז אָפּט אַ האַרציגער. אָבער מאַנכעס מאָל אַ וואולגאַרער (די מעקלערס פון דער בערזע שרייען אַלע ווילע „אמת ווי מיר אידען זיינען“ אָבער שלום עליכם הייסט זיי דאָס אַזוי ארויסריידען, אַז עס זאָל קלינגען ווי „מערידען זיינען“) און פיל עפּטער אַ שטאַרק איבערטריבענער, פון איין שטיק מיט׳ן הומאָר פון „דאָס טעפּעל“. די צוויי פּאָזיטיווע פּאַרשוינען, מאַרקוס דער לערער און זיין געליבטע, דעם גביר׳ס טעכטערל, זיינען געמאָלען מיט דערזעלבער מוטנער, צעקראָכענער פּאַרב ווי די צוויי משכילים׳לאַך און יעליזאַבעטאַ פונ׳ם „ערשטען ארויספאָר“, און נאַטירלאַך, ענדיגט זיך די גאַנ־צע געשיכטע מיט אַ מוסר־השכל דרשה.

פון אַ פיל העכערען גראַד איז שלום עליכם׳ס קאָמעדיע „צעזייט און צעשפּרייט“. דאָ האָט אים ארויסגעהאָלפען די גוטע טעמע — די אידישע על־

טערען וועלכע פארשטייען ניט זייערע קינדער און די אידישע קינדער, וועלכע שווימען אוועק פון זייערע עלטערען,—אבוואל שלום עליכם האט די טעמע גאנץ אלט־מאדיש אויפגעפאסט. די טראגעדיע איז ניט פון אונזער צייט, וועלכע איז אזוי רייך אין טיפע, ווירקלאכע אורזאכען פון דער צעשיידונג פון עלטערען און קינדער, און ממילא זיינען די מענשען, איבערהויפט די עלטערען, שוין צופיל אלט־מאדיש. מאיר שאלאנט, דער פאטער, איז אזוי רוי, אזוי אומגעטשעפעט פון די נייע ווינטען, דאס עס דאכט זיך, אז אפילו מיט ליכט וועט מען היינט אזא אידען ניט געפינען. ער, א איד א נגיד, א סוחר, באליידיגט די קינדער מיט אזעלכע זידעל־ווערטער, וועלכע נאר פארצייטיגע שמידען וועלען היינט געברויכען און שרייבט צום גראף אזא „אדוני פריץ" בריף, וועלכען מען פלעגט נאך שרייבען אין די אמאליגע פויליש־מה־יפית צייטען. זיין ווייב, מלכה, איז אזוי אלט־מאדיש קליינשטעטלדיג און אזוי אלט־מאדיש ערלאך, דאס מען קען זיך מיט איר נאר דערקוויקען ווי מיט א זעלטענעם עקזעמפליאר וואס איז דורך א נס איבערגעבליבען פון עפעס א מין פאר'ן מבול. (וואס פאר א שרייענדער קאנטראסט צווישען אזא פאר און גראסמאן און זיין ווייב פון יושקעוויטשעס „קיניג"!)

די „טראגעדיע" קומט ארויס דערפון וואס איין טאכטער אנטלויפט אום חתונה צו האבען פאר אן ארימען אפטייקער; איין זון פארט אפ אין א דערבייאיג שטעטעל אום חתונה צו האבען מיט אן ארים מיידעל; נאך איין זון איז א ציוניסט, נאך א טאכטער פארט שטודירען אויף די קורסען און דער מיזיניקעל פארט ארום אויף א וועלאסיפעד און שפילט זיך מיט הינט. און אט די אלע געהערען ביי שלום עליכם'ן צו איין קאטעגאריע פון **צעזייט און צעשפרייט**, יהגם, אי דער צווייטער זון אי די צווייטע טאכטער האבען ליב די עלטערען און זיי וועלען העכסט ווארשיינלאך מיט זיי אויך אויף שפעטער בלייבען פאראייניגט אין גייסט און די צוויי עלטערע קינדער וועלען זיך מסתמא מיט די עלטערען איבערבעטען אזוי שנעל ווי זיי וועלען נאר באקומען זייער מחילה אדער די נויטיגע פאר קערבלאך אויף צו קומען צוריק. ווי אלט־מאדיש, ווי שאבלאנע דאס אלץ איז!

אייניגע טיפען, ווי דער פאטער, די מוטער און דער קארטעוניק דאווידקע קאטשער, זיינען העל געמאלען, אבער קיין דראמאטישע פערזאנען זיינען זיי ניט, ווייל די פיעסע איז קיין פיעסע ניט, נאר א צוזאמענקלייבונג פון אפגעריסענע סצענעס און די געפילען פון די מענשען ווערען בלויז מאמענטען־וויים אנגעצייכענט, אבער ניט דורכגעפירט, ניט דורכגעגליט. זיי צעפלאקערען זיך ניט ווי אין אן אמת'ער דראמע, זיי פליסען ניט דורך דורך די פארשיידענע סצענעס אין גאנצע, ניט־אפגעריסענע בלוט־און נערוועז־זאפט שטראמען; זיי טוען נאר א פינקעל דא און דארט, אזוי ווי רישטעלאך וואס רייסען זיך פלוצלונג ארויס פון אונטער א הרעבליע און ווערען צוריק פארלוירען אונטער דר'ערד.

א פאר אנדערע פארשוינען, ווי דער עלטערער זון און די עלטערע טאכטער, זיינען אבער לחלוטין טויט און נאך א פארטיגען מוסטער געצייכענט.

און כאַטש אייניגע סצענעס זיינען זייער לעבעדיג און רירענד מיט זייער מענשלאַכקייט, זיינען אָבער אַנדערע ווי למשל, פּעסיל די מומע סאַסיעס געשיכטען און באַגעגענישען מיט מאיר שאַלאַנט און מיט זיינע קינדער, אָדער קאַריקאַטורנע איבערטריבען אָדער גראָב־קאָמיש.

און די אָרימקייט פון שלום עליכמ'ס ראָמאַנען און פּיעסען שטאַמט הויפּטזאַכלאַך פון זיין אויבערפלאַכלאַכקייט, דערפון וואָס ער שטעלט זיך בלויז אָפּ אויף דאָס אויבערפלאַכלאַכע אינ'ם אידישען לעבען, פון דעם וואָס ער איז נאָר א דורכשניטס־באַאָבאַכטער, אָבער ניט קיין פּסיכאָלאָג.

מחמת דעמזעלבען מעם איז די אידישקייט פון שלום עליכמ'ס ווערק נאָר אַן אויבערפלאַכליכע, א גאַסען־אידישקייט, א המון־אידישקייט. ווי טיף איז דער חילוק אין דער הינזיכט צווישען אים און פּרץ'ן. פאַר פּרץ'ן לעבט דער גייסט פונ'ם אידען, פאַר שלום עליכם'ן צומייסט נאָר זיינע זיטען און מאַנירען. פּרץ אינטערעסירט זיך מיט דעם פּאַטעטישען, באַגייסטערטען חסיד: פאַר שלום עליכמ'ן עקזיסטירט נאָר דער קאָמישער חסיד וואָס מאַכט אַלערליי אומגעלומפּערטע קונצען, וועלענדיג אויסמיידען א „אשה". פּרץ'ס יוחנן דער מלמד זעט די געהיימניספולע שיינקייט פון דעם מלאך המות, וועלכער שפּאַצירט מיט הימעלש־מוזיקאַלישע טריט. ווען ער גייט דערפילען גאָט'ס שליחות און פיל פון שלום עליכמ'ס מלמדים האָבען הנאה פון שמייסען זייערע תלמידים. פּרץ מאָלט מקובלים, וועלכע הערען די שירה פון דער פמליא של מעלה און שלום עליכם שטעלט פאָר אידען וואָס זינגען שיכור'ע לידלאַך איבער א גלעזעל ווימאָראַזיק.

(פראַגעס און דערמאָנונגען: פאָרמולירט אייך אליין: וואָס איז א טיפּ? פאַרגלייכט דעם טיפּ מענדעלע מוכר ספרים מיט'ן טיפּ טוביה דער מילכיגער; אין וועלכע פּרטים זיינען זיי ענלאַך און אין וועלכע אונטערשיידען זיי זיך? פון וואַנען נעמען זיך זייערע אונטערשיידען? ווער פון די צוויי פאַרטרעט דעם גרעסערען קלאַס אידען און ווער דעם קלענערען? ווי שטייט שלום עליכם בונע זיינע טיפּען? שטייט ער פון זיי גאַנץ אָפּגערוקט, איז ער צו זיי גלייכגילטיג אדער ער ווייזט צו זיי ארויס א געוויסע באַציאונג? און צי האָט ניט אַמאָל זיין באַציאונג צו זיי עפּעס צו טאָן מיט'ן פּאַטאָס פון זיינע דערציילונגען? — פּרואווט אויסמאָלען פאַר אייך אליין די פיגור פון דעם כתרילעווקער רב ר' יוזעפיל: איז ער ברייט און טיף גענוג צו זיין א טיפּ? וואָס פעלט אים צו זיין טיפער ווי ער איז? צי קענט איר ניט צוטראַכטען א וועג ווי אזוי מען וואָלט אים געקענט טיפער מאַכען? פּרואווט פּאָרמולירען אייך אליין וואָס מען מיינט מיט פּסיכאָלאָגיע אין דער ליטעראַטור. — אין אזא פּיעסע ווי „צעזייט און צעשפּרייט" וואָס פעלט אין איר אום צו מאַכען זי אמת דראַמאַטיש?)

דריטע לעקציע: — שלום עליכמ'ס הומאָר. — פאַרשיידענע מדרגות פון הומאָר. — דאָס וואָרטשפּיל. — דער אַנעקדאָט. — די קאַריקאַטורע. — דער הומאָר פון סיטואַציע און דער הומאָר פון כאַראַקטער.

(לייענען: „דער דייטש", „ביים דאָקטאָר", „מענשען"; לייענען באַזונדער — פון די „קליינע מענשעלאַך", — „קיין עין הרע ניט", „ווען איך בין רויטשילד", „אויסגעטרייסעלט", „נחת פון קינדער", און „גיטאָ קיין מתים"; „מתושלח", „די מאַירס און די שניאורס", „די גרויסע בהלה פון די קליינע מענשעלאַך", „דאָס נייע כתריליעווקע", „אַ מעשה אָן אַ עק", „די ערשטע קאָמונע", „ס'אַליגען" און די פּיעסען „שווער צו זיין אַ איד" און „דאָס גרויסע געווינס").

מער פון אַלץ קען מען און מען שאַצט שלום עליכמ'ען אַלס הומאָריסט. און דאָס איז ניט אומזיסט. און דאָס איז אויך קיין קלייניקייט ניט. שלום עליכם איז אונזער גרעסטער, געזינטסטער, נאַטירלאַכסטער הומאָריסט. ער איז דער גרעסטער הומאָריסט ביי אַ פאָלק, וואָס איז אַזוי שטאַרק הומאָריסטיש, אין אַ ליטעראַטור, וואו ס'איז פּאַקטיש קיין איין שרייבער ניטאָ, וועמען ס'זאָל פעלען דער חוש פון הומאָר.

דער אמת'ער הומאָר, דער ווירקלאַך אייחעלער הומאָר וואָס רעדט גלייך צום גוטען ווי צום שלעכטען, צום איידעלען ווי צום גראָבען, צום אומווי־סענדען ווי צום אינטעלעקטועלען מענשען, איז אַן אויסדרוק פון לעבעדיקייט, לעבענס־קראַפט און אָריגינאַליטעט. און ווייל מיר אידען זיינען אַזוי לעבעדיג און האָבען אַזאַ גרויסע לעבענספייאיקייט און זיינען אַזוי אָריגינעל, זיינען מיר אפשר דאָס הומאָריסטישסטע פאָלק אין אייראָפּע. און דער גוטער אי־דישער הומאָריסט דאַרף קיין זאַך ניט טאָן ווי נאָר געטריי, קינסטלעריש רעפּראָדוצירען דאָס אידישע לעבען. אָבער דאָס קען געטאָן ווערען נאָר דאַן ווען מען טרעט צו צו אונזער לעבען אָן די בלויע ברילען פון דעם ראָמאַנטי־שען אידעאַליזאַטאָר און אָן די זעמשענע הענטשעקלאַך און דעם שלאָס אויף דער נאָז פון דעם אַפּשפּאָטער און אָפּלאַכער.

שלום עליכם איז צום אידישען לעבען צוגעקומען אָן חכמות, אָן וועל־כער ס'איז גייסטיגער מחיצה. נעמענדיג זיך אָן חכמות דאָס אידישע לעבען אין וואָרט איבערגעבען, האָט ער אויף אַזאַ אופן די הומאָריסטישסטע ווערק געשאַפען.

לייכט האָט ער עס געטאָן. וואָרים דער הומאָר ליגט פון אויבען־אויף אין פאָלק'ס לעבען, פון אויבען־אויף אויף דער פאָלקס־שפּראַך. דער אידישער הומאָר ליגט אין אידענ'ס האַרץ און מוח, אין זיין אָריגינעל־משוגענער לאַגע, אין זיין אָריגינעל־משוגענעם קוק אויפ'ן לעבען; אין דער דאָזיגער אייגענ־אַרטיגער נאַטור, וואָס דאָס וואַקעלדיגע, פאַנטאַסטישע, פון אינעווייניג און

פון דרויסן קאנטראסטן־רייכע לעבן האט אין פאלק אויסגעארבייט און וואס האט זיך אזוי לייכט, אזוי אינטים־נאטירלאך מיט דער פאלקס־שפראך צונויפגעוואקסן און זיך אין איר אזוי גראטעסק, אזוי ארימלאך־רייך, אזוי בלישצענדיג־אומעטיג ווי א זון אין א רעגן אפגעשפיגלט.

דער גליקלאכסטער אידישער הומאר ליגט אין אידישן מענשן, וואס איז אזוי אנדערש פון אנדערע מענשן, א מענש וואס האט אימער א באזונדער שטעלונג צו דער וועלט, וואס שטייט צו איר אימער אין דער קרים. דאס איז דער רעזולטאט פון באזונדערן אידישן לעבן צווישן די פעלקער. דער אריגינעלסטער און אינטערעסאנטסטער אידישער טיפ איז דער בטלן — דער מענש וואס אדער ער קען נישט די וועלט, אדער ער איז זי מבטל. און מער־ווייניגער בטלן איז יעדער איד און גאר באזונדערס דער כתרילעווקער, ד. ה. דער קליינשטעטלדיגער איד. דערפאר לאכן מיר אזוי לייענענדיג וועגן די כתרילעווקער, נישט מיינענדיג אפילו זיי אויסצו׳חוזק׳ן. און ווירקלאך, מיר ל א כ ע ן פון זיי נישט, מיר קוועלן פון זיי אן.

דער בטלן איז א וואקעלדיגער מענש, א מענש אן א באדן אונטער די פיס, א מענש פון יא און ניין, פון אהין און אהער אין דער אייגענער רגע. און ביים בטלן ארבעט זיך אויס א געשפרעך וואס איז אימער שוואנקענדיג, א וואקלענדיגע שפראך פון מילאים און מהיכי תיתי׳ס.

און אזוי האט שלום עליכם זיין הומאר פון אויבן־אויף פון אידישן לעבן און פון דער אידישער שפראך אראפגעשוימט. שלום עליכם האט זיין הומאר פונ׳ם פאלקס־הומאר ארויסגעשעפט, געבענדיג אים בלויז א ליטערארישע פארמע. אמאל האט ער דעם רויען שטאף אין א פאלקס־אנעקדאט געפונען (זע יחיאל׳ן אלס סאלדאט אין „מעשיות־פון־טויזענט־און־איין־נאכט" און פארגלייך עס מיט די פיל אומגייענדיגע אנעקדאטן וועגן אידן אין מיליטער־דינסט); אמאל האט ער אים אין א פאלקס־געשפרעך דערכאפט (זע ווי טוביה אין „דאס גרויסע געווינס" דערקלערט די פארבלאנדזשעטע דאמען פון בויבעריק דעם וועג צו זייער דאטשע); אמאל האט ער אים געפונען צוזאמענגעפרעסט אין א פאלקס־ווערטעל, אין פאלקס שפראך שפילעניש, דער עיקר אין זיין שפילן זיך מיט קודש אויף חול, אין זיין שפילן מיט לשון קודש און אידיש אין דער אידישער שפראך (דאס איז דער הומאר פון די ווערטלאך און טייטשן פון טוביה דעם מילכיגן און פון שמעון אלי פון „א מעשה אן אן עק").

האבענדיג זיך אזוי אינטים צוזאמענגעלעבט מיט׳ן פאלק, שטייענדיג אזוי ביים סאמע צאפן פון זיין געלעכטער איז שלום עליכמ׳ס הומאר אזוי איבערפלייצענדיג רייך. דאך — און אפשר טאקע דערפאר — דארף מען אויך דא אנווענדן דאס שייד־וואסער, ראשית זיין הומאר אויססארטירן, און צווייטנס, אפקלייבן דאס הויכע פונ׳ם נידעריגערן.

ס׳זיינען דא פילערליי הומארן, אדער ריכטיגער מדרגות פון הומאר. ס׳איז דא א העכערער הומאר און ס׳איז דא א נידעריגערער, א נאטירלאכער הומאר און א צוגעטראכטער, דאס הייסט, שוין א ביסל א געמאטערטער.

ס'איז דא א הומאר פון שכל, פון אינטעלעקט, וועלכער רעדט צום געדאנק און רופט ארויס א גייסטיגע, שכל'דיגע אנגענעמליכקייט. אזא הומאר דארף אייגענטלאך גאר באצייכענט ווערען מיט'ן נאמען וויץ. און ס'איז ווידער דא דער הומאר פון טעמפעראמענט, פון פשוט־געזונטער הנאה וואס רירט אנגענעם אן אונזער איינפאך־הארציגע לעבענס־פרייד.

ס'איז דא דער הומאר,—ריכטיגער דער וויץ פון ווארט־שפילען. מיט דעם דאזיגען וויץ זיינען פול שעקספיר'ס פיעסען. דאס איז דער אינטעלעקטוע־לער הומאר פון דעם פאלקס־מענשען. דער דאזיגער הומאר רירט אונז זעל־טען צו שטארק: מיר וועלען זעלטען ארויספלאצען מיט א געזונטען האר־ציגען געלעכטער פון אזא מין וויץ. דער דאזיגער הומאר האט זיך שטארק איינגעזאפט אין דער אידישער שפראך. און, פארשטייט זיך, זייענדיג אזא גלענצענדער קענער פון דעם אידישען לשון, איז גאנץ נאטירלאך, אז שלום עליכם זאל האבען א היבש ביסעל פון דעמדאזיגען הומאר אין זיינע שריפ־טען. אזוי, למשל, דער מאנאלאג „ביים דאקטאר" דרייט זיך דער עיקר ארום דעם ווארט־שפיל פון „אויסהערען". „אויסהערען" אויף דער דאקטארשער שפראך, הייסט דעם פאציענט ארומטאפען, ארומקלאפען, איהם עקזאמעני־רען. אבער דער העלד פון מאנאלאג איז פון אזא מין „אויסהערען" ניט צו־פרידען: ער איז א גרויסער בעל דברן, א „נודניק", א איד מיט א שווערען געמיט און ער קומט צום דאקטאר ניט אזוי קורירען זיך ווי אראפריידען זיך פון הארצען, ווייל ער אז דער דאקטאר זאל איהם „אויסהערען". שלום עליכם'ס איין־אקטיגע קאמעדיע „מענשען" איז אין גאנצען געבויט אויפ'ן ווארט־שפיל פון מ ע נ ש , וואס באטייט אי א מ ע נ ש אי א ד י נ ע ר און דער פינאל פון דער קאמעדיע באשטייט אין דעם וואס די דערשלאגענע, אונטערטעניגע דינער קריגען ענדלאך מוט און הויבען זיך אויף קעגען זייער גראבער בעל הבית'טע, ד. ה. זיי ווערען פון מענשען — מ ע נ ש ע ן.

דער־דאזיגער הומאר, ווי שוין געזאגט, געהערט ווייט ניט צום העכערען סארט און וואלט ער געווען דער עיקר ביי שלום עליכם'ען, וואלט ער אים געוויס ניט באריהמט געמאכט, גאנץ זיכער ניט ביי דער אינטעליגענץ, ביי מענשען וואס זיינען גוט באלעזען אין ליטעראטור.

דערנאך איז פאראן דער סארט הומאר, וואס באשטייט אין דערציי־לען אן אנעקדאט, מייסטענטיילס אזא וואס גייט אום צווישען פאלק. דער־דאזיגער הומאר שטייט אפט נאענט צום ווארט־שפיל. מאנכעסמאל איז ער טאקע ניט מער ווי אן אויסגעברייט ווארט־שפיל. דערביי איז ער אויך א היבש ביסעל צוגעטראכט און אויך ער שטייט ניט צו הויך. אויך מיט דעם דאזיגען סארט הומאר באנוצט זיך שלום עליכם פון צייט צו צייט: אדער ער לאזט זיינעם א העלד דערציילען א געוויסען אידישען אנעקדאט אדער ער נעמט אן אנעקדאט און צעציט אים אויף א געשיכטעלע. אזא איז, למשל, זיין דער־ציילונג „דער דייטש", אזא איז צום טייל אויך זיין בארימטער מאנאלאג „דאס טעפעל" און זיין קוים־וויינעגער בארימטע „פון פריזיוו" און „די עצה". אין אזעלכע פאלען איז שלום עליכם זייער ערפאלגרייך, דאך איז דא זיין הו־

מאר ווירקלאך גוט נאר דאמאלס ווען עס גיט זיך אים איין צום אנעקדאט צוצוגעבן א לעבעדיגען, אינטערעסאנטען העלד, אריינצוגעבן אים א לעבעדיגע, ריידעוודיגע, כאראקטעריסטישע שפראך. אין „טעפעל“ און אין דער „עצה“ איז עס אים געלונגען, געהערען זיי טאקע צו זיינע בעסערע זאכען: אין „פון פריזיוו“ איז עס אים טיילווייס געלונגען, איז עס בארימט; אין „דרייטש“ האט זיך עס אים ניט איינגעגעבען און עס איז איינס פון זיינע שוואכסטע זאכען.

נאענט צום אנעקדאטען־הומאר איז דער הומאר פון קאריקאטורע, פון גוזמא, פון איבערטרייבונג. דאס איז דער הומאר, וואס האלט זיך ניט צו שטארק ביים אמת, וואס יאגט זיך נאך א מאמענטאנעם עפעקט, דורך פרווען לעבערלאך מאכען דעם מענשען אדער די זאך אויף וועמען די געשיכטע באציט זיך. אזא הומאר האט אין זיך אויך א ביסעל גראבקייט. שלום עליכם האט א היבש ביסעל פון דעמדאזיגען הומאר. אט טאקע אין „פון פריזיוו“ איז עפעס דא דערפון. עס איז פיל דערפון דא אין זיינע טעאטער־שטיק: „מזל טוב“, „יכנה“ז“ און אפילו „צעזייט און צעשפרייט“. עס געפינט זיך אויך אין אזעלכע זאכען ווי „באַרדיטשעווער טעאטער“ און „באַרדיטשעווער רעסטאראציעס“. (אין די נייע אויסגאבעס אין „דאס נייע כתרילעווקע“).

די נעכסטע שטופע פון הומאר איז אט יענער סארט וואס קומט ארויס פון אריינזעצען דעם העלד אין א געוויסער קאמישער לאגע, אין א געוויסער סיטואציע (מען רופט אים טאקע: דער הומאר פון סיטואציע). דער בעסטער ביישפיל פון אזא הומאר, וואס מען מעג אנרופען א קלאסיש ביישפיל, איז טאקע שלום עליכם׳ס „שווער צו זיין א איד“. אן און פאר זיך איז דער הויפט העלד, דער רוסישער סטודענט, אי ניט אינטערעסאנט, אי ניט קאמיש. ווערט ער אבער אריינגעדרייט אין דער מאדנער לאגע פון דארפען שפילען די ראלע פון א אידען, אזוי, אז עס ווערט אונז אינטערעסאנט צו זען, ווי וועט ער זיך פון דער לאגע ארויספלאנטערען און מיר קוועלען אן פון דעם אינטערעסאנטען פלאנטער.

דערדאזיגער סארט הומאר איז אי אי אמת אי ניט, אי נאטירלאך, אי צוגעטראכט. די לאגע איז א צוגעטראכטע, אבער קוים נעמען מיר אן, אז זי האט ווירקלאך געטראפען, קען מען זיך ניט איינהאלטען פון געלעכטער. פון דעם מענשען גופא קוועלט דער הומאר טאקע ניט ארויס. די געשיכטע איז טאקע א ביסעל איבערטריבען. אבער נעמען מיר אן, אז דער העלד האט זיך ווירקלאך פארדרייט אין אזא מין לאגע, דאמאלס איז ניט מער ווי נאטירלאך, אז ער זאל טאקע אזוי האנדלען.

שלום עליכם האט זייער פיל פון דעמדאזיגען הומאר. אין געוויינטלאך, כאטש מען פילט דערביי א שוואכען ווידער־געשמאק פון צוגעטראכטקייט און איבערטרייבונג, לאכט מען דאך גאנץ הארציג. דאס איז אויך צום טייל דער הומאר פון שלום עליכם׳ס גרויסער דערציילונג „א מעשה אן אן עק“. דאס איז אויך זייער א גרויסער טייל פון דעם הומאר פון די „בריף פון מנחם מענדלען“.

אין דעם ריין־אינטעלעקטועלען הומאר, ריכטיגער וויץ, אין דעם הומאר פון טיפען געדאנק און פיינער אדער ביטערער אנצוהערעניש דורך דער סאטירע אדער אלעגאריע, ווי א שטייגער אין דער „קליאטשע“ פון מענדעלע מוכר ספרים, — אין דעם דאזיגען הומאר צייכענט זיך שלום עליכם ניט שטארק אויס, כאטש ער האט מערערע זאכען פון דעם סארט. בלויז די סאטירישע אלעגאריע „ראבטשיק. א אידיש הינטעל“, מאכט זייער א גרויסען רושם.

פון אלערליי סארטען הומאר איז דער בעסטער, דער געזינטסטער, פרישסטער און סימפאטישסטער דער הומאר פון פארשטעלען געזונטע, אריגינעלע, פרישע, אמת לעבעדיגע מענשען. און שלום עליכם׳ס בעסטער, אמת׳דיגסטער און מייסטער הומאר איז אט דער וואס פליסט ארויס פון זיין לעבעדיגער מאלעריי, פון די וואוילע, פרישע, אריגינעלע מענשען וואס ער מאלט אויס און פון דער טיפער ליבשאפט מיט וועלכער ער מאלט זיי אויס.

מיר געפינען שלום עליכם׳ס בעסטען הומאר אין זיינע בילדער פון קינדערשען לעבען. די אידישע חדר־אינגלאך קומען ביי אים ארויס אזוי פריש און לעבעדיג און אזוי אינטערעסאנט־אומגעוויינטלאך, דאס מיר קוועלען פון זיי אן. מיר לאכען ניט פון די מענשען, וועלכע שלום עליכם שטעלט פאר אונז פאר, מיר לאכען פון זיי ניט אפ, מיר קוקען אויף זיי ניט מיט קיין חוזק. פארקערט, מיר האבען זיי ליב, מיר קוועלען פון זיי אן. מיר האבען הנאה פון זיי. מיר לעבען מיט שלום עליכם׳ס קינדער, מיר וויינען מיט זיי אין זייערע קליינע טראגעדיעס און מיר לאכען מיט זיי מיט בשעת זיי לעבען איבער זייערע קליינע קאמעדיעס.

מיר האבען שטארק הנאה פון מנחם מענדלען, ניט אזוי פון די סיבות וואס טרעפען אים, (דאס, ווי שוין דערמאנט, געהערט גראד ניט צום בעסטען הומאר) נאר טאקע פון אים אליין, פון זיין אייביגען אפטימיזם, פון זיין האפענונג וואס ווערט קיינמאל ניט אויסגעלאשען, פון זיין לייכט־געבענשטער קוועקזילבערנער נאטור, וואס ווי אפט און ווי נידעריג ער זאל ניט פאלען, שלאגט ער זיך קיינמאל ניט אפ. דאס אלץ מאכט מנחם מענדלען פאר א לעבעדיגען, אינטערעסאנטען און אריגינעלען מענשען און מיר האבען פון אים הנאה.

שלום עליכם׳ס געבענשטער, פרישער הומאר איז צעשפרייט איבער די מייסטע ווערק פון די לעצטע ניינצען־צוואנציג יאר פון זיין שאפען. ער געפינט זיך אבער אם מערסטען אין זיינע שילדערונגען פון ארימען פאלק, פון ארימע פאלקס־מענשען, פון אידישע בעל מלאכות, מלמדים, משרתים, קליינע הענדלער, א. ז. וו. נעמט, למשל, שלום עליכם׳ס שניידערס: זיי שפריצען מיט לעבען — און זיי שוימען מיט הומאר: אזוי דער שניידער און דער שוסטער פון „א פארשטערטער פסח“, אזוי דער שניידערשער העלד פון „א מעשה אן אן עק“, אזוי דער סטאליער פון אן „אנגעלייגטער ברית“.

שלום עליכם׳ס הומאר איז א אידישער. וואס אידישלאכער זיינע מענשען אלס פרישער איז זיין הומאר. שלום עליכם׳ס פרישסטע מענשען זיינען

זיינע קליין־שטעטלדיגע אידען — די כתרילעווקער — און דער הומאָר פון די כתרילעווקער מעשה׳לאך איז דער זיסטער. און עס איז דער הומאָר פון העכסטען סאָרט, ווייל עס ווייט פון אים ניט קיין חוזק, ניט קיין שפּאָט, נאָר ליבשאַפט און נחת. ניט מיר ל אַ כ ע ן פון די מענשען, נאָר מיר קוועלען פון זיי אָן. ווייל זיי זיינען לעבעדיג, אָריגינעל, אינטערעסאַנט, אַזוי ניט גלייך צו אַנדערע, אַזוי טריי צו זיך אַליין.

וואָס פאַר אַן איידעלער הומאָר עס אָטעמט פון דעם קליין־שטעטלדיגען רב ר׳ יוזעפיל און וואָס פאַר אַ האַרציגע הנאה מיר האָבען פון דעם כתרילעווקער וואַסער־פירער און פון זיין פערדעל „מתושלח״ און וואָס פאַר אַ מחיה׳דיג מענשעל איז דער אַלטער קברות־מאַן פון „ניטאָ קיין מתים״. דער קברות־מאַן וואָס רעדט מיט אַזאַ שטאָלץ פון ז י י נ ע מתים גלייך ווי אַ האָטעל־באַזיצער וואָלט עס גערעדט פון זיינע געסט. און וויפיל לעבען און פרישקייט און אָ ר י ג י נ ע ל ע א י י ג ע נ אַ ר ט י ק י י ט עס אָטעמט פון דעם גליקלאַכען בעל עגלה פון „קיין עין הרע״ ניט, פונ׳ם בעל עגלה, ביי וועמען די קאַפּיטלאַך תהלים שבת נאָכ׳ן טשאָלענט לויפען ווי די ווערסט־סלופּעס אויפ׳ן טראַקט און דער עונג שבת באַשטייט ביי אים, צווישען אַנדערעס, אויך אין דעם וואָס די קאַץ ליגט ביים אויוועז און וואַרימט זיך. און ווי אמת אומפאַרגלייכלאַך איז דער הומאָר פונ׳ם בטלנישען חקרן פון „ווען איך בין ראָטשילד״, פון יענעם אביוני׳שען מלמד, וואָס ניט האָבענדיג אַ גראָשען ביי דער נשמה, וואַרפט ער זיך מיט מיליאַרדען, טיילט אוים לענדער און איז אינגאַנצען מבטל דאָס געלט. מעקט עס אָפּ פון פנים פון דער ערד.

שלום עליכם׳ס הומאָר, דאָרט וואו ער איז אמת, דאָרט וואו ער איז הויך, איז עכט אידיש. עס איז דער הומאָר פון דעם אידישען מענשען, וואָס איז אינטערעסאַנט מיט זיינע קרומקייטען, מיט זיינע משוגעת׳ען, מיט זיין פאַרקערטען אַרט דיינקען, מיט די פאַרשיידענע חנ׳עוודיגע קנייטשלאַך און דריידלאַך פון זיין מוח, מיט זיין ניט קענען די וועלט, מיט זיין שטענדיגען זאָגען און באַלד חרטה האָבען, באַלד פאַרכאַפּען זיך צוריק, מיט זיין מאַראַלישען ניט האָבען קיין פעסטע ערד אונטער די פיס, מיט זיין בטלנ׳ישקייט. עס איז דאָס זיסע געלעכטער פון אידישען לעבען, וואָס איז סאַי גייסטיג און סאַי מאַטעריעל אַזוי אַנדערש פונ׳ם לעבען פון אַנדערע פעלקער.

(פראַגעס און דערמאַנונגען: פרואווט פאָרמולירען זיך אַליין דעם חילוק צווישען הומאָר און וויץ. — טייטשט אייך אַליין אָפּ וואָס מיינט הומאָר פון סיטואַציע? וויפיל־ערליי סאָרטען הומאָר זיינען פאַראַן אין „עולם הבא״ און וועלכער סאָרט איז דער הערשענדער? וואָס איז דער הומאָר פון שלום עליכמ׳ס דערציילונג „כאַבנע״? — ווי דאַרף מען באַצייכענען דעם הומאָר פון „כתרילעווקער טראַמווייען״ אין „דאָס נייע כתרילעווקע״? וואָסערע סאָרטען הומאָר געפינען זיך אין דער פיעסע „דאָס גרויסע געווינס״ און צו איז אין איר אויך פאַראַן דער עלעמענט פון וויץ? — ווען איז דער הומאָר פון אַנעקדאָט גוט און ווען ניט? — שטעלט אייך פאָר אַ לאַגע, אַז מען זאָל פאָר די כתרילעווקער גופא פאָרלייענען שלום עליכמ׳ס שילדערונג פון די כתרילעווקער, וואָס פאַר אַן עפעקט וואָלט דאָס אויף זיי געהאַט?)

י. ל. פרץ

ערשטע לעקציע: — פרץ'ס אויפטו פאר דער נייער און דער מאדערנער אידישער ליטעראטור. — פרץ דער מענש.

לייענען: פרץ'ס צוועלפטען און דרייצענטען באנד, אויסגאבע פון פארלאג אידיש; וועגען פרץ'ן: קאפיטעל אין פראפעסאר וויענער'ס ענגלישע געשיכטע פון דער אידישער ליטעראטור; דר. א. גינזבורג: „פרץ אלס העברייאישער דיכטער", „די צוקונפט", מאי, 1915; ב. גארין: „ווארשע און אדעס", „די צוקונפט", יוני, 1915; אברהם רייזען: „מיין ערשטע באקאנטשאפט מיט י. ל. פרץ", „די צוקונפט", יולי, 1916).

דער לעצטער פון די דריי זיילען פון דער נייער אדער וועלטלאכער אידישער ליטעראטור איז יצחק לייבוש פרץ. דערנאך הויבט זיך אן א נייע עפאכע אין דער אידישער ליטעראטור — לאמיר זי רופען די מאדערנע עפאכע — אן עפאכע וואס ניט נאר איז פרץ דער בריק צו איר, דער בריק צווישען דער אלטער און דער נייער עפאכע, נאר ער איז טאקע איר באגרינדער, איר באשאפער. אבער וואונדערמענשען — אזוי דערציילען אלטע מעשיות — קענען זיך אין דערזעלבער רגע אויף צוויי פלעצער געפינען: געהערט פרץ גלייכצייטיג אויך צו דער אלטער עפאכע און שטייט זייט־ביי־זייט לעבען מענדעלען און שלום עליכם'ען און אין עטלאכע פרטים געהערט ער טאקע דא אממייסטען, אם קענטיגסטען.

די ערשטע עפאכע פון דער נייער אידישער ליטעראטור טיילט זיך אפ פון דער צווייטער, דער עיקר מיט צוויי סימנים: זי איז ארויסגעוואקסען פון דער השכלה־באוועגונג און אפילו אין די שפעטערע צייטען, ווארפט זיך אין איר וועז־ניט־ווען דורך א השכלה'דיג־שפאטישער טאן בנוגע צום אידישען לעבען; צווייטענס, איז זי אידיש־אפגעזונדערט. זי מאלט דאס אידישע לעבען גלייך ווי עס וואלט געווען ערגיץ־וואו אויף א ניט־באוואוינטען אינזעל פארווארפען און קיין הויך פון קיין אנדער לעבען וואלט עס אפילו ניט אנגערירט. אחוץ דעם פילט זיך אין איר זייער שוואך, אז זי זאל זיין א ליטעראטור צווישען אנדערע ליטעראטורען, אז די אייראפייאישע ליטעראַרישע ווינטען זאלען אין איר ארייננבלאזען. פרץ, זייענדיג דער לעצטער, איז א היבש ביסעל אנדערש פון יענע צוויי, איבערהויפט אין דעם לעצטען פרט: אבער דער קוואל פון זיין באגייסטערונג, זיין טיף־אידישלאך־קליינ־שטעטעל־

דיגער אינטערעס, זיינע ערינערונגען פון וועלכע ער שלייפט זיינע ליטעראַרישע פּערלען אויס, זיי אַלע העפטען אים אָן אָן יענע צווייַ.

און וואָס האָט פּרץ פאַר דער נייער אידישער ליטעראַטור נאָך מענדעלען'ן און שלום עליכם'ן אויפגעטאָן?

פּרץ האָט דעם בנין פון דער נייער אידישער ליטעראַטור פאַרענדיגט. ער האָט זי גאַנץ געמאַכט. ער האָט עס געטאָן אויף צוויי וועגען, סאַי אין אינהאַלט און סאַי אין דער פאָרמע.

און וויל מען פּרץ'ען פון שטאַנדפּונקט פון זיין אויפטו פאַר דער נייער אידישער ליטעראַטור, מיט איין וואָרט כאַראַקטעריזירען, דאַרף מען אים דער *צויבער־שלייפער* רופען.

ער איז, צוערשט, דער צויבערער פון פּוילען געווען. אַזוי ווי אַ מכשף האָט ער מיט אַ צויבער־שטעקעלע אַ מאַך געגעבען און עס איז פאַר אונז אַ נייע וועלט, פּוילען, דאָס פּוילישע אידענטום אַרויסגעשוואומען — אַ וועלט פול מיט וואונדער, אַ וועלט פול מיט אָריגינעלע בילדער, מיט אָריגינעלע מענשען, אַ וועלט אַ באַגייסטערטע, אַ וואונדער־פאַרביגע, אַ יום־טוב'דיגע, מיט איין וואָרט, אַ צויבער־וועלט.

איז געלעגען אויסגעשפּרייט זייט דורות און דורות די גרויסע פּוילישע סטעפּ מיט אירע מיליאָנען אידישע איינוואוינער, מיט אירע טויזענטער שטעט און שטעטלאַך, מיט זייערע חדרים־מלמדים, חדרים־קינדער, קלייזלאַך, חסידים־שטיבלאַך און גוטע־אידען, מיט זייערע מנהגים, גלויבונגען, פאַנטאַזיעס, חלומות און האָפענונגען — איז געלעגען אויסגעשפּרייט דאָס גאַנצע רייך־קאָלירטע, יום־טוב'דיג באַגייסטערטע לאַנד פאַר די אויגען פון דער אידישער וועלט, אָבער די אידישע וועלט האָט עס ניט באַמערקט. די אידישע וועלט האָט זיך צו דעם ניט צוגעקוקט, די אידישע וועלט האָט אין דעם קיין שיינקייט, קיין יום טוב'דיגקייט ניט געזען. עס איז געווען מיט'ן פּוילישען אידישען לעבען אַקוראַט ווי מיט יענע חסיד'ישע קאַפּאָטעס שמחת תורה אויף דער לאַנקע, וועלכע טאַקע פּרץ האָט אין זיין דערציילונג „צוויישען צוויי בערג" באַשריבען. פּראָסטע, אָרימע, צעריסענע, צעפליקטע קאַפּאָטעס און אַזוי האָבען זיי זיך פאַר'ן וואָכעדיגען אויג געוויזען. אָבער דער שמחת תורה, דעם רבי'ס ליבעפולע און הייליגע בליקען און זיין שמחת תורה'דיגער ניגון האָבען די וואָכעדיגע קאַפּאָטעס מיט גאָלד־זוניגע פעדים־שטראַלען באַהאַנגען. האָבען זיי מיט אַ הייליג־גליקלאַכען גלאַנץ אַרומגעפינקעלט.

ווי האָט די אידישע וועלט אויף פּוילען פריער געקוקט? ווי האָט אויף פּוילען די אידישע אינטעליגענץ ביז פּרץ'ן געקוקט?

אָרימע, שמוציגע, אַלטמאָדיש־פאַרשימעלטע שטעטלאַך, מיט אַזאַ קאַמיש־מאָדנער שפּראַך, מיט אַזוינע מאָדנע מאַנירען. זיי זיינען פרום אָבער דאָס הייסט דאָך, אַז זיי זיינען שטאַרק פאַנאַטיש, פאַרטיפט אין נאַרישע גלויבערייען. זיי זיינען חסידיש, אָבער דאָס הייסט דאָך, אַז זיי זיינען נאָכמער פאַנאַטיש, אַז ביי זיי לעבט אַ מין געצענדינסט, אַ מין געצענדינערשער גלויבען אין דעם גוטען־אידען. אַחוץ דעם — וואָס הייסט דען זיין אַ חסיד.

ווען ניט ליב האָבען דעם ביטערען טראָפּען און אָפּט לאָזען ווייב־און־קינדער אויף הפקר און זיך אַוועקלאָזען אויף וואָכען און וואָכען צום גוטען־אידען?

אַזוי האָט אויף דער אידישער פּוילען די בעל־הבית׳ישע וועלט, פון איר זייט, געקוקט, אַזוי האָט אויף איר אויך געקוקט די אידישע אינטעליגענץ, אַזוי האָבען זי געמאָלען די אידישע שרייבער אויף אידיש, אויף העברייאיש און אויף אַלע שפּראַכען אויף וועלכע זיי האָבען געשריבען. ביז ס׳איז געקומען פּרץ און — זעט נאָר וואָס פון פּוילען איז געוואָרען!

וואָס פאַר אַ שיינע און רייכע וועלט: אַזוי פיל ליבע, אַזוי פיל שיינקייט. די קינדער זיינען פול מיט די פאַרבען־רייכסטע גלויבונגען, די פרויען זיינען טריי, צאַרט און איידעל; די מענער אַזעלכע פעסט־גלויביגע, אַזעלכע בעל־בטחון׳ס, אַזוי פול מיט אַ פרישער, ליכטיגער האָפענונג. היינט די חסידות — אַ וואָס פאַר אַ יום טוב, וואָס פאַר אַ רעגענבויגען פון הימעל־פאַרבען, וואָס פאַר אַ הימעלשע, ניגונים־רייכע סימפאָניע דאָס איז. אַ גלויבען וואָס באַפרוכפּערט, וואָס הויבט אויף, וואָס דערנענטערט און פאַרברייטערט, וואָס לאָזט קיינמאָל די האָפענונג ניט אָפּשטאַרבען, וואָס פאַרצירט די פינסטערע, ביטערע וואָכעדיגקייט מיט די פאַרבען פון דעם דרהאָבענעם נשמה־יום טוב.

מענדעלע מוכר ספרים האָט דאָס ליטווישע אידישע לעבען געמאָלען — דאָס ליטווישע לעבען וואָס איז טאַקע קלוג און אידישלאַך — איז אָבער אָפּט אַזוי פאַרדאַרט, פאַרקוואַרט און קליינלאַך; שלום עליכם האָט אויסגעמאָלען דאָס דרום־רוסישע לעבען וואָס איז זאַפטיגער, פרישער און תמימות׳דיגער, איז אָבער אָפּט אַזוי פלאַטשיג, אַזוי אויבערפלאַכלאַך, אַזוי גויאישדיג: פּרץ האָט דאָס יום־טוב׳דיג־שיינע, אין זיין אידיש־פאַנטאַסטישען צויבערנעסט ארומגעפלאַכטענע פּוילישע לעבען אויפגע׳כישוף׳ט.

און ווי האָט ער עס געטאָן?

ווי אַ צויבערער, ווי אַ צויבער־שלייפער. אַחוץ וואָס ער האָט אין אידישען לעבען אַזוי פיל נייע גייסטיגע שיינקייטען אויפגעדעקט, האָט ער זיי אויך שיין אַרויסגעבראַכט, ניט נאָר האָט ער די האַזינע מעשות דערציילט נאָר ער האָט זיי אויך שיין דערציילט. ער האָט זיינע שיינע בילדער אין אַ שיינעם ראַם איינגעפאַסט. ער האָט דער אידישער ליטעראַטור דרויסענדיגע שיינקייט, פאָרם געגעבען.

פון אַלע דריי גרויסע פעדער־קינסטלער פון עלטערען דור איז פּרץ דער איינציגער גרויסער אַרטיסט. ניטאָ אין זיינס אַ מעשה׳לע קיין איבעריגע טיילען, ניטאָ קיין צעצויגענקייט. ניטאָ קיין אָפּטרעטען אָן אַ זייט. ער פאַרלאָזט זיך ניט אויפ׳ן צופאַל. ער רעכענט אויס וואו וואָס עס דאַרף שטיין, כדי דאָס גאַנצע זאָל מאַכען די ריכטיגע ווירקונג אויפ׳ן לעזער. ער ווייס ווי צו מאַכען אַן עפעקט, ער פאַרשטייט די קונסט ווי צו עקאָנאָמיזירען און אָנקלייבען קראַפט, ווי אַזוי דאָס שטאַרקסטע, דאָס פיינסטע און דאָס קליגסטע צו האַלטען אין זאַפּאַס — צו האַלטען עס פאַר׳ן סוף — כדי דעם לע־

זער אזוי ווי מיט א קאליר־פלאמענדיגער ראקעט אפצוגיסען, אנטציקען און באגליקען.

פרץ איז א מייסטער. ער ארבעט אויף זיינע זאכען. ער שלייפט און מייסטרעוועט זיי. ער בויט מייסטערהאפט אויס דאס גאנצע, ער שטעלט קונציג אויס די טיילען. ער שלייפט פינקעלדיג אויס זיין שפראך.

פרץ איז דער קונציגער שלייפער אין אונזער ליטעראטור, אט אזא מין שלייפער ווי ער אליין מאלט אויס אין איינס פון זיינע מעשה'לאך. („דאס גלעזעל").

עס איז אמאל א גלעזעל, א פראסט גלעזעל אין גאס, אויף דר'ערד גע־לעגען. טויזענטער מענשען זיינען עס פארבייגעגאנגען און אויף דעם אפילו זיך ניט אומגעקוקט. איז אבער א קונציגער שלייפער אמאל דאס גלעזעל פארבייגעגאנגען, האט זיין קינסטלער־אויג אין דעם א חנ'עוודיג פינקעל באמערקט, האט ער עס אויפגעהויבען, אין זיין ווערקשטאט געבראכט און ארומגעשליפען און — קוק נאר אן! עס פינקעלט ווי דער פראכטיגסטער דיי־מענט! עס שפארט אן אין די פאלאצען פון מלכים! עס קלינגט דערמיט א וועלט.

און אט אזא מין צויבער־שלייפער איז פרץ פאר דעם אידישען לעבען, פאר דער אידישער ליטעראטור געווען. ער האט די הערליכקייט פון פויליש־אידישען לעבען פאר דער וועלט פאנאנדערגעוויקעלט און עס האט לויכ־טען און שיינען גענומען: ער האט דאס אידישע ווארט, די אידישע ליטעראַ־טור ארטיסטיש ארומגעשליפען און ווי גלאנציג־רייך זיי האבען פינקלען גענומען.

אט דאס איז פרץ פאר דער נ י י ע ר אידישער ליטעראטור געווען. זיין ראליע אין דער מאדערנער אידישער ליטעראטור איז נאך גרעסער גע־ווען. ער האט זי באשאפען. דאך איז זיין יצירה אזא דעליקאטע, אזא צוי־בערלאכע, אזא רוחניות'דיג־רואה־ואינו־נראה'דיגע געווען, אז דאס ווארט באשאפער קלינגט אין דעם פאל אי א ביסעל צו האמעטנע, אי עטוואס באַ־נאל. איז עס דאך מערקווירדיג: פרץ איז אן ספק דער באגייסטערער, דער באפרוכפערער, דער אנזאגער, דער באשיצער און טאקע דער ערשטער גערט־נער פון דער מ א ד ע ר נ ע ר אידישער ליטעראטור, אבער קיין דירעקטע נאכפאלגער האט דאך פרץ אין איר ניט: אירע טרעגער פילען אויף זיך דעם שיין פון זיין זון, אבער דירעקט אין זיין וועג גייען זיי ניט.

מוזען מיר פאר פרץ'ס ראליע אין דער מאדערנער אידישער ליטעראַ־טור אנאנדער באצייכענונג געפינען. וועלען מיר עס פרואווען דאמאלס, ווען מיר וועלען צו איר קומען, ווען מיר וועלען ביי פרץ'ס חסידישע און פאלקסטימליכע געשיכטען האלטען.

דערווייל — אזוי ווי אפילו אויך אין אונזערע צייטען גילט נאך אלץ געטע'ס אלטער כלל: „ווילסטו דעם דיכטער קענען, מוזטו אין דיכטער'ס לאנד גיין" — לאמיר זיך, ווי וויים מעגלאך, מיט פרץ דעם מענשען באקענען.

ס'זיינען פאראן שרייבער, וועלכע מען קען בלויז אלס שרייבער: דער

מענש אין זיי בלייבט פארבארגען: זיי עקזיסטירען בלויז אין זייערע ווערק און מיט זיי: ווייל מען ארײַנקוקען טיפער, גריבלען זיך ווייטער און דערגרונטעווען דעם מענשען הינטער און איבער זיינע ווערק, איז אומזיסט די ארבעט. פאראן אויך אזעלכע שרייבער, וואס דער מענש אין זיי איז אזוי קליין און אזוי ניט ענלאך צום שרייבער, אז עס דאכט זיך, דער שרייבער האט מיט'ן מענשען קיין שייכות ניט, דער שרייבער, דאכט זיך, פארטראגט, פארפלייצט און פארטרינקט דעם מענשען. מיט אזעלכע שרייבער איז אפשר גאר בעסער, אז מען קען זייער מענשען ניט, לכל הפחות פלאנטערט זיך ניט אין קאפ קיין סתירה, קיין קאנטראסט צווישען דעם שרייבער און דעם מענשען. ס'זיינען אבער אויך פאראן אזעלכע שרייבער וואס ווי גרויס זיי זאלען ניט זיין, איז זייער מענש נאך גרעסער און זייער גאנצע שרייבערשע שאפונג איז נאר אן אפשפיגלונג, אן ארויסבליצונג פון דעם מענשען וואס אין זיי, אזוי, אז דער מענש און דער שרייבער, דערגענצען איינער דעם צווייטען און וואס בעסער מען קען דעם מענשען, אלץ קלערער פארשטייט מען זיינע ווערק.

אט צו דעם דריטען, גאנצען, הארמאנישען, אין צווייען ליכטיגען סארט שרייבער געהערט יצחק לייבוש פרץ.

פרץ איז קודם כל מענש געווען, דערנאך ערשט שרייבער. און א שרייבער איז ער געווארען, ווייל ער איז א גרויסער מענש געווען. און נאר ווייל ער איז א גרויסער מענש געווען איז אויך גרויס געווען זיין שאפען.

דער מענש אין אים איז אזוי גרויס געווען, אז ער האט שטענדיג נאר געזוכט וועגען און מיטלען זיך ארויסצוזאגען, זיך ארויסצוגעבען. און וויפיל ער האט זיך ניט ארויסגעזאגט און וועלכערליי פארמעס פון ליטעראטור — לידער, פאעמעס, גרויסע דערציילונגען און קליינע קלארע געשיכטען און געהיימניספול־סודות'דיגע מעשה'לאך, דראמעס און עסיים — ער האט ניט אנגעווענדט צוליב דעם צוועק כדי ארויסצוזאגען זיך, איז דער מענש אין אים נאך אלץ געבליבען ניט־דערערדט, ניט־דערזאגט. דער מענש פרץ איז אימער געבליבען גרעסער, טיפער און פולער פון פרץ דעם שרייבער.

דער אמת'ער פרץ, דער אמת'ער מענש האט זיך קיינמאל ניט ארויסגעזאגט אינגאנצען. און עס וועט נאך אוועק א שטיקעל צייט איידער די אידישע וועלט וועט אים קענען אינגאנצען. זיכער איז, אז פון פרץ'ס ריין־בעלעטריסטישע ווערק אליין, — פון זיינע לידער, דערציילונגען, דראמעס און מעשה'לאך — קענען מיר אים ניט דערקענען אינגאנצען. מיר וועלען מוזען ווארטען ביז וואנען עס וועלען פארעפענטלאכט ווערען אלע זיינע, סאי אידישע און סאי העברייאישע, צעווארפענע, איבער פיל זשורנאלען און צייטונגען צעשפרייטע ארטיקלען און פעליטאנען און דאמאלס וועלען מיר זיין זיכערער וועגען דעם ווי אזוי פרץ האט אויף דער וועלט געקוקט, אין וואס ער האט געגלויבט און אין וואס ניט — און צי האט ער איבערהויפט אין וואס ניט איז געגלויבט — און וואס ער האט ליב געהאט און וואס פיינט געהאט — אויב ער האט איבערהויפט וואס ניט איז פיינט געהאט.

און אַפילו דאָס וועט נאָך ניט גענוג זיין. אום צו וויסען און פאַרשטיין פּרץ'ן ווי עס געהערט צו זיין, דאַרף מען אויך גוט קענען זיין לעבען, וואָריב פּרץ האָט מיט זיין לעבען, מיט זיינע רייד, מיט זיין אומגאַנג מיט מענשען אַפט אויפגעטאָן מער איידער מיט זיינע שריפטען. פיל אידישע שרייבער האָט ער פאַר שרייבער געמאַכט, פיל אידישע טוער האָט ער באַאיינפלוסט און אין דער גרויסער געדאַנקען־און־געפיל־וועלט פון דעם היינטיגען אויפגעוועקטען אידענטום האָט ער איינעם פון די גרעסטע חלקים. דער אמת'ער פּרץ וועט פאַר אונז ערשט דעמאָלט אינגאַנצען פאַנאַנדערגעוויקעלט ווערען, ווען צו אַלע זיינע ווערק וועלען מיר נאָך פון אים האָבען אַ גרויסע, פולע מייסטערהאַפטע ביאָגראַפיע, געשריבען פון מענשען וואָס האָבען מיט אים מיטגעלעבט, וואָס האָבען זיך צו אים צוגעקוקט פון דער נאָנטען.

דערפון זיינען מיר אָבער ליידער נאָך זייער ווייט. אַפילו די אויטאָביאָגראַפיע, וואָס פּרץ האָט אָנגעהויבען שרייבען אַ פּאָר יאָר פאַר זיין טויט, („מיינע זכרונות“, אין 13טען באַנד, פאַרלאַג אידיש), און וועלכע וואָלט אַזוי פיל זאַכען געקענט געבען צו פאַרשטיין — למשל, ווי אַזוי ער איז געקומען צום געדאַנק אויסצומאָלען די חסידים און די חסידות אַזוי שיין און גאַנץ אַנדערש ווי אַנדערע אידישע שרייבער אין יענע יאָרען, האָבען זיי געמאָלען — אַפילו זיין אויטאָביאָגראַפיע האָט פּרץ ביי זיין לעבען נאָך אָפּגעהאַקט.

וואָס בלייבט אונז, וועלכע ווילען פּרץ'ס שאַפען פאַרשטיין, צו טאָן? עס בלייבט אונז נאָר פון פּרץ'ס פאַרשיידענע ווערק און פון די צעוואָרפענע פאַקטען און אַנעקדאָטען, וואָס מיר האָבען וועגען אים געלייענט און געהערט, ווי ווייט מעגלאַך צונויפשטעלען דעם גאַנצען מענשען און דערנאָך קוקענדיג אין דעם דאָזיגען כמעט גאַנצען מענשען, אַזוי ווי אין אַ שפּיגעל, פאַר זיין גרויס ליכט און שיין זיינע ווערק לייענען. תמיד געדיינקענדיג, אַז פּרץ'ס ווערק זיינען בלויז דער אָפּגלאַנץ פון זיין גרויסער, ליכטיגער פּערזענליכקייט, אַז ווי שטראַלענדיג זיי זאָלען ניט זיין, שעפּען זיי נאָך ניט אויס זיין גאַנצע זון און ווי העל זיי זאָלען ניט שיינען, איז עס נאָר זיין גרויסער מוח, זיין גרויסע נשמה, וואָס גיט זיי אַזאַ גלאַנץ.

איך וועל אַלזאָ פּרואוּוען אָנצייכענען פּרץ'ס כאַראַקטער־און־געדאַנקען־בילד, כאָטש איין גאָט ווייסט ווי שווער דאָס איז, ניט נאָר ווייל דער מענש פּרץ איז אַזוי טיף און פילזייטיג, נאָר אויך ווייל דער ביאָגראַפישער מאַטעריאַל וועגען אים איז צעפּיצעלט און צעוואָרפען.

„פּרץ איז געבוירען געוואָרען (אין 1851 — געשטאָרבען אין 1916) און האָט פאַרבראַכט זיינע אינגסטע יאָרען אין דער אַלטער, פאַרצייטיגער שטאָט זאַמאָשץ, אין „קרוין־פּוילען“. זאָלען די לעזער אין דעם זיך אַריינטראַכטען, פּרואוּוען פאַרשטיין, ריכטיגער זיך אויסמאָלען וואָס דאָס איז אַזוינס „קרוין־פּוילען“. עס איז אַ גרויסע, איינטאָניגע, טרויעריגלאַכע מחשבות אָנווייענדע לאַנדשאַפט, וואָס גיט אַרויס לאַנג־צעצויגענע, אומעטיג פאַרטראַכטע מעלאָדיעס, אַ שטייגער ווי מיר הערען אין דער מוזיק פון דעם פּאָליאַק שאָפּען.

אָדער דעם פּוילישען אידען וועניאַווסקי. עס איז אַ לאַנד, וואו די ערד איז אָנגעזאַפּט מיט אַלט־אַלטע פּוילישע און אידישע קולטור־שפּורען. איבער יעדען ווינקעל שוועבען צענדליגער אָדער הונדערטער פּוילישע און אידישע לעגענדעס; יעדער איינגעפאַלענער פּריצישער שלאָס אָדער אַלטע אידישע שול שוויבעלט און גריבעלט מיט לאַנג־פאַרגאַנגענע געשטאַלטען; יעדעס טייַ־בעל מורמעלט לעבעדיגע שטיקער אַבערגלויבען און אויף יעדען שליאַד און קרייץ־וועג טראָגען זיך דעם וואַנדערער פּאָרויס עכאָס און געשיכטען פון אַמאָל.

און שיין איז „קרוין־פּוילען", וואונדערלאַך שיין. ווייל ניט בערג און טאָלען מאַכען אַ לאַנד שיין און ניט וואַסערפאַלען און אייביגע וועלדער פילען עס אָן מיט וואונדער נאָר די לעבעדיגע שפּורען פון די פאַרגאַנגענע דורות, די לעבעדיגע שפּורען וואָס „שפּוקען" אַרוים פון די מנהגים און פּירונגען, פון די פּראָצעסיעס אַרום קאַשצאָל און דעם הקפות־טאַנץ אין שול אַרום דער בימה, פון די צלמים אויפ'ן צווינטאַר און די מצבות אויפ'ן בית עולם — די לעבעדיגע שפּורען וואָס זינגען און וויינען אַרוים פון די לידער אין דער סטעפּ אָדער ביים וואַרשטאַט, וואָס שעפּצען אַרוים פון די שדים־געשיכטען האַלבע נאַכט אין דער אָרימער שיינק אָדער פון די מעשות וועגען מתים אין בית־המדרש'דיגען הינטער'ן־אויווען שבת־נאַכט.

און די אַלטע זאַמאָשץ האָט אויך געהאַט איר אייגענע, בילדערהאַפטע, אומהיימלאַכע שיינקייט. אַחוץ איר טייך און וואַלד און פעלדער און גערט־נער, ווי אַנדערע פּוילישע שטעט, האָט זי אויך געהאַט איר אַלטע מיליטע־רישע פעסטונג, מיט די הויכע מויערען־וועגט אַרום דער שטאָט, מיט גראָ־בענס און קאַנאַלען און געהיימע גאַנגען אונטער דר'ערד און אייזערנע בריַ־קען און טויערען אויף אייזערנע קייטען. וואָס לאָזען זיך אין די פאַרנאַכטען אַראָפּ מיט אַ מעטאַלענעם גרילצען, וואָס צעפּאַלט זיך זשאַווערדיג איבער דער גאַנצער שטאָט און אין דער סביבה אַרום און הילכט אַזוי שניידענדיג אומהיימלאַך אָפּ אין אַלע הערצער.

דאָס זיינען פּרץ'ס ערשטע בילדער און קלאַנגען, די ערשטע וואָס ער האָט אין זיין קינדהייט איינגעזויגען, אַזעלכע קינדהייטס־בילדער טרעטען פון אַ מענשען קיינמאָל ניט אָפּ און ניט אומזיסט געפינען מיר אַזאַ מורא'דיג־קראַפּטיגע באַשרייבונג פון דעם פאַרנאַכט און דער נאַכט אין אַ פעסטונג־שטאָט אין פּרץ'ס „משיח'ס צייטען", וואָס ער האָט אָנגעשריבען זייענדיג שוין אַ מאַן אונטער פופציג, ווייט פון זיין געבורטס־פּלאַץ.

„קרוין־פּוילען" איז דער נעסט פון חסידות אויך, ווי מיר ווייסען. איז איינער פון פּרץ'ס גאָר גרעסטע אויפטועץ אין דער אידישער ליטעראַטור דאָס, וואָס ער האָט אַראָפּגעצויגען דעם אַלטען, פאַרשימעלטען, פאַרשמוצ־טען שלייער וואָס האָט, פון די פריערדיגע דורות, פאַר דער אידישער אינטע־ליגענץ געוועץ פאַרדעקט די חסידים און זייער מערקווירדיגען גלויבען און לעבענס־בליק (וועגען דער חסידות וועלען מיר ריידען שפּעטער). זאָל אָבער דער לעזער ניט מאַכען קיין טעות און מיינען, אַז פון זיין סאַמע קינדהייט

האָט פּרץ זיך אָנגעזאָפּט מיט חסידישער שיינקייט. נײַן. אין דער הינזיכט איז זאַמאָשץ גראָד געווען אַן אויסנאַמע, זי איז ניט געווען דווקא קיין חסידישע שטאָט; פּאַרקערט, אויסגעהאַדעוועט האָט זיך פּרץ צווישען מתנגדים. זײַן טאַטע איז געווען אַ געוויינטלאַכער אידישער למדן און געלערענט האָט ער ביי מלמדים. אין זײַן אייגענער שטאָט און אַנדערש־וואו, גמרא מיט אירע מפרשים, אַלץ אַזעלכע לימודים וואָס די וועלט זאָגט. אַז זיי זײַנען טרוקענע און געווים קערען זיי זיך ניט זייער שטאַרק אַן מיט יענע מעשות און יענע וואונדערלאַכע זעאונגען וואָס פּרץ האָט שפּעטער פון חסידישע ספרים און חסידישע מעשות צונויפגענומען און זיי אַזוי וואונדער־לאַך באַארבעט אין זײַנע זאַכען.

איין זאַך איז אָבער קלאָר: פּרץ האָט געמוזט לערנען ביי אינמיערע־סאַנטע מלמדים אָדער לכל הפחות, זײַן פּאַרשטעלונגס־קראַפט האָט שוין קינדרוויים פאַרשטאַנען אַרויסצושעפּען דאָס אינטערעסאַנטע און בילדערהאַפטע שייגע אין זיי. מיר האָבען און אין פּרץ׳ם דערציילונגען און מעשות געשטאַל־טען פון פיל מלמדים און, מערקווירדיג, כמעט אַלע זײַנען זיי שיינע מענשען און אַפילו די פּאָר שלעכטע צווישען זיי זײַנען אויך, אויף זייער שטייגער, אינטערעסאַנט.

פּרץ האָט אין זײַנע אינגעלשע יאָרען אַ סך און גוט געלערענט. ער איז געווען וואָס מען רופט אַן אָפּענער מוח, אַן עילוי. איז אָבער זײַן לערנען דאַ־מאָלס איינגאַנצען געווען איינגעטונקט אין ש״ס ופוסקים. ער האָט אויך שטו־דירט די אַלטע אידישע פילאָזאָפיע. וואָס איז אָבער געווען די בריק, וואָס האָט פּרץ׳ן אריבערגעפירט פון דער אַלט־אידישער לערע צום מאָדערנעם אייראָפּייאישען וויסען? וועגען דעם האָבען מיר נאָך דערווייל קיין צו קלאָ־רע ידיעות ניט. פּרץ׳ס וואונדערבאַרע אויטאָביאָגראַפיע, וואָס ער האָט אָנגע־האָבען שרייבען אַ פּאָר יאָר פאַר דער מלחמה, שטעלט זיך דאָ אָפּ. מוזען מיר זיך דאָ וועטרען נאָך אויסקונפט צו דער לעגענדע פּרץ. וואָס טראָגט זיך ביי אונז אַרום.

עס איז יעדענפאַלס ניט קיין לעגענדע, אַז די שטאָט זאַמאָשץ האָט זייער פיל מיטגעהאָלפען אין דער פאַנאַנדערבליאונג פון דער השכלה. אַזוי, למשל, איז דר. שלמה עטינגער, פאַקטיש דער ערשטער וואָס האָט געשריבען וועלטלאַכע פּאָעזיע אויף אידיש, געווען אַ זאַמאָשצער; אַזוי איז אויך צע־דערבוים, דער רעדאַקטאָר פון דער באַרימטער העברייאישער צייטונג „המליץ“ און פון אייגענטלאַך די ערשטע צוויי אידישע צייטונגען, געווען אַ זאַמאָש־צער. פּראָפעסאָר וויענער פון הארוואַרד אוניווערזיטעט. וועלכער האָט זיך משמעות וועגען די זאַכען נאָכגעפרעגט ביי פּרץ׳ן פּערזענלאַך, דערציילט אין זײַן „געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור“, דאָס אין זאַמאָשץ האָט זיך געפונען עפּעס אַ שטאָל פול מיט ביכער, אַלערליי ווערק פון ליטעראַטור און וויסענשאַפט, אין פאַרשיידענע שפּראַכען, אַן איבערבלייבעכץ פון עפּעס אַ „קענער“, וואָס איז שוין מער ניט געווען אין שטאָט. דער אוצר מיט ביכער, וואָס איז געווען כמעט הפקר, האָט זיך געפונען אונטער דער נאָכלעסיגער

אויפזיכט פון פרץ'ס א פריינד, און ער האט אים צו זיי געגעבן דעם פריי־סטען צוטריט און דער יונגער עילוי האט זיך צו זיי צוגעריסען אז אן ארדע־נונג, אן וועלכער ס'איז אנווייזונג פון אן עלטערען, האט ער א לאנגע צייט די ביכער געשלונגען, געשלונגען. דעם לעזער וואס איז באקאנט מיט דער ענג־לישער פאעזיע, וועט דערדאזיגער עפיזאד פון פרץ'ס בחור'שאפט דערמאנען אויף דעם ענגלישען פאעט ראבערט בראונינג, וועמעס יוגענטלאך לייענען איז צוגעגאנגען אויף אן ענלאכען שטייגער, און ווירקלאך, אין ביידענס ווערק געפינט מען צעשפרייט א מאדנע ערודיציע, טשיקאווע באגריפען און בילדער פון אלטע און מיטעלאלטערלאכע צייטען און א באלעזענקייט אין זעלטענע און פארשיידענארטיגע ביכער.

וואס איז ווייטער געווען? ווידער שטויסען מיר זיך אן אויף כמעט א בלאנק אין פרץ'ס לעבען. מיר ווייסען נאר די ברייטע שטריכען: ער איז געווען אין ווארשע, האט זיך געמישט צווישען דער אידישער אינטעליגענץ, האט מיטגעמאכט דעם שטראם פון דער העברייאישער, פוילישער און אייראפייאישער ליטעראטור, האט פראקטיצירט אדוואקאטור, איז (אין 1889) געווארען דער סעקרעטער פון דער ווארשעווער גמינע — דאס ווארשעווער קהלה־אמט וואס דארף געבען שטיצע ארימע, היילען קראנקע, באגראבען טויטע, די ווארשעווער גמינע וואס אירע פירער זיינען געווען דאמאלס, ווי צומייסט נאך איצט, רייכע אריסטאקראטישע אידען פון דעם פוילישען שניט מיט א שטארקער נייגונג צו פוילישער אסימילאציע, אזוי דאס אין בעסטען פאל האבען זיי פרץ'ן נאר געאכטעט אבער זיכער האבען זיי ניט געטיילט פרץ'ס צוערשט דעמאקראטישע, דערנאך שטארק נאציאנאלע מיינונגען. (עטלאכע יאר פאר דער מלחמה בשעת די ווארשעווער אידען האבען אויס־געקליבען דעם סאציאליסטישען דעפוטאט יאגעללא אין דער רוסישער דומא קעגען דעם קאנדידאט פון די פאליאקען און די אידישע אסימילאטארען, דער אנטיסעמיט קוכארזשעווסקי, און עס האט זיך, פון איין זייט, אנגהויבען דער פוילישער באיקאט אויף די אידען, און, פון דער אנדער זייט, האט זיך דער אידיש־פוילישער נאציאנאליזם נאכמער פארשארפט, איז שיר ניט גע־קומען צו אן אפענער קריג צווישען פרץ'ן און זיינע בעלי־הבתים פון דער גמינע.)

עס ווייזט אויס, אז די אכציגער יארען האבען אונזער פרץ'ן א סך טי־פער, צייטיגער געמאכט און אויף אים איבערגעלאזט אן אייביגען שטעמפעל. אין יענע יארען האט ער זיך משמעות צוריק פארביינקט נאך דער פוילישער פראווינץ, נאך די פוילישע קלענערע שטעט און שטעטלאך. אין יענע יארען האט ער זיך משמעות צו זיי נאך באגייסטערונג געווענדט, אין זיך זייערע אלטע ערינערונגען און איינדרוקען גענומען אפפרישען. עס האט צו דעם אויך צוגעהאלפען א געוויסער צופאל. א געוויסער פילאנטראפ האט געוואלט צוזאמענשטעלען א סטאטיסטיקע פון אידיש־פוילישען פראווינציעלען לע־בען און פרץ איז ארויסגעשיקט געווארען איבער פוילישע שטעט און שטעט־לאך אזא סטאטיסטיקע צונויפצושטעלען. צי האט דאס דאזיגע ארומפארען

וועלכע ניט איז פּראַקטישען נוצען געבראַכט? זיכער איז אָבער, אַז ליטע־ראַריש האָבען פּרץ'ס דאַמאָלסדיגע נסיעות איינעם פון די גרעסטע נוצען געבראַכט. פּרץ'ס „רייזע בילדער", וואָס זיינען דער אוממיטעלבאַרער רע־זולטאַט פון יענע נסיעות, זיינען דאָס בעסטע ביישפּיל פון רעאַליסטיש־נאַ־טוראַליסטישען שרייבען אויף אידיש. צו יענער רייזע געהערען אויך פיל חסידישע געשטאַלטען, געשיכטען און לעגענדעס אין פּרץ'ס זאַכען. אויך לייגט זיך אויפ'ן שכל, אַז יענע רייזע און פּרץ'ס דאַמאָלסדיגער געמיט־צו־שטאַנד האָבען אים פאַר דעם „מכשף פון פוילען", פאַר'ן גרויסען מאָלער פון אידיש־פוילישען לעבען געמאַכט.

גאָר מיט אַנדערע אויגען האָט פּרץ דער ליטעראַט, דער מענש וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט דער בייגקשאַפט פון דער אייראָפּייאישער ליטעראַ־טור, געמוזט איצט קוקען אויף די מענשען און בילדער פון דער אידיש־פּוילישער פּראָווינץ. דער צוריקקער, נאָך אַזוי פיל יאָרען, צו די בילדער פון דער אייגענער קינדהייט און דער פאַר דער צייט אויסגעברייטעטער און אויס־געאיידעלטער בליק זיינען געווען די געהעריגע פּערספּעקטיווע, וואָס האָט מסוגל געמאַכט די אַלטע געשטאַלטען אין אַ ניי ליכטיגען ליכט צו זען.

פּרץ איז אַרויס אויף זיין שרייבערשער קאַריערע, מאַכענדיג אַ התחלה אויף העברייאיש; ער האָט געשריבען דערציילונגען און לידער. דאָס איז געווען אין די אכציגער יאָרען. די השכלה האָט נאָך דערלעבט אירע לעצטע פּאָר יאָר און דער ציוניזם (דאַמאָלס נאָך „חבת ציון") האָט געהאַלטען אין אַרויסשיילען זיך. און פּרץ איז געווען אַ קינד פון זיין צייט. זיינע ערשטע דערציילונגען, סיי אויף העברייאיש, סיי אויף אידיש, קלינגען נאָך מיט אַ לייכטען טאָן פון שפּאָט, פון חוזק. די משכילים, אַפילו מענדעלע מוכר־ספרים, האָבען פון אידישען לעבען ביטער אָפּגעלאַכט — פּרץ, דער קוים־קוים משכיל לאַכט נאָך אויך, אָבער שוין אָן ביטערקייט.

אידיש הויבט אָבער פּרץ אָן צו שרייבען שפּעטלאָך, ערשט אין די לעצ־טע אכציגער יאָרען. ער טראָגט גלייך אַריין אַ נייעם אין דער אידישער פּאָעזיע — אַ אידישען ראָמאַנטיזם, עס הייסט, (צוגלייכער צייט מיט דער משכילי־שער אָפּלאַכעניש) אויך אַ געוויסע שיינקייט־זוכעניש אין דעם אַלטען פרו־מען, אידישען לעבען, אין די גלויבונגען און מעשות וואָס וועבען זיך צווי־שען די פּראָסטע אידישע פאָלקס־מענשען. פּרץ'ס גרויסע באַלאַדע „מאָניש", וואָס איז געווען געדרוקט אין שלום עליכם'ס זאַמעל־בוך „די אידישע פאָלקס־ביבליאָטעק" אין 1888־טען יאָר, איז אַ דייטקווירדיגע געשעעניש אין דער אי־דישער פּאָעזיע.

פון דאַמאָלס אָן האָט זיך פּרץ שוין פאַרבונדען מיט דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור אויף אייביג. זיין הויז איז איצט געוואָרען דער פאַר־זאַמלונגס־פּלאַץ פון אַלע ליבהאָבער פון דער אידישער שפּראַך און ליטעראַ־טור. ער האָט זיך אַרומגערינגעלט מיט פיל יונגע און עלטערע מענשען: שריי־בער און ליבהאָבער פון דער אידישער ליטעראַטור און סתם אויפקלערער וואָס האָבען געוואָלט בילדען דאָס פאָלק אויף אידיש. און ער האָט זיך גע־

נומען טאָן אַרבעט. כדאַי צו דערמאָנען, אַז צווישען די מענשען אַרום פּרץ'ן זיינען געווען: אין ערשטען פּלאַץ, יעקב דינעזאָהן, וועלכער איז איס געווען אי אַ מין גייסטיגער פּאַטער, אי אַ קריטיקער, אי ג ע ש ע פ ט ס פ י ר ע ר, אי פיל אַנדערע זאַכען: מ. ספּעקטאָר, דוד פּינסקי, ב. גאָרין, שפּעטער אַברהם רייזען, שלום אַש און מ. נאָמבערג און נאָך שפּעטער פיל פון די גאָר יונגע צווישען די רוסישע אידישע פּאָעטען און נאָוועליסטען. און מיט דער הילף פון די אַלע און אַנדערע מענשען האָט פּרץ אין פאַרלויף פון פיל יאָרען אַרויסגעגעבען אייניגע דיקע זשורנאַלען און אַ סך, אַ סך צופאַליגע ביכלאַך וואָס פלעגען אַרויס אויף די אידישע יום טובים. („יום טוב בלעטלאַך"). אין די אַלע אויסגאַבען. וואו פּרץ האָט געדרוקט זיינע לידער, דערציילונגען און גרויסע אַרטיקלען, האָט זיך לאַנגזאַם פאַנאַנדערגעוויקעלט פּרץ'ס גרויסער גייסט.

פאַרשטיין דאַרף מען, אַז די לעצטע אַכציגער און די ערשטע ניינציגער יאָרען זיינען געווען, אַזוי צו זאָגען, דער אַרבייטזאַמער. טיף אין דר'ערד פאַר'ן קומענדיגען פרילינג צוגרייטענדער ווינטער פון אידישען לעבען. האָבענדיג אַריבערגעלעבט און אַראָפּגעטרייסעלט פון זיך די השכלה, האָט דאָס אידישע לעבען געזוכט עפּעס נייעס, געזוכט, געפונען, דערמיט שוואַנגער געוואָרען און אין ווייטאָגען עס צוגעגרייט פאַר דער אידישער עפענטלאַכקייט. דאָס נייע איז געווען די גרויסע אידישע נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע דערוואַכונג וואָס האָט אין סוף יאָרהונדערט אַרויסגעשאָסען, פון איין זייט, אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, פון דער אַנדער זייט, אין דעם „אידישען אַרבעטער בונד" פון ליטע און פּוילען און שפּעטער אין די אָפּשפּאַלטונגען פון די צוויי („סיים", סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישע פּאַרטיי, פּועלי ציון). ליטעראַריש האָט פּרץ (און זיין גרופּע) דידאָזיגע יוירונגען שטאַרק פאַנאַנדערגעוועקט.

וואָס זיינען צו יענער צייט פּרץ'ס אַנשויאונגען געווען?

ער איז געווען אַ פריידיינקער, אַ ניט־גלויביגער. ווי אַנדערע משכילים האָט ער געשפּאָט פון דער אידישער ווירקלאַכקייט. זיין האַרץ איז אָבער פול געווען מיט ליבשאַפט און רחמנות צו די אידישע פאָלקסמאַסען און ער האָט זיי געוואָלט העלפען, אויפהויבען. און דאָס איז צוערשט געווען דער הויפּט צוועק פון זיין שרייבען. לויט זיין בילדונג און ליטעראַרישע אַפּעטיטען איז פּרץ געווען אַ העברייער, אַ פּאָליאַק און אַן אייראָפּייער: אָבער וועלענדיג בילדען און אויפהויבען דאָס פאָלק און פאַרשטייענדיג, אַז קיין אַנדער מיטעל פאַר דעם צוועק ווי די אידישע ליטעראַטור און שפּראַך זיינען ניטאָ, האָט ער זיך זיי ביידען אָפּגעגעבען מיט זיין גאַנצער נשמה.

פּרץ'ס דאַמאָלסדיגע גרינגשאַציגע באַציאונג צו אידיש אַלס שפּראַך פון פּאָעזיע ווייזט ער גאַנץ קלאָר אַרויס אין די געוויסע פערזען פון דער פּאָעמע „מאָניש", וועלכע ווערען אַזוי אָפט ציטירט. זיין מיינונג וועגען אידיש פון אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלען שטאַנדפּונקט געפינען מיר אין „בילדונג"

(באנד 12, פארלאג אידיש), וואס איז געווען דאס פארווארט צום ערשטען בוך „אידישע ביבליאטעק“ (1890), וואו ער זאגט:

„מיר ווילען בילדען דאס פאלק און שרייבען זשארגאן, ווייל מיר האבען אן ערך פון דריי מיליאן נפשות, וואס פארשטייען נאר זשארגאן, נאר מיר האלטען נישט דעם זשארגאן פאר הייליג. מיר סימפאטיזירען גאנץ אפען מיט די וואס ווילען דעם זשארגאן אויף א לעבעדיגער לאנדס־שפראך פארטוישען...

„העברייאיש מוזען מיר קענען אלס אידען, נאר אלס געבילדעטע מענשען, אלס לעבעדיגע מענשען, מוזען מיר קענען די לאנד־שפראך...

„זשארגאן האט קיין פרעטענזיע צו פארטרעטען די מוטער־שטעלע אין א אידישען הויז; דעם פלאץ פארנעמט און דארף פארנעמען לשון הקודש; זשארגאן האט קיין פרעטענזיע צו דער לערער־שטעלע, דעם פלאץ מוז לעת עתה פארנעמען א לאנד־שפראך: זשארגאן איז נאר א ניאנקע, זי וויל נאר אויסלערנען גיין, זיצען, אנהויבען ריידען... דערנאך — מעגט איר די ניאנקע ארויסווארפען, אדער, אויס דאנקבארקייט, איר איבערלאזען אן ארט ביים טיש!

„נאר — ווער עס וויל דאס פאלק קענען און ווער עס וויל דאס פאלק לערנען — דער מוז קענען ריידען און שרייבען זשארגאן.“

אבער אין יארען ארום האט פרץ זיין מיינונג וועגען אידיש, ווי וועגען אנדערע אידישע ענינים, גאנץ ראדיקאל געביטען. ווען עס איז אפגעהאלטען געווארען די בארימטע טשערנאוויטשער קאנפערענץ פאר דער אידישער שפראך, אין קנאפע צוואנציג יאר ארום, איז פרץ, אינאיינעם מיט דר. זשיטלאווסקי'ן און דר. בירנבוים'ען, געווען איר נשמה.

פרץ האט נאך אין זיינע ערשטע שרייבערשע יארען זיך פאראינטערעסירט מיט דער רוסיש־פוילישער רעוואלוציאנערער באוועגונג. צום אידישען „בונד“ איז ער, אין זיינע ערשטע יארען, געשטאנען גאנץ נאענט. און א הייסער רעוואלוציאנער איז פרץ פארבליבען זיין גאנץ לעבען. קיינער האט אויף אידיש ניט איבערגעגעבען אזוי קראפטיג דעם גייסט פון דער רעוואלוציע, איר טעמפ, איר פולס, ווי אויך די שטיקענדע שטימונג פון איר אונטערדריקונג, ווי פרץ האט עס געטאן אין רעוואלוציאנס־יאר 1906 אין א קארעספאנדענץ אין א זשורנאל וואס אברהם רייזען האט דאמאלס ארויסגעגעבען אין קראקע.

„א גרויסער הויפען גייט ערנסט, גלייך, „פריוועסאווסקים“ מיט מיצען און קאפעלושען אויסגעמישט, איבער דער גאס, די אויגען פאר זיך, גלייך!... — זיי גייען אפשר אקעגען משיח'ן?...

„און אין מיטען ווינטער אונטער'ן גרעסטען אייז רודערט זיך, וועקט זיך: אקסעל צו אקסעל, ברידער! הויבט אייך, צעוויגט אייך, צעשמעטערט! דער הימעל רופט“.

אבער שפעטער, אז די רעוואלוציע ווערט דערשטיקט מיט פולעמיאטען, איז שוין:

„נאר טסס!

עס הערען זיך פעסטע, זיכערע טריט איבער דער גאס...

די שטאַטס־לאָגיק אויפ׳ן דרך הישר גייט, מיט „אותות ומופתים“ אין דער האַנט... שווערע נאָר זיכערע טריט אין גאַס. די שטאַטס־לאָגיק גייט. — פעסט, שטייף, אייזערן...“

(„פון דער שווערער צייט“, 12־טער באַנד)

אָבער אין די ניינציגער יאָרען איז די אידיש־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג נאָך געווען יונג און קליין און איר אידיש באַוואוסטזיין איז נאָך געווען זייער שוואַך. די השכלה איז שוין לאַנג געווען טויט. דער וועג פון בילדונג און אויפקלערונג איז געווען שווער און מיזאַם. די פּאָליטישע פינסטערניש אין רוסלאַנד איז געווען זייער געדיכט. אפשר דערפאַר איז עס פּרץ אין יענע יאָרען געווען אַזוי פּעסימיסטיש. און אפשר האָט אויף אים געווירקט דער געדריקטער גייסט פון דער פּויליש־אייראָפּייאישער ליטעראַטור. ווי עס זאָל ניט זיין, אין יענע יאָרען הערט שוין פּרץ אויף צו שרייבן קלאָרע, איינפאַך געזונטע מאָלערישע דערציילונגען און בילדער, ווי פריער. ער פאַרוואַרפט דעם רעאַליזם און נעמט זיך שרייבן מעשה׳לאַך סימבאָליסטישע, מעשה׳לאַך וואו די מענשען און די פיגורען זיינען בלויז אָנצוהערענישען און די בילדער און באַשרייבונגען זיינען בלויז די פּאָעטישע באַפּוצונגען פאַר זיינע געדאַנ־קען. דאָס האָט פּרץ די סימבאָליסטישע ליטעראַרישע שולע פון אייראָפּע פאַרפלאַנצט אויף אידיש. און איבערפלאַנצענדיג די שולע האָט ער אויך אי־בערגעפלאַנצט דעם טרויער און פּעסימיזם וואָס האָט אין איר אָפּט געהערשט. פּרץ׳ס סימבאָליסטישע מעשה׳לאַך זיינען זייער טרויעריגע, כמעט האָפענונגס־לאָזע. ער קוקט אומעטיג אויפ׳ן פּאָליטישען לעבען ארום, אומעטיג קוקט ער אויפ׳ן גאַנצען מענשלאַכען מין און דעם אָרט וואָס ער פאַרנעמט דאָ אויף דער וועלט און גאָר, גאָר טרויעריג קוקט ער אויפ׳ן אידישען לעבען.

איז אָבער געקומען די גרויסע אידיש־נאַציאָנאַלע און רעוואָלוציאָנערע דערוואַכונג פון די לעצטע ניינציגער און די ערשטע צוואַנציגער (דאָס הייסט, פון צוואַנציגסטען יאָרהונדערט) און זי האָט פּרץ׳ן אויפגעהויבען. זי האָט אים אַ גלויבען געגעבען — די גייסטיגע אידישע באַנייאונג און די רעוואָלו־ציאָן.

און עס שטייט אויף פאַר דער אידישער וועלט אַ נייער פּרץ — פּרץ דער רבי, פּרץ דער „גוטער איד“, פּרץ דער לערער, דער טרייסטער. דער פריידיגער, דער באַשיינער פון אידישען לעבען.

עס האָבען אָנגעהויבען קומען איינע נאָך די אַנדערע פּרץ׳ס חסידי׳שע בילדער און מעשה׳לאַך. צום ערשטען מאָל איז אין דער אידישער (אויך אין דער העברייאישער) שיינער ליטעראַטור אַנטפּלעקט געוואָרען די שיינקייט און הויכקייט פון חסידי׳שען לעבען און חסידי׳שען גלויבען. פּרץ האָט זיך ווידער אומגעקערט צום אידישען ראָמאַנטיזם, וועלכען ער האָט צוערשט געלאָזט פאַרקלינגען אין „מאָניש“, ער האָט זיך אומגעקערט צו דער אַלטער אידישער שיינקייט. איבער פּרץ׳ס חסידי׳שע מעשה׳לאַך קלינגט אַ מאַכטיג וואָרט פון טרייסט: זעט, אידען, ווי שיין און ווי גרויס אונזערע אבות זיינען געווען, זעט וואָס פאַר אַ גרויס, שטאַרק, הויך און מאַכטיג לעבען זיי

האבען פארמאגט; קוקט אויף דעם און ווערט געטרייסט, קוקט אויף דעם און נעמט זיך דערפון מיט באגייסטערונג און מיט אידעאלען פאר היינט אן.

פון אט דעם וועג איז שוין פרץ ניט אראפ. פארקערט, ער איז אויף אים געגאנגען נאך ווייטער און טיפער, אויפדעקענדיג אלץ פיינערע אלייען. אלץ מער שטיל־געהיימניספולע וועלדעלאך, אלץ מער כישוף׳דיגע טייכע־לאך.

נאך די חסידי׳שע בילדער האט פרץ געשריבען זיינע פיעסען. דערנאך זיינע „פאלקסטימלאכע געשיכטען".

פרץ׳ס גלויבען אין זיינע לעצטע יארען איז געווען די אידישע קולטור און זיין אנזאג צום יונגען דור איז געווען אז מען זאל זיך צו איר אומקערען מיט׳ן גאנצען הארצען. ער האט שוין דאמאלס ניט געקוקט אויף דער אידישער שפראך ווי אויף א מיטעל בלויז צו ב י ל ד ע ן דאס פאלק. ניין, די שפראך אליין איז ביי אים געוואָרען א הייליגקייט, א ליבער טייערער אוצר.

אבער ניט בלויז די שפראך, די גאנצע אידישע קולטור האט פרץ איצט מורא׳דיג ליב געהאט און אפשר מער פון אלע די אידישע מאראל און רעליגיע.

אין 1912 זען מיר שוין פון פרץ׳ן אזעלכע רעליגיעזע שטימונגען און אזעלכע געדאנקען וועגען דער אידישער רעליגיע, אין זיין כאראקטעריסטיש־פלאמיגען סטיל, ארויסבליצען:

„...האלט א געוויסע טייל פון אונזער יוגענט מלחמה מיט דער ימים נוראים שטימונג... ווערט זיך אונזער פריש־געבוירענער בראשורען־ראדיקאל קעגען ימים־טובים׳דיגע געדאנקען און געפילען...

נאך וואס? צו וואס?

— — — — — — — — — — — — — — — —

איר זייט ניט איבער׳ן רעליגיעזען געדאנק, נאר אונטער אים... איר זייט קיין איבערצייגטע אפיקורסים נישט; איר גלויבט אין אפיקורסות. איר האט קיין העכערע וועלט־אנשויאונג ניט געפונען. איר האט צעשטערט אין זיך דאס איידעלע און שיינע און ווילט עס נאך אויסווארצלען, ניט האבענדיג קיין בעסערען זאמען צו פארזייען...

וויסט ווילט איר ווערען...

— — — — — — — — — — — — — — — —

די אידייע אז עס איז פאראן עפעס העכערעס, פאר וועלכען א מענש דארף זיך אמאל אפשטעלען, אויף די קני פאלען און זאגען: איך האב געזינדיגט און וועל ניט מער: איך נעם דעם וועג שטייגענדיג צו דיר... די אידייע איז ניט קאנסערוואטיוו...

ווערט אייך ניט קעגען הארציגע טרערען... זאמעלט זיי ווער אדער ניט — איר וועט דערהויבען ווערען!"

(„פון מיין ווינקעל" 12, באנד 13)

און גלייך דערנאך, אז יענער פעליטאן האט קענטיג ארויסגערופען מור־מלערייען אין די ראדיקאלע קרייזען, איז געקומען א צווייטער (אין ווארשע־ווער „היינט"), וואו עס זאגט זיך:

„...זאג זיי: איבער דער רעליגיאן זיינען פאראן וועלטען, אבער אונטער איר — פי

און פערד־שטאלעז. אז פריידיינקען איז דראמאטיש, צווייפלען — טראגיש; אבער די הילצערנע עם־הארצ׳ישע זיכערקייט געהערט צום פארם...

זאג זיי, אז מיר טוט ווי זייער אפגעריסענקייט פון דער נאציאן... פאלק איז נאך קיין נאציאן ניט, ווי א הויפען אנגעווארפענע שטיי־ער — קיין טעמפעל. אין זייער אפגעריסענקייט פון זיך אליין, פונ׳ם טיפען אינעווייניגסטען... אז אפווארפענדיג די ירושה פון דורות מאגנאטען, פאראריטען זיי זיך, ווערען זיי קבצנים — — — —״

פרץ האט אבער דאך ניט געפריידיגט קיין פרומקייט און ניט קיין קלאגער איז ער געווארען. אזעלכע געדאנקען זיינען אין איינקלאנג מיט זיינע חסידישע און פאלקסטימלאכע געשיכטען. פרץ האט געוואלט, אז די היינטיגע אידישע ליטעראטור זאל איר פעדער אין צוויבער־ליכט פון דעם אלטען אידישען גלויבען איינטונקען און דורך יענע שטראלייי א נייעם גלוי־בען, א נייע האפענונג לאזען דורכלייכטען. ער האט געוואלט די אלטע אידי־שע אידעאלען דורכזייען, דורכלייטערען דורך דער פאעזיע און ווערנדיג דורכגעזייט און דורכגעלייטערט און ווערנדיג באפרייט פון דאס איבער־נאטירלאכע און בלייבענדיג בלויז מונטער, האפענונגספול מענשלאד, וועלען זיי דער אידישער וועלט א ניי ליכט זיין, איר נייע וועגען ווייזען.

(פראגעס און דערמאנונגען: — פארגלייכט פרץ׳ס שפראך און סטיל צו מענדעלי׳ס און שלום עליכם׳ס. — מיט וואס טיילען זיי זיך אפ? — איז פאראן אן ענלאכקייט צווישען דעם סטיל פון פרץ׳ס פאעזיע (לאמיר זאגען: „מאניש״) און דעם סטיל פון זיינע עסיים? — אויב יע — אין וועלכער צייט שפירט זיך די ענלאכקייט אם שטארקסטען? — וואס איז דאס באזונדערע וואס שפירט זיך אינ׳ם סטיל פון פרץ׳ס שפעטערדיגע פעליטאנען (אין „פון מיין ווינקעל״, למשל)? — אורטיילענדיג פון דעם וואס איר האט געלייענט און ווייסט וועגען פרץ׳ן — וואס זיינען די קענטיגסטע שטריכען פון זיין נאטור?)

צוויטע לעקציע: — פרץ׳ס פאעזיע. — זיין רעאליסטיש־נאטוראליסטישע פאזע. — די סימבאלישע מעשה׳לאך און זייער טעכניק.

(לייענען: — י. ל. פרץ: די לידער, „בילדער און סקיצען״, באנד צוויי, „דערציילונגען״, באנד פיר, „מעשה׳לאך״, באנד פינף, און „דערציילונגען, מעשה׳לאך, פאעמעס אין פראזע״, באנד אכט, פארלאג אידיש; דר. פינעס: פרץ דער פאעט און פרץ דער פראזע קינסטלער, אין זיין געשיכטע: מ. אלגין, „פרץ דער ליריקער״, אין „די צוקונפט״, מאי 1915, אדער אין זיין בוך וועגען אידישע פאעטען („אין דער וועלט פון קלאנגען״).

צוטרעטענדיג איצט צו פרץ׳ס ווערק גופא, לאמיר זיך צוערשט באַ־קענען מיט זיינע לידער. עס איז בעסער אזוי צוליב עטליכע טעמים. ערש־

טענס, האָט פּרץ, לכל הפּחות אויף אידיש, טאַקע אָנגעהויבן מיט פּאָעזיע: זיין ערשטלינג אויף אידיש איז געווען זיין גרויסע סאַטיריש־ראָמאַנטישע פּאָעמאַ, וועלכער ער רופט באַלאַדע, „מאָניש“: צווייטענס, איז פּרץ'ס פּאָעזיע אַ סך איינפאַכער, ניט אַזוי פאַרוויקעלט, ניט אַזוי פילזייטיג און שווערבענדיג־דעליקאַט, ווי זיין פּראָזע, איז אים דאָ גרינגער צו אַנאַליזירען: און דריטענס, איז דורך זיין פּאָעזיע גרינגער אַדורכצוזען דאָס נייע וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער אידישער ליטעראַטור.

אין דעם יאָר 1888, ווען פּרץ האָט אָנגעהויבן שרייבען אידיש, איז די אידישע פּאָעזיע, אין'ם היינטיגען זין פון'ם וואָרט, נאָך געווען גאָר, גאָר יונג. עס זיינען געווען אַ סך אַלטע פּאָעטען, לעבעדיגע און טויטע, אָבער זיי האָבען צומייסט געזונגען אָדער אויף רעליגיעזע און היסטאָריש־נאַציאָנאַלע טעמעס, אָדער זייערע לידער זיינען געווען פון דעם פילאָזאָפיש־מאָראַליזירענדען סאָרט, קריטיקעם אויפ'ן אידישען לעבען, געזעלשאַפטליכע באַטראַכטונגען, קורץ גערעדט, דידאַקטישע לידער, ווי מען רופט זיי אויף דער וועלט עס זיינען נאָר געווען צוויי גרויסע אויסנאַמעס: ש. פרוג און מאָריס ראָזענפעלד, וואָס ביידע זיינען וועלטלאַכע און לירישע פּאָעטען אין אמת'ן זין פון וואָרט, זינגענדיג פון זייערע אייגענע געפילען און איבערלעבונגען, שילדערענדיג זייער פרייד און זייער פיין, אַרויסגעבענדיג זייער ליבע און זייער האָס, באַזינגענדיג די נאַטור אין אירע פאַרשיידענסטע געשטאַלטען, זינגענדיג אַמאָל טאַקע אויך פון דער פאַרגאַנגענהייט, אָבער פיל מער פון דעם איצטיגען לעבען. דאָך ביידע, סאַי פרוג און סאַי ראָזענפעלד, האָבען אָנגעהויבן שרייבען בלויז מיט אַ פּאָר יאָר פאַר פּרץ'ן. דערצו האָט ראָזענפעלד געשריבען אין אַמעריקע, וואָס אין די אַכציגער און ניינציגער יאָרען איז זי טאַקע געווען „אונטער־דר'ערד“ בנוגע דער אידישער ליטעראַטור פון רוסלאַנד, ניט האָבענדיג מיט איר כמעט קיין שום באַרירונג, אַזוי אַז אפילו ראָזענפעלד און פרוג האָבען אין יענע יאָרען איינער) צום צווייטען גאָר אַ קנאַפּע שייכות געהאַט, ווער שמועסט ראָזענפעלד און פּרץ.

מען קען, ביז צו אַ געוויסען גראַד, זאָגען, אַז פּרץ איז דער ערשטער היינטוועלטלאַכער אידישער פּאָעט, דער ערשטער פּאָעט אין אַ וועלטלאַך־אייראָפּייאישען זין. כאָטש פרוג איז שוין געווען אַ ריין־לירישער פּאָעט פאַר פּרץ'ן און אַלס ליריקער איז ער טאַקע אויך געווען געפּילפּולער און עכטער פון אים, איז אָבער די צאָל ריין־לירישע לידער, אַן קריטיקירענד־סאַטירישען צומיש, די צאָל לידער וואָס זאָלען זיך ניט פאַרענדיגען מיט פּעליטאַניסטישע אָדער דרשה'דיגע פערזען, ביי פרוג'ן ניט צו גרויס. און וואָס איז שייך אייראָפּייאיש־ברייטער היינטוועלטיקייט, זיינען אַזעלכע לידער ביי פרוג'ן פאַראַן נאָך ווייניגער. פּרץ, דאַגעגען, איז שטאַרק און זייער אָפט ליריש. און בנוגע היינטוועלטיקייט איז פּרץ געווען אַ מענש מיט זייער אַ ברייטער ליטעראַריש־פּאָעטישער אייראָפּייאישער בילדונג: ער איז נאָכגעגאַנגען פוס־טריט די נייסטע ליטעראַרישע אידייען, באַוועגונגען און שולעס. און ווערנדיג באַאיינפלוסט פון פיל אייראָפּייאישע פּאָעטען און אָננעמענדיג

זיך מיט פאַרשיידענע ליטעראַריש־פּאָעטישע אידייען, האָט ער דיזעלבע איינ־פלוסען און אידייען דערנאָך אריבערגעפלאַנצט אין אידישען גאָרטען.

און אין דעם ליגט דער עיקר פון פרץ'ס גרויסקייט אַלס פּאָעט. ער איז א סך וויכטיגער אַלס דער רבי פון די פּאָעטען איידער אַלס פּאָעט אליין. אַלס פּאָעט איז ער געווען מער אַ מענש פון בילדונג, פון געדאַנקען און אידייען און שיינע געשליפענע פאָרמעס איידער אַ גרונטיגער, עכטער פּאָעט פון שטאַרקען געפיל, פון טיפען, אמת'ן ענטוזיאַזם, פון טיפען אינעווייניגס־טען איבערלעבען. קורץ — ער איז מער מוח־און־געדאַנק־פּאָעט איידער פּאָעט פון האַרץ און בילד. און מיט זיין ווירקונג אַלס דיינקער אין און וועגען דער פּאָעזיע איז ער גרעסער געווען ווי מיט זיין פּאָעזיע גופא.

וואָס דאָס דאַרף דעם לעזער דערמאָנען אַן דעם וואָס איך האָב פריער געזאָגט, אַז פּרץ געהערט צו יענע שריפטשטעלער וואָס דער מענש אין זיי איז גרעסער פון'ם שרייבער. צו יענע, ביי וועמען דער שרייבער קוואַלט אַרויס, איז נאָר אַן אָפּשיין פון דעם מענשען.

דאָס נייע וואָס פּרץ ברייננט אריין אין דער אידישער פּאָעזיע באַשטייט פון די פאָלגענדע עלעמענטען:

א) אַ טיפערער ראָמאַנטיזם. עס הייסט אַז דער פאַנטאַסטישער עלעמענט איז ביי פּרץ'ן פרייער, ברייטער, ניט נאָר ווי ביי די פריערדיגע פּאָעטען, נאָר אויך איידער ביי פרוג'ן. דערביי פאַרמאָגט ער די קונסט דעמדאָזיגען פאַנ־טאַסטישען עלעמענט שיין צו באַפּוצען. און דערצו — און דאָס איז נאָר קיין קליינינקייט ניט — איז זיין ראָמאַנטיזם אָפט אַ אידישער, באַנוצענדיג זיך מיט אידישע לעגענדעס, מיט'ן אידישען אבערגלויבען און באַגריפען וועגען גייסטער און נעמענדיג זיינע באַפּוצונגען פון דער וועלט פון דער אידישער איבערנאַטירלאַכקייט.

דאָס בעסטע ביישפּיל פון דעם סאָרט לידער ביי פּרץ'ן בלייבט טאַקע זיין ערשטע פּאָעמע „מאָניש". דאָס איז אַ שיינע און אַ רייכע שילדערונג פון דעם בילדערהאַפטען אבערגלויבען וואָס לעבט ביים פּויליש־אידען. (וועגען דעראָזיגער שיינקייט פון פּויליש־אידישען לעבען אַ דאַנק דער בילדערהאַפטיקייט פון זייערע גלויבינגען. וועט מיר נאָך אויסקומען צו רייד־דען שפּעטער). דאָס איז אַ שיינע אין שטאַרקע ליבעס־באַשרייבונג, פול מיט אַנטציקונג פאַר דעם טיפען יוגענטלאַכען ליבעס־געפיל און דער שיינ־קייט פון דער פרוי. און דאָס אַלץ איז איינגעפּאַסט אין דעם וואונדער־שיינעם ראָם פון יונג־בחור'שען לערנערשען לעבען און צאַרטער מוטער־ליבע און מוטער־גליק און גוואַלדיג באַצויבערנדע געשיכטעס וועגען שדים און זייערע פאַרפירערישע קונצשטיק און פאַרליבטע באַגעגענישען אין שדי'שע ראַנדע־וואו־פּלעצער.

ב) אַ פיינערער, אַ מער אויסגעאיידעלטער, אַ צאַרטערער, אַ מער אומבאַשטימטער ליריזם. אַחוץ קלאָרע געפילען האָט פּרץ אין זיינע לידער אויך אומקלאָרע שטימונגען, געמיטסצושטאַנדען. אַחוץ גאַנצע גע־

פילען האט ער אויך שאטירונגען, געפילען־שפליטערען, אנונגען און שפי־רונגען.

פרץ געפינט זיך, קודם־כל, גאנץ שטארק אונטער דעם איינפלוס פון היינריך היינע. ער שפיגעלט אפ אין זיינע לידער זייער פיל פון היינע'ס פיינער, צארטער ביינקשאפט, פון זיין אומעט, פון זיין פאעטישען אבערגלויבען און שרעק. אבער פרץ גייט נאך ווייטער. אלס מאדערנער מענש גיט ער אויך איבער די פיינערע געפילען, שאטירונגען פון געפילען און געמיטס־צושטאנדען פון דעם מענשען פון אונזער צייט, איבערלעבונגען וואס מיט א צייט פריער האט זיי די מענשהייט אפשר ניט געוואוסט, לאמיר זאגען, די אומבאשטימטע שרעק פון דעם היינטוועלטיגען מענשען, א שרעק גלאט אין דער וועלט אריין, א שרעק, ווי מען רופט עס, פאר'ן לעבען, אן אומבאשטימטע ביינקשאפט און אומהיימלאכקייט.

לידער פון דעם סארט זיינען ביי פרץ'ן פאראן ניט ווייניג און ער האט מיט זיי ניט ווייניג אנגערעגט די אינגערע אידישע דיכטער, זיי זאלען אויך שרייבען אין אזא גייסט. א נישקשה'דיג ביישפיל פון דעם סארט לידער איז זיין „א טרער“:

„א וואלקען האט פארדעקט דעם הימעל
ווי א שווארצער טארבען;
עס איז פינסטער ווי אין קבר,
דאכט זיך מיר כ'וועל שטארבען.

אויף מיין קראנקלאך הייסען שטערען
פאלט א קראפלע שווער;
צו וועט דעמאלט אויף מיין קבר
פאלען אירם א טרער?“

ג) א גרעסערע אויסערלאכע פיינקייט. עס הייסט, אז כאטש בנוגע טיפ־קייט פון געפיל איז פרץ אפילו ניט אזוי רייך ווי פרוג, איז ער אבער פיל רייכער פון אים אין פארבען, אין אויסוויינינגסטער באצירונג פון זיינע לי־דער. און גאנץ געווים איז פרץ דער מייסטער פון פארמע. זיינע לידער זיי־נען קיינמאל ניט צעצויגען אזוי ווי ביי פרוג'ן, נאר זיי זיינען קורץ און שארף, אויסגעשטעלט לויט א פלאן און אפגערונדעוועט.

פרץ איז ניט קיין מייסטער פון גראם. זיינע פערזען זיינען ניט צו מוזי־קאליש. עס קען זיין, אז דאס קומט צום טייל פון זיין פוילישען דיאלעקט, וואס קלינגט ווייט ניט אזוי שיין ווי דער וואלינער דיאלעקט, און פונדעסטוועגען טרעפט ביי פרץ'ן, אז גראד זיין פוילישער דיאלעקט קומט אים גוט צוניץ סאי אין דעם גראם און סאי צוליב א שארפען עפעקט.

א גוטביישפיל פון פרץ׳ס פארבעןדרייכקייט און פארבעןפיינקייט איז זיין „צווישען בלומען״:

„קאלט קוק איך אן
א ווילד רויטען מאן;
פארשייט און צעפלאסען,
מיט פלאמען באגאסען.

ד׳באוואונדער ווי ס׳שיסט
צום הימעל די רויז;
עס פלאטערט איר שוים
זי ציטערט און פליסט
מיט הארציג און דופטיג פארלאנגען!

אין איר חופה־קלייד
שטייט די ליליע פיין;
ווי דער פרישער שניי,
ווי דער הימעל ריין.

כישט זי האט מיין הארץ דאך געפאנגען;
ס׳פארשטעקט זיך שטיל אין גראז
א בלימעלע א קליינס,
א פיינ׳ס
א בלא׳ס, —
און ס׳ציט מיט אינערע צוואנגען.״

ד) דאס סאציאלע. דאס ווידער ברייגנט אונז צו פרץ דעם מענשען. פרץ איז געווען א מענש מיט א שטארקען חוש פאר געזעלשאפטלאכע עוולות, פאר דיליידען און דעם פיין פון די אונטערדריקטע. ברייט גערעדט איז ער געווען א סאציאליסט. אין די אינגערע יארען פון זיין שאפען איז ער קוים געווען עפעס אנדערש, גאנץ זיכער איז אין אים דעמאלט דער סאציאליסט געווען פיל שטארקער איידער דער נאציאנאליסט. און אזוי קומט עס דאס אין רוסלאנד (אין ענגלאנד און אמעריקע זיינען עס געווען אזעלכע פאעטען ווי דוד עדעלשטאט, י. באוושעווער, מ. ווינטשעווסקי, מארים ראזענפעלד און א. ליעסין) איז פרץ געווען דער ערשטער וואס האט אויף אידיש באַוויינט דעם שיקזאל פון דעם מענשען וואס איז פאר׳משפט צו שווערער האַרעוואניע, ארימקייט און א לעבען אן פרייד. און ער האט געוועקט צו פראַטעסט קעגען דעם ווי בכלל קעגען דער צעטיילונג פון מענשען אויף ארעם און רייך, אויף עקספלואטאטארס און עקספלואטירטע.

פרץ׳ס לידער פון דעם סארט זיינען נאר אייניגע אבער זיי זיינען קלאַ־

סיש אין זייער גאנצקייט, קלארקייט און אפילו קראפטיקייט. מען קען כמעט זאגען, אז אויף דעמדאזיגען, ביי אים, קליינעם פעלד צייכענט זיך פרץ אם בעסטען אויס. זיין ליד „די דריי נייטארינס“, איז ניט אומזיסט שטארק בארימט. און זיכער זיינען ניטא קיין סך אזעלכע דראמאטיש־שטארקע, אזעלכע דערדריקענדע, אזעלכע אנקלאגענדע לידער אין דער סאציאלער פאעזיע פון פארשיידענע שפראכען. און ניט קיין קליינער טייל פון דעם ליד'ס גרויסער קראפט נעמט זיך דערפון, וואס כאטש דער גרונט־מאטיוו איז אזוי אלמענשלאך און אלוועלטלאך, איז אבער דאס ליד אלס גאנצע אזוי אי־דישלאך טיף באפארבט. די ערשטע נייטארין, שוין א פארזעסענע מיידעל. טראכט:

„ניט איך שלאף און, ניט איך עס...
איך וואלט נענע'ן אויף מאיר בעל־נס
אפשר וואלט ער זיך געמיט:
איין אלמן כאטש, איין אלטען איד,
מיט קינדערלאך א שאק!“
די דריטע זינגט:

„עט, פארגעסען וואכ אמאל
תכריכים וועט מיר געבען קהל,
אויף א קליינטשיק פיצעל ערד,
איך וועל רוען איינגעשטערט,
איך וועל שלאפען, שלאפען!“

א פיל גרעסערע זאך, סאי אין אומפאנג, סאי אין פאעטישער פיינקייט און פילאזאפישער הויכקייט, איז די לאנגע דראמאטישע פאעמע „ביים פרעמדען חופה־קלייד“. א גרופע נייטארינס, יונגע און עלטערע, ערנסטע און שטיפערישע, זיצען אין. ווערקשטאט ביי זייער בעל־הבית'טע און ארבעטען אויפ'ן חופה־קלייד פון א גביריש מיידעל וואס זיי קענען. דערביי דערציילען זיי זיך געשיכטען און ריידען אויס זייער ביטער הארץ און בייגקשאפט נאכ'ן גליק וואס די רייכע כלה האט און זיי האבען ניט און זיי פילאזאפירען ווע־גען לעבען און די מאדאם מישט זיך אויך אריין מיט איר מאראל. עס איז זייער א קראפטיגע פאעמע פול מיט'ן וויי פון די מענשען וואס פראצעווען. פון דער יוגענט וואס פארוועלקט אין נויט. אין מיטען פון דער דראמע, אזוי, ווי א דימענט אין א קרוין, איז איינגעפאסט דאס פאעמעלע „די צוויי ברי־דער“, וואס איז אן אלעגאריש־פילאזאפישע דערקלערונג וועגען דער געבורט פון קאפיטאל און ארבעט און דעם ברודער־קאמף צווישען מענש און מענש וואס איז דורך איר ארויסגעקומען. אמאל האבען זיך, הייסט עס, געלעבט צוויי ברידער אין ליבשאפט און אין שלום און אין זיסער הארמאניש־ברי־דערלאכער ארבעט. אבער די שלאנג האט די ליבשאפט פון די מענשען ניט געקענט פארטראגען, האט זי איינעם פון די ברידער „די אויגען געעפענט“.

אז דעם ברודער׳ס שוויס־טראָפּענס, וואָס קאַפּען פאַר האַרעוואַניע אַראָפּ פון זיין שטערן, זיינען דימענטען און אַז די בלוט־טראָפּענס וואָס טריפן פון אים אַראָפּ, צעשלאָגענדיק זיך ביי דער אַרבעט, זיינען קרעלן. האָט זיך דער ברודער געלאָזט איינשמועסן און ער פּייניקט און שלאָגט זיין ברודער — און ס׳איז אויס ליבשאַפט, אויס שלום.

מען דאַרף נאָך צולייגן, — אויב דער לעזער האָט עס שוין פון אײַנהאַלט ניט באַמערקט — אַז די אויסאַרבעטונג פון „ביים פרעמדן חופּה־קלייד“, איר טעכניק, איז אַ זעלטענע. זי איז פאַרשיידנאַרטיק, פאַרשיידנפאַרביק און פיל־גלידערדיק. עס איז אַ מין פּאָעטישע מאָזאַאיקע, — איינע פון יענע קונסט־פיגורן וואָס ווערן אויסגעלייגט פון פאַרשיידן־פאַרביקע שטיינדלאַך אָדער גלעזלאַך — אַ קונסט־געוועב פון פיל פּאָעמלאַך אין איין גאַנצער, האַרמאָניש־צונויפגעשטעלטער, גרויסער פּאָעמע.

ה) ס אַ ט י ר י ש ע ס. דאָס איז ווידער אַ גאַנץ וויכטיקע נייעס וואָס פּרץ האָט אַריינגעבראַכט אין דער אידישער פּאָעזיע — די סאַטירע. דאָס איז אַ ביטער־שאַרפע, זייער קראַפטיקע קריטיק קעגן דער געזעלשאַפט, באַזונדערס קעגן דער רוסישער רעגירונג. מען דאַרף אין זינען האָבן, אַז פּרץ האָט געשריבן אין צאַרישן ר ו ס ל אַ נ ד, אין צייטן פון ביטער־רעאַקציע, ווען אָפן פּראָטעסטירן קעגן דער רעגירונג איז ניט מעגלאַך געווען און מען האָט די פייַלן פון קריטיק קעגן איר געמוזט איינוויקלען אין די בלומען פון דער אַלעגאָריע, פון דעם כלומרשט פּאָעטישן אָדער שפּאַסיקן מעשה׳לע. אויף אַזאַ אופן זיינען אין רוסלאַנד אייניקע צווייגן פון איר בעסטער ליטעראַטור אויסגעוואַקסן. אויף אַזאַ אופן האָט אונז פּרץ אויך פיל פון זיינע מעשה׳לאַך אין פּראָזע געשריבן. אָבער דער פּאָעטישער פערז מאַכט פּרץ׳ס סאַטירע פיל שאַרפער און שניידענדיקער. די וויכטיקסטע לידער פון דאָזיקן סאָרט זיינען צוויי, איינע מיט׳ן נאָמען „דעם לייב׳ס לויה“, וואו שילדערנדיק כלומרשט דעם טויט פון דעם לייב, מאָלט דער פּאָעט גאָר אין אמת׳ן אויס דעם טויט פון אַ רוסישן טיראַן. דאָס צווייטע ליד, מיט אַן ענלאַכען מיין, איז כלומרשט וועגן דעם אשמדאי אין דער צייט, ווען ער האָט, לויט דער לעגענדע, פאַרכאַפּט שלמה המלך׳ס טראָן און גע־קיניגט אין ירושלים.

ניט אומזיסט זיינען די סאַטירישע לידער צווישן די שטאַרקסטע ביי פּרץ׳ן. דער אמת איז, אַז אַ צייט־לאַנג איז פּרץ געווען מער סאַטיריקער איי־דער עפּעס אַנדערש. אָפטמאָל דאַכט זיך, אַז פּרץ איז טאַקע באַשאַפן געוואָרן דער עיקר צו זיין אַ סאַטיריקער. און אויב ער האָט דאָך דערציילונגען, וואו ער מאָלט דאָס לעבן פּשוט ווי אַ גוטער, געזונטער מאָלער, אַן שטעכווערטלאַך און אַנצוהערענישן, און געשיכטען, וואָס זיינען לויטער שיינקייט און איידעלע ביינקשאַפט, האָט פּרץ׳ן העכסט וואַרשיינלאַך גע־מוזט קאָסטן פיל מי איידער ס׳האָט זיך אים אין אַזעלכע פאַלן איינגעגע־בען איינגאַנצען צו פאַרטרייבן דעם טאָן פון ביטערקייט און שטעכיקען חוזק.

פון דער סאַטירע ביז דער איראָניע איז בלויז איין טריט. די צווייטע

איז בלויז א מילדערע, א רואיקערע, א קלוג־אומעטיגערע פארמע פון דער ערשטער. און מיט איראניע פארזייט פרץ אפשר די גרעסטע העלפט פון זיינע לידער, אפשר אפילו די גרעסטע העלפט פון זיינע לירישע לידער. און דאס גיט זיינע לידער ניט צו קיין צו־פיל חן. עס ווייזט אויס, אז אויך די־דאזיגע מאניר האט פרץ זיך אפגעלערנט פון היינריך היינען. דאס מאכט אבער די זאך ניט רעכט. עס איז נאך א פראגע צי וואלטען אפילו א סך פון היינע׳ס לידער ניט שענער געווען, ווען ער מאכט איינמיטען פון זיין בייינקשאפט אדער אנטציקונג ניט קיין קאמישע אוואיעלע, אדער ער לאזט אימיצען ניט אריין קיין שפילקע. צווייטענס, איז היינע אזא מורא׳דיגער מייסטער און זיין חן איז אזא באצויבערענדער, אז ביי אים קענען די קאנטראסטען דאך ווי עס איז צוזאמענלעבען: ס׳איז אבער גאר קיין ראיה ניט, אז דאס איז אויך מעגלאך ביי אנדערע.

ו) דאס ביבליש־נביאישע. פרץ האט א קליינע רייע לידער וואס זיינען געבויט אדער אויף א געשיכטע פון תנ״ך אדער אויף עפעס א געזאנג פון א נביא. אויך דאס איז וויכטיג, ווייל אויך דא איז פאראן עפעס באזונדערעס, פרץ׳דיגעס. אויף ביבלישע טעמעס האט געשריבען פרוג פאר פרץ׳ן, דאס נביאי׳שע האט א גרויסען טייל פון זיין גרויסען נאמען געגעבען ביאליק׳ן נאך פרץ׳ן. אבער פרוג האט דאס ביבלישע אדער איבערדערציילט און באזונגען אדער בלויז גענומען פאר א מאטא פון זיין ליד. און ביאליק זאגט, ריכטיגער רעדט, אליין נביאות אין דעם סטיל פון די נביאים. פרץ׳ס געזאנג אין אנאנדערער. ער נעמט זיינע געדאנקען, די געדאנקען פון א מענשען מיט א שארפען חוש פאר געזעלשאפטלאכע אומרעכטען און אידעאלען, ער נעמט די געדאנקען פון א געזעלשאפטלאכען סאטיריקער און לייגט זיי אריין אין מויל פון ביבלישע העלדען אדער נביאים. אזוי, למשל, איז פרץ׳ס „יוכבד“ (משה רבינו׳ס מוטער) סתם א רעוואלוציאנער־נאציאנאלע מוטער, וואס וועקט אין איר קינד, ווען עס ליגט נאך אין וויגעלע, האס צו שקלאפעריי און ליבע צו קאמף און פרייהייט. פרץ׳ס צוויי פאעמען „פון יחזקאל“ אטעמען מיט ארענטלאכער פאלקס־הערשאפט, מיט מאדערנער סאציאלער גערעכטיקייט. (דאך שליסט עס ניט אויס די מעגלאכקייט, אז פרץ האט ביאליק׳ן געגעבען א געוויסען שטויס זיינע נביאות׳ן צו שרייבען.) מען דארף נאך צוגעבען, אז עס איז זייער אפט אזא טבע ביי פרץ׳ן, אין זיינע פראזאאישע חסידישע מעשה׳לאך און פאלקסטימלאכע געשיכטען, כאמיש ער שילדערט לאנג פארגאנגענע צייטען, ניט צו קימערען זיך צופיל וועגען דער היסטאריע און דעם בוכשטאבלאכען היסטארישען אמת, נאר ער נעמט זיינע אידעאלען און גלויבונגען, די אידעאלען און גלויבונגען פון א מאדערנעם מאראליסט, פון א מאדערנעם, בייינקענדיגצעווייטאגטען אידען און גיט זיי אריין אין לאנג־פארשטארבענע דורות און וויקעלט זיי איין אין לאנג־פארקלונגענע געשיכטעס.

אין סך הכל איז פרץ אין זיין פערזען־פאעזיע ניט נאר קיין ביאליק ניט, נאר בנוגע גרונטיקייט און קראפט, איז ער אויך ניט קיין פרוג. ער איז ניט

אזוי געפּילפּול־טיף, ניט אזוי הארציג־לירישׂ ווי דער צווייטער און ווייט ניט אזוי אידישלאך־פּארביינקט און אויפגעשטורעמט ווי דער ערשטער. מען דארף ניט פארגעסען, אז פּרץ האט זיינע מייסטע לידער געשריבען אין יענע יארען, ווען ער איז דער עיקר געווען סאציאלער דיכטער מיט א משכיל׳ישען אונטער־שלאג, אבער קוים־קוים נאציאנאליסט. אין יענע יארען האט ער נאך ניט געהאט איבערגעלעבט זיין התלהבות, זיין ענטוזיאזם פאר חסידות. ניט אומ־זיסט איז אין זיין פּאעזיע (כאטש אין זיין פּראזע זיינען זיינע חסידי׳שע מעשה׳לאך שיר ניט זיינע סאמע בעסטע זאכען) קיין איין חסידיש ליד ניטא. אויך האט פּרץ אין יענע יארען נאך ניט געהאט איינגעזען דעם רייכען אוצר מיט שיינקייט וואס ליגט פארבארגען אין דעם שאפען פון די פאלקס־קינדער, אין דעם פאלקס־ליד און פאלקס־מעשה׳לע. אין פּרץ׳ס גאנצער פּאעזיע זיינען בלויז דא א פאר פאלקסטימלאכע (דאס הייסט אין פאלקס־גייסט געזונגענע) מאטיווען און אפילו זיי געהערען ניט צו אונזערע בעסטע לידער פון דעמ־דאזיגען זשאנר.

פּרץ׳ס צוגאב צו דער אידישער פּאעזיע, ווי גרויס ער זאל ניט זיין, קען דאך באצייכענט ווערען מיט איין ווארט: מ א ד ע ר נ ע ה י י נ ט ־ ו ו ע ל ט ל א כ ק י י ט. ער האט די אידישע פּאעזיע געמאכט מיט לייטען גלייך: געמאכט זי, לויט דער מאדע פון אונזער צייט, מער ראמאנטיש, פארפיינערט אירע פארבען און מעגער לויט די מאדערנע קונסט־שלייפונגען. בארייכערט אירע מאטיווען און ערפינדונגען, לויט דער פארשארפטער גע־פילפולקייט און שפּירעוודיקייט פון דעם מאדערנעם מענשען — און אויף אזוי פיל האט פּרץ שטארק באאיינפלוסט די אידישע פּאעטען וואס זיינען געווען אינגער פון אים.

און צו לעצט האט פּרץ אין אונזער פּאעזיע צעקלונגען דעם שטארקען טאן פון סאציאלער גערעכטיקייט און דעם שארף־שטעכיגען געשריי פון דער סאציאלער סאטירע.

* * *

פּרץ׳ס פּראזע איז אזוי רייך און אזוי פארשיידענארטיג, אז כדי צו דער־גיין אין איר כאטש א שטיקעל מאלק, איז נויטיג זי צוצעטיילען. אבער צעטיילען פּרץ׳ס שרייבערשע קאריערע איז גארניט גרינג: מען קען אים, למשל, ניט צעטיילען אין פּעריאדעס און זאגען, אז אין די און די יארען, א שטייגער, האט ער געשריבען אויף אזא אופן און אין יענער און יענער צייט האט ער שוין געשריבען לויט אזא מין גאנג. פּרץ איז אין דער הינזיכט ניט געווען קיין געשטעלטער מענש: ערשט א יאר אדער צוויי פאר זיין טויט, למשל, האט ער אפגעדרוקט די דערציילונג „זינדיג בלוט“, וואס סאי לויט איר אינהאלט און סאי נאך איר פארמע, דארף זי געהערען אין איין גרופּע מיט זיינע גאנץ פריערדיגע דערציילונגען. עס וועט אויך ניט גענוג זיין איינצוטיילען פּרץ׳ן לויט די ליטעראריש שולעס און זאגען, למשל, אז אין דער און דער צייט איז ער געווען וואס מען רופט א רעאליסט און אין די און די יארען איז ער שוין געווען וואס מען רופט א ראמאנטיקער. ניט

קוקענדיג וואס אין אזא איינטיילונג וואלט געווען א סך אמת, וואלט עס דאך געווען א פון־אויבען־אויפיגע צעטיילונג, א צעטיילונג בלויז פון פארמע אבער ניט פון אינהאלט.

אמבעסטען דאכט זיך מיר וועט זיין איינצוטיילען פרץ'ס פראזע־שריפטען אין פיר פאזעס, פיר באזונדערע זייטען, פיר באזונדערע ליטעראַרישע געשטאלטען, וועלכע אנטפלעקען זיך ניט גראד אין קיין שטרייגנער ארדענונג פון פריער און שפעטער און וועלכע, אפשפיגלענדיג פארשיידענע פארמעס פון זיין שרייבען, טיילען זיי זיך אבער, צום עיקר, אף איינע פון דער צווייטער מיט זייער באזונדערען קוק אויפ'ן אידישען און אלגעמיינעם לעבען.

און אט אזוי וועל איך צוערשט נעמען פרץ'ס ערשטע פאזע און איך וועל זי אנרופען: פרץ, דער מכשף פון פוילען.

געווען איז עס דער עיקר אין די לעצטע אכציגער און אין די נײַנציגער יארען פון נײַנצענטען יארהונדערט. בנוגע צום אידישען לעבען איז פרץ צום טייל נאך געווען א משכיל. דער משכיל האט דאס אידישע לעבען קריטיקירט, דערפון אפגעלאכט.

אט אזא מין קריטיקער פון לעבען איז דאמאלס אויך געווען פרץ. און מען קען דאס זען פון אזא דערציילונג ווי „אין פאסטוואגען“ אדער „א כעס פון א אידענע“. פרץ איז מיט אזעלכע דערציילונגען עפעס אויסען, ער וויל דורך זיי אויס'מוסר'ן דאס אידישע לעבען, פאר וואס ס'האט נאך דאמאלס ביי אונז געגאלטען אזא זאך ווי גוואלד־שידוכים, פאר וואס מען האט זיך ביי אונז אזוי ווייניג געקימערט וועגען דעם לעבען, דער נשמה פון דער פרוי, פאר וואס מאנכעס מאל האט מען די פרוי גאר אזוי נידעריג געשטעלט.

אדער אז איר וועט לייענען זיין „בשעת מגפה“ אדער „דער משוגענער בטלן“, וועט איר אין זיי הערען א דרשה קעגען דער אינסטיטוציע פון די ארים־בחורים, קעגען דעם איינפיר אויפצוהאדעווען מענשעלאך וואס זאלען זיך ארומדרייען ארום קלויז און גארניט טאן, אזוי, אז זייער עלענד און זייער וויסט ארומבלאנקען זיך ברייגנט זיי צו משוגעת אדער פארצווייפלונג.

פרץ'ס „וואס איז נשמה?“, פון יענער צייט, האט קענטיג, צווישען אנדערעס אויך געהאט דאס ציל אויסצולאכען די אלט־פרענקישע אידישע פארגלויבטקייט און צו קריטיקירען דעם חדר. „די שטריימעל“, וואס געהערט אויך צו יענער צייט, (כאטש לויט איר פארמע וואלט זי גיכער געמעגט געהערען צו פרץ'ס ווייטערער פאזע) איז די ביטערסטע סאטירע אויף דער אידישער רעליגיע אין דער גאנצער אידישער ליטעראטור. און דאס צעטעל פון דערציילונגען מיט א משכיל'ישען אונטערשלאג וואלט גרינג געקענט אויסגעצויגען ווערען נאך לייגנער.

דאך איז פרץ נאר געווען צום טייל א משכיל און אויסמישען אים מיט די אנדערע משכילים טאר מען בשום אופן ניט. ערשטענס, איז אין פרץ'ס יארען די השכלה שוין געווען טויט: די אידישע אינטעליגענץ האט פאר־

לאָרען דעם גלויבען אין אירע אידעאַלען און זי אַליין האָט פאַרלאָרען איר ווירקונג אויפ'ן אידישען לעבען. צווייטענס, איז פּרץ שוין דאַמאָלס געווען א סך, אַ סך אַ ברייטערער מענש אַפילו פון די טיפזיניגסטע און ווייטבליקענדסטע משכילים. פּרץ איז שוין דאַמאָלס געווען אַ מאָדערנער מענש, אַן עכטער אייראָפּייער, אַ מענש מיט אַ ברייטען סאָציאַלען, כמעט סאָציאַליסטישען בליק אויפ'ן לעבען, אַן עסטעטיקער, אַ ליטעראַט אין אמת'ן זין פון וואָרט. ער האָט זיך פאַרנומען מיט ליטעראַטור ניט צופאַליג, נאָר זי איז ביי אים געווען אַ לעבענס־אַרבעט. איז כאָטש אין פּרץ'ן האָט נאָך געטליעט אַ קליין פייערל פון דער השכלה, איז ער דאָך אַרומגעגאַנגען איבער דער אידישער גאַס ווי אַ פּאָעט וואָס זאַפּט אין זיך איין דאָס אַרומיגע אידישע לעבען, זיינע רייכע, אָריגינעלע בילדער און פאַרבען.

דערפון וואָס פּרץ איז געווען אַזוי אייראָפּייאיש־היינט־וועלטיג אין זיינע ליטעראַרישע אידייען און מאַנירען, זיינען אַרויסגעקומען צוויי זאַכען: ערשטענס וואָס ער האָט שוין אין די אַכציגער יאָרען געשריבען אַזוי גוט, אַזוי פיין, מיט אַזאַ פיינער טעכניק. (דאָך אַזוי ווי פּרץ'ס שיין־שרייבעריי האָט דערגרייכט איר העכסטע מדרגה ערשט אין זיין צווייטער פּאַזע, וועל איך אויף דעמאָזיגען פונקט זיך דאָ לייגער ניט אָפּשטעלען). צווייטענס איז דערפון אַרויסגעקומען וואָס פּרץ האָט דער ערשטער אַריינגעפירט אין אונזער ליטעראַטור די רעאַליסטיש־נאַטוראַליסטישע שולע. פּרץ האָט דער ערשטער זיך גענומען גוט צוקוקען צו דער אידישער ווירקלאַכקייט, צום טאָגטעגלאַכען אידישען לעבען און אויסמאָלען עס ווי ווייט מעגלאַך ריכטיג, ד. ה. אַזוי ווי ער האָט עס געזען און געפונען, אויסמאָלען עס רואיק, געלאַסען, איינגעהאַלטען, פּינקטלאַך, כמעט ווי מיט אַ וויסענשאַפטלאַכער אַקוראַטנעקייט.

און ווייל אין דערזעלבער צייט איז פּרץ אויך אַרומגעגאַנגען אין דער אידישער גאַס ווי אַ פּאָעט און איינגעזאַפּט די לעבעדיקייט, די שיינקייט, די בילדלאַכקייט פון אידישען לעבען און ווייל דאָס לעבען אין דעם פאַל איז געווען פּויליש, וואָס דאָס הייסט גאָר באַזונדערס בילדלאַך און פאַרביג און ווייל דאָס פּויליש־אידישע לעבען איז ביז פּרץ'ן אין דער אידישער ליטעראַטור גאָרניט אָדער כמעט גאָרניט באַשריבען געוואָרען, האָבען מיר דאָ פּרץ'ס גרעסטען אויפטו פאַר דער אידישער ליטעראַטור מיט זיין ערשטער פּאַזע.

פּרץ איז דער מכשף פון פּוילען, פּרץ האָט פאַר אונז אויפגעכישופ'ט, אַנטפּלעקט פאַר אונז די גאַנצע שיינקייט און הערלאַכקייט פון דעם אידישען לעבען אין פּוילען.

איך האָב פריער געזאָגט, אַז פּרץ האָט דער ערשטער איינגעפירט דעם שטרייגען רעאַליזם אין דער אידישער ליטעראַטור. מער־ווייניגער זיינען אויך געגאַנגען מיט'ן וועג פון רעאַליזם שלום עליכם און מרדכי ספּעקטאָר, וועלכע האָבען אָנגעהויבען שרייבען אַ ביסעל פריער פון אים. אָבער זיי האָבען דאָך זייערע שילדערונגען, דערהויפּט אין יענער צייט, אַזוי אָפט באַ־

פאַרבט אָדער מיט די קאַלטלאַכע הוזק־טענער פון דער השכלה, אָדער, פאַרקערט, מיט די וואַרימלאַכע ניואַנסעז פון סענטימענטאַלער פאָלקס־ליבע. אַזאַ שטריינגע איינגעהאַלטענקייט און זעלבסט־באַהערשונג אין שרייבן, אַזאַ שטרעבונג איבערצוגעבן דעם ריינעם אמת וועגן די מענשען און זייערע פירונגען, דעם ריינעם אמת, מעג ער זיין ווי אומאַנגענעם און שניידערדיג, דאָס האָט ביז פרץ'ן אין דער אידישער ליטעראַטור נאָך קיינער ניט געטאָן.

אפילו פרץ טוט עס ניט אימער. די סענטימענטאַלע פאָלקס־ליבע איז דאַמאָלס געווען שטאַרק גאַנגבאַר אין דער רוסישער ליטעראַטור, וועלכע האָט געהאַט ניט קיין אומבאַטייטענדע ווירקונג אויף איר שכנה, דער אידישער ליטעראַטור. איז אויך פרץ אריינגעפאַלען אונטער דערדאָזיגער ווירקונג און דערפאַר האָבען מיר ביי אים אַזעלכע ניט־וויכטיג פאַרזיסטע זאַכען ווי „שלום בית“ אָדער „דער משולח“, וואו דער אידישער פאָלקס־מענש ווערט ניט ווייניג באַזונגען.

אָבער אַזעלכע זיסלאַכע דערציילונגען זיינען ביי פרץ'ן ניט פיל פאַראַן. געוויינטלאַך מאָלט ער דאָס לעבען גאַנץ אָביעקטיוו, און אויב ער דערלויבט זיך שוין יע ארויסצואווייזען זיין אייגענע באַציאונג צו די מענשען און די זיטען, איז עס גיכער פון אַלץ גאָר אַ באַציאונג פון מילדער איראָניע.

זייער כאַראַקטעריסטיש אין דער הינזיכט איז די קליינע דערציילונג מיט'ן נאָמען „מענדעל ברײנעס“. מענדעל האָט געגאָלטען אין זיין שטעטעל אלס שיינער בעל הבית און אַלע שטאָטלייט האָבען אויף אים געלייגט כבוד און זיין ווייב, בריינע, ניט נאָר האָט זי אויף אים געהאָרעוועט, נאָר זי האָט נאָך אים פאַרגעטערט. און פרץ מאָלט אויס מענדעל'ס לעבען — ער גייט שטענדיג מיט דער פושקעלע צונויפנעמען געלט אויף קהל'שע זאַכען — אין זיין שטייגער פאַרשטיין דאָס לעבען איז ער אַ נארישער בטלן, וואָס אויסער זיין שטעטעל וויים ער ניט וואָס אויף דער וועלט טוט זיך. קומט ממילא פון דער רואיק־געלאַסענער באַשרייבונג אַרויס, אַז מענדעל איז אַ רעכטער טויגעניכטס און אַן אמת'ער פאַראַזיט. נאָר פונדעסטוועגען קענט איר איבער אַזאַ מענשען ווי מענדעל בלויז שמייכלען, איר קענט אָבער אויף אים ניט אין כעס זיין. וואָרים קיין שלעכטער מענש איז ער ניט. פאַרקערט, ער באַזיצט אפילו אַ געוויסע איידעלקייט. ער איז אָבער אַ פּראָדוקט פון די אומשטאַנדען, אַ קינד פון די ארומיגע פירונגען.

ענלאַך נאַטור־טריי, בלויז מיט אַ גוט־מוטיגען הומאָר באַלויכטען, איז די דערציילונג מיט'ן נאָמען „די פאַרשאָלטענע ברוגים“, וואָס איז די שילדערונג פון דעם אָבערגלויבען פון'ם פּוילישען שטעטעל, איינגעפאַסט אין אַ ראַם פון טשיקאַווע זיטען און פיגורען. נאָכמער רעאַליסטיש־אָביעקטיוו, אפילו אָן איראָניע אָדער וועלכען ניט־איז פאַרלאַנג צו שפּאַסען, איז די דערציילונג „עלענד“. אַן אַלטער, אָרימער איינזאַמער מלמד דערציילט פון זיינע חתונות. (ער האָט זיי געהאַט גאַנצע זעקס) אָבער אין דער אונטערשטער שורה האָט ער ניט קיין קינד, ניט קיין רינד, ער האָט אויף אַנאמת'ן קוים

אויף א קורצער ווײַלע דעם טעם פון פאמיליען־גליק פארזוכט. איר ענדיגט די דערצײלונג, ניט הערענדיג פון שרײַבער אדער זײַן העלד קיין איין ווארט פון פארוואורף. עס בלײַבט דאך א געפיל פון פארדראס און באדויערען אויף אז ארים לעבען, וואס איז אוועקגערונען אן ליכט און אן ליבע.

בײַשפּילען פון פרץ׳ס רעאליזם וואלט מען געקענט ברענגען גאר א סך. אזעלכע זײַנען אײַנגעטלאך כמעט אלע זײַנע דערצײלונגען און בילדער פון יענע יארען. אבער ניט קענעדיג אויף דערדאזיגער זײַט פון פרץ׳ס שאפען לײַנגער זיך אפּשטעלען, וועל איך דא בלויז ציען די אויפמערקזאמ־קײַט פון לעזער אויף פרץ׳ס לאנגער סעריע „רײַזע בילדער“ פון יענער צײַט, א סעריע בילדער וואס זײַנען ווירקלאך אנטשטאנען נאך א לײַנגערער רײַזע צוליב סטאטיסטישע צוועקען וואס פרץ האט געמאכט איבער דער פּוילישער פּראווינץ. דידאזיגע בילדער מיט זײַער קורצקײַט, צוזאמענגע־פּרעסטקײַט, צוריקגעהאלטענקײַט און שטרײַנגער אביעקטיוויטעט האָ־בען ניט קיין פיל גלײַכען ניט בלויז אין דער אידישער ליטעראטור. דער שרײַבער מײַדט אוים אפילו די מינדסטע באצײַרונג, באפּוצונג, ער האלט די פאנטאזיע אײַן ווי מיט צוואנגען, דאך קומען ארוים לעבעדיגע מענש־לאכע געשטאלטלאך, דאך קומט ארוים א ברײַטע שילדערונג פון די זיטען, דאך לאזען די צווישענונגען איבער געוויסע געפילען אדער געפילכעלאך.

פיל מער ווי דער רעאליזם אליין דארף אונז אינטערעסירען דאס וואס דורך פרץ׳ס רעאליסטישע, ווי אויך דורך זײַנע מער מאראליזירענדע "זיל־דערונגען, הויבט זיך אויף אזוי ווי א שלײַער פון דעם פּויליש־אידישען לע־בען און מיר דערזען ווי פּראכטיג, ווי בילדלאך עס איז פון אידיש־פּאעטישען שטאנדפּונקט און ווי ווארים־אינטערעסאנט און רירענד עס איז אין רײַ־מענשלאכער הינזיכט. לײַענענדיג פרץ׳ס דערצײלונגען און בילדער פילען מיר אזוי ווי מיר וואלטען געשטאנען בײַם ברעג פון א ברײַטען און אפענעם ים און געזען זיך טראגען פאר אונז, הויך אין דער לופטען, מיט א זילבערנער נעץ באשירעמט, מיט גילדערנע נעגעלאך שימערירענד, א װאונדערלאכע, א צויבערלאכע פאטא מארגאנא.

און איר טראכט בײַ זיך: איז דאס דאס אידישע פּוילען? פאר וואס האב איך עס פריער ניט געוואוסט? פאר וואס איז דערפון גארניט דא אין דער אידישער היסטאריע? פאר וואס איז דערפון קיין שפּור ניטא אין דער אידישער און העברייאישער ליטעראטור?

ערשט פרץ, אליין א פּוילישער איד, מיט פּאעטישע אויגען, מיט א ווארימען אינטערעס פאר׳ן מענשלאכען לעבען אין אלע זײַנע מאניפעס־טאציעס, האט די גאנצע שײַנקײַט און הערלאכקײַט דערזען.

לײַענט איר פרץ׳ן און גײט פארבײַ בערג מיט אבערגלויבען („וואס איז נשמה?“, „די פארשאלטענע ברונים“). איר מוזט אבער אויפ׳ן סאמע אבערגלויבען קוקען מיט אנטציקונג, ווײַל ער איז אזוי בילדלאך רײַך, אזוי שיין, אזוי פּאעטיש. זעט איר מענשען ארימע, שוואכע, געטראטענע, שיר ניט שטומע („חתונה געהאט“ און „קלאץ געשיכטען“). דאך מוזט איר זיך

אין זיי ליבעפול ארײנלעבען, ווײל אין זיי לעבט אזא מין דארשט צו ליבע. אזא בײנקשאפט נאך פרייד, וועלכע מאכען זיי אזוי שיין. לייענט איר וועגען אזא ווייטער, אבסקוראנטער ווינקעל־נאטור ווי משה יאסעלעס („אז מען זאגט משוגע — גלויב“), ווערט איר דאך אנגעפילט מיט אנטציקונג פאר דעמדאזיגען היימיש־פוילישען אידען, ווײל ער פארמאגט אזוי פיל צארטקייט, אזא פיינע ארענטלאכקייט, אזא פריש־היימישע פאעזיע. און ווערט איר ארײנגעפירט אין פוילישען געסעל, אויף איר בית הקברות און אין איר קלייזעל („אייזיקל שעבטל“), אזוי שטייט איר גליקלאך נשתומם פון די פיל פארביגע געשטאלטען און מיט מענשלאכקייט פינקעלנדיגע סצענעס. ווידעראמאל אין דער משכיל׳יש־טענדענציעזער „וואס איז נשמה“, ווי מוזט איר דא פארכאפט ווערען פון די אריגינעלע האלב־קבלי׳סטישע מלמדים־געשטאלטען און ווי מוזט איר אנטציקט ווערען פון דעם שמעטערלינג־קאלירטען און ווי א שמעטערלינג לייכט־שוועבענדיגען אבערגלויבען וואס שוויבעלט און גריבעלט דא. און קומט איר פארביי נאריש־פארגלויבטע חסידים („פארצייל־טע מעשות“ און „הכנסת כלה“) און כאטש איר האלט ניט פון חסידות איז כאטש איר זייט דורך אייער גאנצער דערציאונג שטארק באאיינפלוסט כאי קעגען דעמדאזיגען גלויבען און כאי קעגען זיינע אנהייגער, מוזט איר דאך אנקוועלען פון דער פרישקייט, פון דער גאנצקייט, פון דער שיינקייט און אפילו פון דער שטארקייט פון זייערע נשמות.

דאס אלץ איז פוילען: דער פוילישער אבערגלויבען, די פוילישע זיטען, די פוילישע מענשען, די פוילישע חסידות, און ווי ניי און אריגינעל און בילדערהאפט פינקעלדיג דאס אלץ איז.

און דאס אלץ איז דאך דארט שוין פריער געווען, פונקט ווי עס איז געווען דער דאמף אויך פאר דער ערפינדונג פון דעם לאקאמאטיוו. נאר איז אבער דאס אלץ פריער אזוי ווי איז א צוגעדעקטען ברונים געווען פארשלאסען, ווי אין א פארשלייערטען גארטען געווען געהאנגען, ביז ס׳איז געקומען פרץ און האט ווי מיט א כישוף־שטעקעלע א מאך געטאן, האט זיך פון ברונים דער שטיינערנער דעק אראפגעקייקעלט, איז פון גארטען דער שלייער אראפגעשפרונגען און פאר אונז האט זיך די גאנצע הערלאכקייט און פראכט באוויזען. און דאס האט פרץ, דער מכשף פון פוילען, געטאן.

* * *

איך האב שוין דערמאנט פרץ׳ס א מעשה׳לע „דאס גלעזעל“. א פראסט גלעזעל, האט זיך עס געוואלגערט אויף דר׳ערד אין מיטען גאס און הונדערטער מענשען זיינען עס פארבייגעגאנגען און האבען זיך אויף דעם אפילו ניט אומגעקוקט. האט אבער דאס גלעזעל א מייסטער־שלייפער דערזעהן, האט ער עס געבראכט אהיים און ארומגעשליפען. האט דאס פראסטע גלעזעל אנגעהויבען פינקלען און שיינען ליכטיגער פון שענסטען דימענט.

אט אזא מין וואונדערלאכער שלייפער איז אונזער פרץ געווען. און אט אזא איז אין זיינע מייסטערלאכע הענט דאס אידישע ווארט, די אידישע ליטעראטור געווארען. אט אזוי האט פרץ, גאנץ אומגערן, מיט זיין דאזיגען מעשה׳לע זיך אליין צוגעטראפען.

אם מייסטען האט ער דערמיט צוגעטראפען יענע צענדליגע קליינע זאכען זיינע וועלכע ער האט טאקע אנגערופען מיט'ן נאמען מעשה'לאך. איך רייד איצט פון פרץ'ס פיל מעשה'לאך, וועלכע ער האט ספעציעל אנגערופען מיט אט דעם נאמען און וועלכע זיינען צומייסט ארויס פון זיין פעדער פון אנהויב ביז'ן סוף פון די נייַנציגער יארען (פון נייַנצענטען יארהונדערט), מייסטענטיילס אין דער צווישענצייט פון זיינע דערציילונגען און בילדער און זיינע חסידישע מעשות.

דאס איז פרץ'ס צווייטע פאזע, זיין צווייטע שאפונגס־זייט (הגם זי איז ניט אקוראט די צווייטע אין יארען), און ווירקלאך, גאר אנאנדער פרץ שטעלט זיך פאר אונז פאר אין דידאזיגע מעשה'לאך. ראשית, איז ער דא לחלוטין ניט קיין רעאליסט. ער האט דא ניט אין זינען די ווירקלאכקייט דעם אמת וועגען מענשען און זאכען ווי מען באגעגענט אים אין לעבען: מאלט ניט קיין בילדער פון קיין מענשען און זאכען. ער רעכענט זיך דא ניט מיט דער ווירקלאכקייט. זי אינטערעסירט אים איבערהויפט ניט. ער וויל דא קיין זאך ניט אויסמאלען, זיכער ניט ווי קיין מאלער. ער איז דא גאר מיט א כיוון אן אויסקלערער, אן אויספלעכטער פון פאנטאזיעס. און מער פון אלץ איז ער דא גאר אויסען ארויסצוברייגנען א געוויסען געדאנק, א געוויסע פילאזאפיע. מער ניט, כדי מענשען זאלען דעם געדאנק בעסער פארדייען, גרינגער און אנגענעמער איבערנעמען, האט ער פאר אים אויסגעקליבען א שיינע, פאעטישע פארמע. ער מאכט דא, הייסט עס, א קאמבינאציע פון פילאזאפיע מיט פאעזיע.

אין דער קריטיק (און אין דער היסטאריע פון דער אידישער ליטעראטור) הייסט פרץ אין אט דער צווייטער פאזע א סימבאליסט און דידאזיגע מעשה'לאך ווערען באצייכענט אלס סימבאליסטישע. מען מיינט דערמיט, קורץ גערעדט, דאס די כלומרשטע בילדער וואס מען באגעגענט אין דידאזיגע מעשה'לאך, זיינען ניט קיין בילדער, ניט קיין געשטאלטען און מען דארף ניט פארשטיין אז זיי **שטעלען מיט זיך** פאר זאכען אין דער ווירקלאכקייט, אין לעבען. ניין, מען דארף זיי אננעמען בלויז פאר **סימבאלען**, פאר בילדלאכע אנטייטונגען אדער אנצוהערענישען אויף זאכען אדער מענשען, ריכטיגער אויף געוויסע באגריפען אדער געדאנקען.

דער חילוק צווישען א בילד און א סימבאל איז אט דער: דאס בילד שטייט אנטקעגען עפעס וואס ענלאכעס צום בילד (אין דער ווירקלאכקייט), בשעת דער סימבאל קען נאר אנטייטען אויף דעם אומדירעקט: אין בילד איז דאס מאלען גופא א צוועק, דאס מאלען און דאס נאכמאכען די ווירקלאכקייט; אין סימבאל איז דא ווייניג מאלען, איז דער עיקר א צייכענען, וואס האט גאר דעם צוועק א געוויסען באגריף אדער געדאנק, פון קענטיקייט וועגען, צוליב דעם עס זאל גרינגער זיין זיי צו באנעמען — אנצוקליידען אין א בילדלאכער פארמע.

אט זיינען אפאר ביישפילען:

דער קרוציפיקס און דער צלם גיבען ביידע איבער וועגען יעזוסעס

מארטערטויט אין גאלגאטהא; דאך דער קרוציפיקס טוט עס דירעקט, ער מאלט יעזוס'עס מארטירער־טויט אויס, בשעת דער צלם טוט עס אומדירעקט, ער טייטעט אויף דעם בלויז אן: דער קרוציפיקס איז א בילד, דער צלם בלויז א סימבאל.

צוויי יונגע פרויען ביי הענריק איבסען: נארא פון דער „ליאלקע־שטוב" און הילדא פון „ארכיטעקטאר סאלנעס". מיט דער ערשטער האט ער מער־ווייניגער געצילט אין דער ווירקלאכקייט אריין, אוועקשטעלענדיג זי אקעגען דער אמת'ער פרוי, ווי די טאכטער פון א טאטען, דאס ווייב פון א מאן, די מוטער פון קינדער; אין דער צווייטער האט ער בלויז געוואלט פארקערפערען די באגריפען פון יוגענט און שטרעבען. איז נארא א בילד, בשעת הילדא איז בלויז א סימבאל.

אט פונקט אזעלכע סימבאלען זיינען די געשטאלטען, די פארשוינען, וועלכע פיגורירען אין פרץ'ס מעשה'לאך. מיר שטייען ניט אנטקעגען עפעס וואס איז פאראן אדער דארף זיין אין דער ווירקלאכקייט נאר זיי טייטען נאר אן אויף עפעס אנדערש. למשל, ווען פרץ רעדט („דער גולם") וועגען דעם פראגער גולם, מיינט ער גאר דערמיט די אידישע אמונה. און שילדערט ער (אין „העכט") פיש און פלאטקעס, מיינט ער גאר דערמיט די אלטע ציוניסטישע פירער און די אידישע מאסען. אין זיין „פרומע קאץ" איז גאר קיין קאץ ניטא, נאר, לאמיר זאגען, די צארישע רוסישע רעגירונג, בשעת די העלדען פון „אין גענוויזאכטס", די קליינע זומפ־ווערימלאך, זיינען, מישטיינס געזאגט, שיר ניט אלע מענשען און די אלטע שיך און שלורעס פון „מיסט חלומות" זיינען, במחילה, דאס אידישע פאלק און די צוויי צדדים פון דער „דין תורה", חנינא דער בעל־עגלה און זיין שקאפע, זיינען גאר — קאפיטאל און ארבעט.

ווי געזאגט, איז עס געווען אין אנהויב פון די ניינציגער יארען. דער סימבאליזם איז דאמאלס געווען א פרישע אינטערעסאנטע נייס אין דער וועלט־ליטעראטור, וועלכע האט גענומען געפאנגען פיל לענדער. איז אונזער פרץ אויך באצויבערט געווארען פון דער נייער ליטערארישער שולע און ער האט זי פארפלאנצט ביי אונז און אזוי שיין און מייסטערהאפט האט ער עס געטאן, דאס ער האט צו זיך געפונען פיל נאכפאלגער, אייניגע שוין אין יענע יארען, מער אבער אין די שפעטערדיגע יארען. און אזוי זען מיר דא ווידער פרץ'ן אלס דעם אנפירער פון א נייער שולע אין דער אידישער ליטעראטור.

אין זיינע מעשה'לאך איז פרץ א דיינקער, א פילאזאף־פאעט. ער דיינקט וועגען אלץ: וועגען לעבען און טויט, וועגען רעליגיע, וועגען דעם שיקזאל פון דער מענשהייט און פעלקער, וועגען די באציאונגען פון מענש צו מענש, וועגען דער לאגע פון דער פרוי, וועגען סאציאלע פראגעס, וועגען דער מענשלאכער נאטור און אירע שוואכקייטען און אייגענשאפטען. און ער דיינקט געוואגט און פריש און, צומייסט, טרויעריג.

אין זיינע מעשה'לאך איז פרץ א טרויעריגער פילאזאף, א פעסימיסט.

אויך דאָ קריטיקירט ער דאָס לעבן ווי אין זיינע „דערציילונגען און ביל־דער“, מיט'ן חילוק וואָס דאָרטען איז ער געשטאַנען אויף עפּעס, האָט ער געהאַט עפּעס אַ שטאַנדפּונקט פון וועלכען ער איז אַרויסגעגאַנגען און פאַר וועלכען ער האָט געקעמפט („די השכלה“), בשעת דאָ איז ער געהאַנגען אין דער לופטען, האָט אין קיין זאַך ניט געגלויבט, האָט ניט געהאַט פאַר וואָס צו קעמפען. און אַזוי, איז פּרץ פּעסימיסטיש בנוגע צו אַלץ און נאָך מער בנוגע דעם אידישען לעבען.

וואָרים, געווען איז עס, ווי געזאָגט, פּרי אין די ניינציגער יאָרען, ווען די השכלה — אין וועמעס נאָמען פּרץ האָט אַמאָל גערעדט — איז שוין געווען איינגאַנצען באַנקראָט און טויט. דער ציוניזם, וואָס איז געבוירען געוואָרען אויף די חורבות פון דער השכלה, איז דאַמאָלס געווען קליין, בית־מדרש'דיג און אָן זיין איצטיגער אייראָפּייאיש־פּאָליטיש־וויסענשאַפטלאַכער פיזיאָנאָמיע (כאָטש ס'איז אמת אַז פּרץ האָט אפילו שפּעטער אויך ניט אַרויסגעזאָגט זיך פאַר'ן ציוניזם). אויך דאָס וואָס מיר רופען היינט נאַציאָ־נאַליזם, — אונזער ליבע צום פאָלק און אונזער בלוטיגער קאַמף פאַר דער אידישער שפּראַך און קולטור, אונזער פּאָעטיש־פילאָזאָפישער אינטערעס אין דער אידישער רעליגיע — דאָס אַלץ איז אין די ערשטע ניינציגער יאָרען נאָך געלעגען אין די וויקעלאַך.

ניט האָבענדיג אַלזאָ קיין גלויבען (אויך אין אייראָפּע איז די צייט רייך געווען אין אומגלויבען און ספקות), ניט האָבענדיג וואָס צו פאַרטיידיגען צו די אידישע מאַסען, ניט האָבענדיג זיי וואָס צו לערנען און וואָס ביי זיי צו וועקען, איז נאַטירלאַך דאָס פּרץ'ס דאַמאָלסדיגע שריפטען זיינען אַזוי פול מיט פּעסימיזם.

בלויז ווען ניט ווען שלאָגט דאָ פּרץ אָן אַ טאָן פון האָפענונג, פון בטחון. אַזאַ זעלטענער פאַל איז דאָס מעשה'לע „ביים פאַקיר“. אַן אינדישער האַר, וועמען ס'איז נמאס געוואָרען דאָס לעבען אַרום און אַרום, דער שקר, די חניפה, דאָס בוקען זיך און בויגען זיך פאַר די הערשער, דאָס אַרומיגע אומ־רעכט, בעט ביי אַן אינדישען כישוף־מאַכער, ער זאָל אים פאַרשלעפערען אויף אַ סך יאָרען, ביזוואַנען אויף דער וועלט וועט פרייליכער ווערען. דער פאַקיר גייט איין, אָבער ער פרעגט: ווער וועט אים, דעם איינגע־שלעפערטען, אויפוועקען אין יענע יאָרען? ער, דער פאַקיר, וועט שוין לאַנג זיין טויט. אָבער דער האַר זאָרגט זיך דערפאַר גאָרניט, זאָל נאַר, זאָגט ער, יענע ליכטיגע צייט קומען; איר גייסט אַליין, דער צייט־גייסט, וועט אים שוין אויפוועקען.

אַזעלכע בטחון־טענער זיינען אָבער זייער, זייער זעלטען אין די מעשה'־לאַך. די מייסטע זיינען טענער פון ביטערסטער סאַטירע, פון האָפענונגס־לאָזיקייט, פון פּעסימיזם און יאוש.

אַזוי איז ביי פּרץ'ן דער ציוניזם (די אַלטע חבת ציון אין „העכט“ און אויך דער נייער אין „ביי די פרעש צו גאַסט“) אָדער אַ נאַרישקייט און אַ ליגען אָדער אַ קליינלאַך־שימעלדיגע זאַך. דאָס אידישע פאָלק איז אומהייל־

באַר צעריסען און צעפּיצעלט אַן כוח זיך צוריק צונויפצונעמען („מיסט חלומות“) און די אידישע רעליגיע איז אַן אָפּגעלעבטע, אַ פאַרגליווערטע זאַך, וואָס ווערט אַלץ מער פאַרוואַקסען מיט שפּינוועבס. און וואָס זיינען די העכסטע געזעלשאַפטלאַכע אידעאַלען? וואָס איז אפילו דער סאָציאַליזם? ס'איז אויך נאָר אַ פראַגע פון מאַכט: דער מאַכטיגער היינט דריקט דעם וואָס איז היינט שוואַך און וועט זיך דאָס רעדעל איבערדרייען, און די איצט שוואַכע וועלען שטאַרק ווערען, וועט בלויז זיין פאַרקערט („דער דין תורה“).

און די אידעאַליסטען אַליין און די באַציִאונג פון די מענשען צו עפּעס אידעאַלעס, נייעס, אָריגינעלעס, געוואַגטעס? אַט האָט דער פּרוש („דער פּרוש מיט'ן בער“) שוין דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז ער האָט דעם בער אויס־געלערענט, „אויסגעמענשעלט“, אָבער ווען ער האָט די מדרגה דערגרייכט, איז ער אַליין שוין ניט ווייניג פאַרבערישט געוואָרען. און ווען („אין משיח'ס צייטען“) עס באַוויזט זיך אַ קינד מיט פליגלען, איז אַנשטאָט וואָס די מענ־שען זאָלען זיך דערפרייען, וואָס דער נייער מענש וועט קענען פליען אין די הימלען, זיינען זיי גאָר דערשלאָגען: דער טענה'ט, אין הימעל איז ניטאָ וואָס צו עסען; דער, אַז ס'איז דאָרט ניטאָ קיין וועג, קיין שטעג: אַ דריטע, אַז דער מוהל וועט אַזאַ קינד ניט וועלען מל זיין.

און אַזוי גייט עס כסדר: די פרוי („די רויז“) וואָס איז אַזאַ וואונדער־לאַך שיין ווען ווי נוצט זי די מענשהייט אויס? אויף צופרידענצושטע־לען די געזעלשאַפטלאַכע שיכרות. די מענשען זיינען קליינזעליג, מיט די קלענסטע השגות, מיינען אַז די גאַנצע וועלט הויבט זיך אָן מיט זיי און ענדיגט זיך מיט זיי („אין געמויזאכטס“).

די מענשען זיינען אונטערטעניג, אַנגעשראָקען („לאָמפּען־מוסר“), קענען קיין קריטיק ניט פאַרטראָגען („חוזק“), זיינען די קנעכט פון אָפיציעלען שטעמפּעל, פון דער אָפיציאַליטעט („אַ קעלבערנער קל וחומר“). און דער גאַנצער מענש, דאָס גאַנצע לעבען? דאָס איז בלויז אַ באַל וואָס ווערט פון עפּעס אַ געהיימניספולער האַנט אַריינגעשליידערט אין דער וועלט. („דריי מאָל גערופען“). מיר קומען אויף דער וועלט און שטייגען אויפ'ן לע־בענס־לייטער אַן ווילען און קעגען אונזער ווילען זעצען מיר פאָרט אונזער וועלט־גאַנג און קעגען אונזער ווילען גייען מיר פון דער וועלט אוועק.

דאָס זיינען די געדאַנקען פון פרץ'ס מעשה'לאַך און אויסגעדריקט זיי־נען זיי אין אַזאַ מייסטערהאַפטער, וואונדערלאַכער פאָרמע, מיט אַזאַ שיל־דערונגס־קראַפט, מיט אַזאַ קורצקייט, שאַרפקייט, מיט אַזאַ חלפים־שאַרפער, בליציגער שפּראַך, מיט אַזאַ עקאָנאָמיע פון כוחות, מיט אַזאַ קונציגער אויסשטעלונג און צוזאַמענשטעלונג פון די טיילען, אַז ניט נאָר פאַרדינט דאָ פרץ דעם נאָמען „וואונדערלאַכער שלייפער“, נאָר ער איז דאָ טאַקע איינער פון די פיינסטע (אַחוץ וואָס ער איז אויך איינער פון די טיפסטע) סימבאָלישע שרייבער סאַי ביי אונז אידען און סאַי ביי אַנדערע.

פרץ האָט לאַנג געאַרבעט ביז ער האָט דערגרייכט זיין פולקאָמענהייט אַלס סימבאָליסט. ער האָט לאַנג, נאָך אין יענע יאָרען, ווען ער האָט געשריבען

זיינע רעאַליסטישע דערציילונגען און בילדער, אַפּט אויסגעפּרואוווט זיין פּען אויף אַנדערע, סימבאָליש־ענלאַכע פאָרמעס פון ליטעראַטור. למשל, זיין באַרימטע סאַטירע אויף דער רעליגיע, „די שטריימעל", באַטש ניט קיין סימבאָליש מעשה'לע, איז עס אָבער אַן אַלעגאָריע, וואָס איז גאַנץ ענלאַך צום סימבאָלישען מעשה'לע. דאָסזעלבע איז מיט דער סאָציאַלער אַלעגאָריע „באַנטשע שוויינ", בשעת די „קלאַץ־געשיכטען" איז פּשוט אַ צוזאַמענבינדונג פון אַ סקיצע מיט אַ סימבאָליש מעשה'לע.

און אַזוי האָט פּרץ, דורך לאַנגער שולונג, וואונדערבאַר זיך ספּעציאַליזירט אַלס שרייבער פון סימבאָלישע מעשה'לאַך. די קורצקייט און צוזאַמענגעפּרעסטקייט פון, למשל, „לאַמפּען־מוסר" און „אַ דין תורה", זיינען אַ מוסטער פון זאָגען אַ סך אין אַזאַ געשליפענעם ווייניג. די שניידענדיגע שאַרפקייט פון „חוזק" און „כל בו" זיינען וואונדערבאַרעביישפּילען פון פעפערדיגוויציגער סאַטירע און גלאַנציג־געפליגעלטער איראָניע. בשעת „משיח'ס צייטען" איז אַזוי בילדערהאַפט־פּאָעטיש און „דריי מאָל געראופען" איז געשריבען מיט אַזאַ רייך־שוועבענדיגער פאַנטאַסטיק, אַז מען מעג זיי אַרויסשטעלען צווישען די סאַמע פּראַכטיגע ביישפּילען פון פּאָעזיע אין פּראָזע.

נאָר אפשר דאָס אָריגינעלסטע אין אַ סך פון פּרץ'ס מעשה'לאַך איז זייער טעכניק, זייער אויסשטעלונג. פּרץ האָט ביז אַ געוויסען גראַד, אַן אייגענע טעכניק. ער עקאָנאָמיזירט זיינע כוחות, ער האַלט אין רעזערוו זיין ענערגיע, ער לאָזט זיין געדאַנק, זיין ווירקונג לאַנגזאַם אויסוואַקסען, לאַנגזאַם אָנוואַקסען אויפ'ן לעזער. און דאַן, קומענדיג צום סאַמע סוף, ווען דער לעזער פאַרדעכטיגט שוין כמעט קיין זאַך מער ניט, שיסט ער אויף אים אויס זיין שטאַרקסטען קנאַל, זיין שטאַרקסטען עפעקט, אַזוי דאָס דער לעזער בלייבט ווי געפּלעפט, איינגאַנצען אונטער דעם שרייבער'ס ווירקונג, איינגאַנצען פאַרטרונקען פון זיין געדאַנק אָדער שטימונג.

שוין אין איינינע דערציילונגען און בילדער האָט פּרץ פאַרשטאַנען ווי צו רעזערווירען זיין שטאַרקסטען עפעקט פאַר'ן סאַמע שלום. („אַז מען זאָגט משוגע — גלויב", „אין פּאָסטוואָגען"). דאָך צו דער גרעסטער פולקאָמענהייט האָט ער דידאָזיגע ספּעציעלע עפעקטפולע טעכניק זיינע געבראַכט ערשט אין זיינע מעשה'לאַך.

אויף אַזאַ אופן איז געשריבען דער „גולם", „משיח'ס צייטען" „דריי מאָל געראופען", א. א. וו.

אַזוי שרייבט פּרץ, דער וואונדערלאַכער שלייפער פון דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור זיינע סימבאָליסטישע מעשה'לאַך.

(פראַגעס און דערמאָנונגען: — נוצענדיג דאָס וואָרט נאַטוראַליזם איז זיין פון אומבאַפּוצטער נאַטור — אויף וועלכע פון פּרץ'ס זאַכען פּאַסט עס זיך אַמריכטיגסטען? — פּרואווט דערקלערען, ווי אַזוי קען אַ מענש אַ ראַציאָנאַליסט, אַ פריידיינקער דאָך אַנטציקט ווערען פון אָבערגלויבען? — וואָס איז די ספּעציעלע טעכניק פון „אַז מען זאָגט משוגע — גלויב"? —

פאַר וואָס האָט דאָ פּרץ ניט געלאָזט משה יאָסעלעס ריידען פאַר זיך אַליין, ווי ער טוט מיט סענדער'ן אין „עלענד" ? — אין וועלכער הינזיכט לאָזט זיך „פיר דורות — פיר צוואות" פאַרבינדען מיט די מעשה'לאַך ? — אויף וואָס צילט פּרץ אין „פּרינצעסין קונינגונדאַ און פּרינץ פּראַש" ? — פאָרמולירט אייך אַליין דעם חילוק צווישען אַ בילד און אַ סימבאָל.)

דריטע לעקציע : — פּרץ'ס חסידות און חסידישע מעשה'לאַך. — די פאָלקסטימלאַכע געשיכטען. — פּרץ'ס דראַמעס.

(לייענען : פּרץ : „חסידיש", באַנד זעקס, „פאָלקסטימלאַכע געשיכטען", באַנד זיבען, און „דראַמאַטישע ווערק", באַנד ניין, פאַרלאַג אידיש ; אַ ליטווין : „פּרץ דער דיכטער פון דער אידישער לעגענדע", „די צוקונפט", מאַי, 1915 : פּראָפעסאָר שעכטער'ס עסיי איבער חסידיזם, אין זיין ווערק “Studies in Judaism” ערשטער באַנד.)

צוקומענדיג איצט צו פּרץ'ס חסידישע מעשות, וועלכע האָבען איבער אונז געוואונען די הייסעסטע ליבע און געבראַכט אים די גרעסטע באַרימטקייט און געצוואונגען אפילו זיינע ביטערסטע קריטיקער צו אָנדערקענען זיין גרויסען מהות, מוזען מיר זיך צוערשט שטעלען די פראַגע, ווי אַזוי באַצייכענט מען אים. וואָרים דאָ איז ער ניט נאָר „דער מכשף פון פוילען" און אויך ניט בלויז „דער וואונדער־שלייפער". ער איז דאָ די ביידע אָבער נאָך פיל, פיל מער, פיל העכער.

די יונגע אידישע ליטעראַטען וואָס פלעגען „משמש" זיין פּרץ'ן האָבען אים גאַנץ אָפט גערופען, אַמאָל מיט גליקלאַכער לוסטיקייט אָבער מייסטענטיילס מיט טיפער ליבשאַפט — „אונזער רבי". אפשר איז כדאי צו באַרגען דעמדאָזיגען טערמין ביי פּרץ'ס תלמידים, מאָדיפיצירענדיג אים בלויז אויף „בעל שם".

און ווירקלאַך, פּרץ איז פאַר דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור און דער מאָדערנער אידישער יוגענט אַזאַ רבי אַז אַ בעל שם געוועזן. ער האָט די מאָדערנע אידישע ליטעראַטור באַשאַפען. ער האָט דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור איר פייערלאַכען אידישען ראָמאַנטיזם געגעבען, ער האָט פאַר איר מיט זיינע באַשווערונגען און שמות איר הויכע גייסטיקייט, איר מיסטיציזם אַראָפּגעבראַכט. און דער מאָדערנער אידישער יוגענט האָט ער אַ גלויבען געגעבען, אויפוועקענדיג אין איר דעם חוש פון איר אַנגעהעפטקייט אָן דעם אַלטען שטאַם, פאַנאַנדערדירענדיג איר באַוואוסטזיין, דאָס זי טרינקט פון די אַלטע זאַפטען.

ניט האבענדיג קיין פולשטענדיגע ביאגראפיע פון פרץ'ן איז ניט גרינג אנצואווייזען, פאר וואס גראד האט פרץ נאך באלד צוואנציג יאר שרייבען, פלוצים זיך גענומען די חסידות, אירע באשאפער און טרעגער שילדערען, זיי באזינגען און פארהערלאכען. מעגלאך אז דאס איז פון דעם „צייט־גייסט" געקומען. דאס איז, אין דער וועלט־ליטעראטור, א צייט פון גאט־זוכעניש, פון גייסטיקייט, פון מיסטיציזם געווען, די צייט פון ביערנסאנ'ס „איבער אונזער קראפט", פון מעטערלינקס פיעסען, פון אנדרעיעוו'ס דערציילונגען. אבער גיכער פון אלץ איז עס געקומען פון דער גרויסער נאציאנאל־רעוואלוציאנערער אידישער דערוואכונג פון סוף לעצטען יארהונדערט, וועמענס סימנים זיינען, פון איין זייט, דר. הערצל'ס „יודענשטאאט" און דער באזעלער קאנגרעס און, פון דער אנדער זייט, די געבורט פון „אידישען ארבעטער בונד". איז עס דען א צופאל וואס גראד זיין נייסטע אנטפלעקונג האט פרץ געהאט אין דעם ציוניסטישען „יוד"? מיד פון זיין באדענלאזיגקייט, מיד פון זיין פעסימיזם, זוכענדיג א גלויבען, ביינקענדיג נאך א נענטערער באהעפטונג צום אידישען שורש, דערפילענדיג אין זיינע אייגענע ביינער דעם נייעם צווילינג־ציטער פון נאציאנאליזם און דעמאקראטיע וואס האט די קראפטיגסטע אידישע עלעמענטען אויפגעטרייסעלט, האט פרץ זיך צו דער גרויסער חסידות־עפאכע פון דער אידישער היסטאריע געווענדעט און פון איר ריזען־געשטאלטען פאר גייסטיגע מוסטערען און א הויכען עקסטאז פאר א טרייסט און א דערקוויקונג ארויסגעצויבערט.

פרץ האט ביי אונז דער ערשטער בעלעטריסטיש, א רעוויזיע פון חסידיזם דורכגעפירט, א רעוויזיע, אן אפלייקענונג און א פארווארפונג פון דער השכלה'שער פארליימדונג און באזידלונג פון יענער וואונדערלאכער דערוואכונג פון פאלק און גלויבען. און גאר ניט צופאליג איז פרץ'ס רעוויזיע אין דעמדאזיגען מאמענט געקומען. איז עס דאך געווען דער מאמענט, ווען די השכלה איז אינגאנצען פון וועג אפגעראמט געווארען, מאכענדיג פלאץ פאר'ן נאציאנאליזם, איז עס דאך געווען נאכדעם ווי אייניגע (צווייפעל, בערדיטשעווסקי, א. א. וו.) האבען אין דער העברייאישער פובליציסטיק די פאדערונג פון דער רעוויזיע שוין געהאט אויפגעהויבען.

פרץ'ס חסידות איז אויף קיין פאל ניט געווען קעגען דעם גייסט פון דער צייט, קעגען זיין אייגענעם פרייזין. ניט צוליב זיין פארמע פריידיגט פרץ דעם חסידיזם נאר צוליב זיין תוך און זיין תוך — צי איז ער ניט אל־מענשלאך, צי איז ער ניט אל־צייטיג? איז עס דאך די פארהערליכונג פון געדאנק און געפיל, איז עס דאך ברידערלאכקייט און די פארברידערונג פון אלע מענשען, איז עס דאך דער רעוואלט פון פרישען געפיל, פון ריינעם אימפולס, פון ריינער כונה און דבקות קעגען דעם פארמאליזם, קעגען דעם פארטריקענטען, פארגליווערטען שאבלאן. איז עס דאך די פראקלאמירונג פון האפענונג קעגען יאוש, פון שמחה און אפטימיזם קעגען עצבות און פארלארענקייט, פון לעבענס־פרייד קעגען אסקעטיציזם, פון דעם מענשענ'ס לע־

בעדיג־באוואוסטזיניגער אנגעהעפטקייט אן דעם אלוועלט קעגעז זיין טרויעריג־איינזאמער איזאלירטקייט.

ניט בלויז פון אלטע חסידישע ספרים־לאך און מעשות האט פרץ זיין נייע רעליגיעז־פילאזאפיש־ליטעראַרישע תורה געשעפט. ער האט זי אויך ארויסגעלייענט פון זיין אייגענער און זיין אייראפּייאיש־צייט־געגנאסענשאפטלאכער ביינקשאפט. און אזוי האט פרץ אין זיין „גאלדענער קייט" א וואונדער־זוכעניש, ווי אין ביערנסאנ'ס „איבער אונזער קראפט", א נס־און וועלט־תיקון־זוכעניש ווי אין אנדרעיעוו'ס „וואסילי פיוועיסקי", אין יוחנן מלמד'ס „ווער עס גיט צום לעבעז" און „וואס אמאל ווייניגער", א פארמילדערונג און פארלייקענונג פון טויט ווי אין הויפּטמאנ'ס „האנעלע" און א באווייגען פון דעם מאדערנעם מענשענ'ס דערדריקטקייט פון זיין אייגענער ציוויליזאציע געלאזט פארשאלען. און עס האט אים ניט אפגעשטעלט דער ספק צי האבען די פארצייטיגע הביים און חסידים אזוינס טאקע געטראכט, געאנט. איז דאך פרץ'ס אויער קיינמאל ניט געווען צוגעבויערט צום קאסיאק פון דעם רעאליזם. און אין זיינע חסידישע מעשות איז ער דאך בפירוש א ראמאנטיקער געווען, באשאפענדיג צום ערשטען מאל אין דער פראזע דעם אידישען ראמאנטיזם, — א ראמאנטיזם פון שעפען באגייסטערונג פון אידישען עבר, פון פריילאזען די אידישע פאנטאזיע.

לאמיר פרואווען דורכגיין איינינע פון פרץ'ס חסידישע מעשות און בעסער באנעמען זייער לערע, זייער ווארט צו אונז אידען און אונז מאדערנע מענשען.

פרץ'ס ערשטע באוואוסטזיניגע חסידיש־ראמאנטישע (אנדערש פון דער אגב־אורחא'דיגער באהאנדלונג פון חסידות אמאל אין „פארציילטע מעשות" אדער „הכנסת כלה") מעשה איז געווען „אויב ניט נאך העכער", וואס איז ערשינען אין „יוד", ביים סאמע ראנד פון פארגייענדיגען נייצענטען יארהונדערט. די דאזיגע מעשה וועגען דעם רבי'ן, וואס שטייגט ארויף אפשר נאך העכער ווי אין הימעל דורך זיין גרויסער מענשענליבע און זיין איידעל־הארציג־פשוטער הילף צו מענשען, איז געווען אזוי ווי דער סיגנאל, די בשורה פון פרץ'ס נייער פאזע. באלד דערנאך איז געקומען „צווישען צוויי בערג", יענע מייסטערהאפט־מאלערישע דארלייגונג פון'ם חילוק צווישען דער חסידישער און מתנגדישער תורה (א תורה פון פרייד, פון לעבעדיגער מענשלאכקייט קעגען א פארטריקענטען דאגמאטיזם און קאפ־גימנאסטיק), פונ'ם חילוק צווישען דער באציאונג צו מענשען פון גייסטיגען אריסטאקראט און גייסטיגען דעמאקראט. עס איז געקומען „א גלגול פון א ניגון" וואס איז די אלט־מיסטיש־חסידישע פארהערלאכונג פון מוזיק און דער אלטער אפטימיסטישער גלויבען אינ'ם תיקון העולם און אינ'ם תיקון פון דער מענשלאכער נשמה. און עס זיינען געקומען די קליינע זאכען ווי „א שמועס", וואס איז אי אן אזהרה קעגען אסקעטיציזם, אי א שטריינגער אנזאג קעגען נקמה און „שהשמחה במעונו", וואס איז א פארהערלאכונג פונ'ם צדיק, פונ'ם גרויסען מענשען, פון דער הויכער נשמה. און עס איז געקומען די אלט־מוטעריש ליב־

לאַבע סעריע פון יוחנן מלמד, מיט איר ווײ־געשרײ קענען דעם מעשה ידיו פון דער מאָדערנער ציוויליזירטער מענשהײט, וואָס דערשטיקט און פאַר־ניכטעט זי. און עס איז געקומען דאָס הערלאַך־דערהויבענע „משנת חסידים“, וואָס איז אַ מין קווינטעסענץ פון דער חסידישער תורה פון דינען גאָט מתוך שמחה און פון דער הימעל־הויכער ראַליע פון דער דערהויבענער נשמה.

און ניט נאָר אידיש־ראָמאַנטיש אין אינהאַלט זײנען פּרץ׳ס חסידישע מעשׂות נאָר זײ זײנען אויך אידישלאַך אין זײער טעכניק. עס איז גאָר אַ נײ אופן פון שרײבען. זיצט דאָך ניט קײן שריפטשטעלער פאַר אונז, נאָר אַ חסידישער חוזר, וואָס דערצײלט נאָך זײן רבינ׳ס אַ מעשה („שהשמחה במעונו“), וואָרים ניט קײן שילדערונג הערען מיר דאָ נאָר אַ טיש־אָדער הינטער־אויוועז שמועס. און אין יוחנן דעם מלמד׳ס מעשהלאַך, צי קלינגט ניט זײער סגנון אַזוי ווי פון אַן אַלט־אַלטער געשיכטע, פון אַן אַלט־אַלט אידישען ספר׳ל אַרויסגעלײענט? און אין „אַ גלגול פון אַ ניגון“, צי איז עס ניט אַן אָריגינעלע, אַ מזרח־לאַנדישע קײטלונג און פלעכטונג טאַקע אַזוי ווי די מדרגות פון אַ גלגול וואָס קײקלען זיך אַרום אײן נשמה?

פון די חסידישע מעשׂות ביז די „פאָלקסטימלאַכע געשיכטען“ איז בלויז אַ שריט, און ווירקלאַך זײ זײנען אַזוי נאָענט אײנע צו די צווייטע דאָס זײ גיסען זיך באַלד צונויף אין אײן שטראָם, פונקט ווי זײ האָבען זיך גאַנץ אײנג געגרעניצט אין צײט. און עס איז באמת שווער — אחוץ בלויז מיט אײניגע שטריכען פון איר טעכניק — אָפּצוטײלען די „דער בעל שם פירט אוים אַ שידוך“, וואָס מוז כראָנאָלאָגיש קלאַסיפיצירט ווערען צווישען די „פאָלקסטימלאַכע געשיכטען“, פון די חסידישע מעשׂות. די חסידישע מעשׂות שטעלען מיט זיך פאָר פּרץ׳ס דריטע פּאָזע — די ראָמאַנטישע. דאַגעגען, ווי־לען מיר די „פאָלקסטימלאַכע געשיכטען“ קלאַסיפיצירען אַלס פּרץ׳ס אַ פערטע פּאָזע, קענען מיר עס הויפּטזאַכלאַך טאָן נאָר אויפ׳ן גרונט פון זײער נאָך טיפערען ראָמאַנטיזם, אויפ׳ן גרונט פון זײער גײסטערהאַפטער געלײטערט־קײט (רעדט דאָך דער נײ־ראָמאַנטישער פראַנצויזישער פּאָעט פּאָול ווער־לען פון אַ שטימע וואָס איז אַזוי געאײדעלט און געלײטערט דאָס זי ווערט דער גײסט פון אַ שטימע), פון זײער קנוט האַמסונישער צאַרטער ציטערדיג־קײט, פון זײער דעליקאַט־בלישצענדער נעבעל־דינקײט. אינהאַלטלאַך קע־נען מיר די „פאָלקסטימלאַכע געשיכטען“ נאָר קלאַסיפיצירען ווי אַ ווײ־טערע פּאָזע, ווי אַ ווײטערע מדרגה פון פּרץ׳ס חסידות — די קדושה פון חסידישען פאָלק ווערט אויסגעשפּרײט אויפ׳ן גאַנצען אידישען פאָלק — אויסערלאַך, ווי אַ שאַפונג אין נײ־ראָמאַנטישען סטיל.

עס איז בלי ספק דאָס פײנסטע פון פּרץ׳ס שאַפען, זײן העכסטע דער־הויבונג. אויב פּרץ איז קודם כל אַן אינטעלעקטועלער דיכטער, האָט ער אָבער דאָ זײן געדאַנקען־פּאָעזיע אַזוי טיף אין בײנקשאַפט געטובל׳ט, אַזוי צאַרט זי דורכגעווײקט מיט׳ן זאַפט פון זײן שײנקײטס־דאָרשט דאָס זי ווערט דער מוסטער פון פּײן־שרײבען, דער תיקון פון געדאַנקען־פּאָעזיע, איר דערהויבונג

שייך ניט צו דער סאמע הויך פון דער פאעזיע פון טעמפעראמענט, פון לעבענס־פרייד, פון פריידיגער נשמה־צוזאמענגיסונג מיט דער נשמה פון דער וועלט.

וואס פאר א פיינער ליריזם, וואס פאר א הויכער עקסטאז אין דער אידישער יום טוב ביינקשאפט פון א פארוואָרפענער נשמה אין „ס'אי גוט“; וואס פאר א פריש־דערקוויקענדיגער טאן אין „זיבען גוטע יאר“; וואס פאר אן עכט צדיק'ישע הייליקייט אין „אן אפקומעניש“; וואס פאר אן „אויסטערלישע“ פרומקייט און אמת ארטיסטישע ליבע צו געוויסע אפגעצייכענטע, איידעלע מצוות אין די „דריי מתנות“; וואס פאר א פיינע, דורך זוניגע טרערען דורכגעלויכטענע צניעות אין „אראפגעלאזטע אויגען“.

און ווידעראמאל און נאך שטארקער און איידעלער האבען מיר דא דעם טרייסט פון די חסידישע מעשות — דעם טרייסט פון ווי רייך און שיין און איידעל און דערהאבען די אידישקייט, דער אידישער גלויבען, די אידישע מאראל האבען געמוזט זיין, דאס זיי האבען פון זיך אזעלכע מענשען געקענט אויסקנעטען. און דאס זיינען דאך ניט קיין גוטע אידען, ניט קיין לומדים, ניט קיין פרנסים, נאר פשוט'ע קינדער פון פאלק, פשוט'ע ווייבער, צארטע קינדער, שטומע נשמות, די פשוט־טונקעלע אידישע פאלקס־מאסע.

דאס האט פרץ, ווידעראמאל ווי א צויבער־מייסטער, דעם גאלד און קריסטאל פון אלטע אידישע ספרים'לאך, פון פארצייטיגע אידישע פאלקס־מעשות צונויפגענומען און עס דעליקאט און צארט מיט קונציגע האמערלאך און דלאטעס אין וואונדערלאכע אריענטאלישע פיגורען און גרופעס אויסגעשלאגן. אויסגעשלאגן און אויסגעקלאפט לויט דעם מוסטער פון יענע אנטיקע ספרים'לאך און פארצייטיגע מעשה'לאך. ווארים דא, נאך מער ווי אין די חסידישע מעשות, איז די טעכניק גאר ניט אייראפייאיש, איז א היבש ביסעל אידישלאך־אייגענארטיג. הערען מיר אין די „דריי קיבלאך“ און אין „דער בעל שם פירט אוים א שידוך“ טענער פון איוב, כאפען מיר אין „מסירת נפש“ דעם מדרש'דיגען טאן פון אלט־אלטע לשון קודש'דיגע ספרים'לאך.

* * *

פרץ'ס דראמעס, וועלכע זיינען געקומען אין פארלויף פון פיל יארען, און וואס פיל פון זיי זיינען בלויז א באארבייטונג פון זיינע סקיצעס און נאוועלעס, שטעלען בדרך כלל מיט זיך ניט פאר עפעס באזונדערעס, ווירקלאך נייעס אין זיין שרייבערשער קאריערע, אחוץ נאר אין דער הינזיכט פון שולע און טעכניק.

די בעסטע פון פרץ'ס איינ־אקטערס „שוועסטער“ איז א קראפטיג רעאליסטיש ווערק אין גייסט פון מערערע פון זיינע סקיצעס, וואו דער גרונטמאטיוו איז דאס רייסען זיך צום לעבען און פרייד פון דער ארימער יוגענט, וועלכע, אזוי ווי אלע און דערהויפט נאך ווייל זי איז ארים, מוז פאר איר פרייד און געָנוס באצאלען מיט די אומפארמיידלאכע פאלגען. די וויכטיגסטע פון פרץ'ס גרויסע דראמעס זיינען „די גאלדענע קייט“ און „ביינאכט אויפ'ן אלטען מארק“. די ערשטע, וואס איז אגב אורחא א גלגול פון אן אל־

טער פיעסע מיט'ן נאמען „דער נסיון" און איז מיט'ן גרויסען חילוק צווישען די צוויי פיעסען, א שטארק ביישפיל פון פרץ'ס געענדערטען קוק אויף דער חסידות, איז חסידיש־מענשלאך. ר' שלמה, א פארצייטיגער גוטער איד, איז א הויכע משיח־נאטור, וואס זוכט מתקן צו זיין די וועלט דורך מאכען א סוף צו מענשלאך ליידען און פארקלינגען איבער איר דעם גרויסען שבת. און ער איז צוליב דעם גרייט אפילו ארויס אין קאמף קעגען גאט אליין; ר' משה, א מאדערנער צווייפלענדער גוטער איד, דערוועגט זיך אין זיין פארצווייפלונג צו פרואווען גאט און ארויסרייסען פון אים א נס. וואס זאל כאטש אויסהיילען די יסורים פון זיינע נאענטסטע.

דער ערשטער אקט פון דער „גאלדענער קייט" איז צוליב ר' שלמה'ס הויכען אויפטריט א גראנדיעזע דראמאטישע פאעמע, וועמעס עפעקט ווערט נאך מער פארשטארקט דורך די ניי־ראמאנטישע (אימפרעסיאניסטיש־מוזיקאלישע מיטלען) וואס דער דראמאטורג ווענדט אן אנצוציבערען אויפ'ן צוקוקער די הויכע שטימונג פון דער הויכער אומרואיקייט פון טראגיש־הויכער ערווארטונג.

„ביינאכט אויפ'ן אלטען מארק" איז שוין א מער סימבאליסטישע און מער פעסימיסטישע דראמע. עס איז א טרויעריגע אפשאצונג און אפמעסטונג פון דעם מאדערן אידישען לעבען. עס איז א טרויער, וואס ווערט נאך טרויעריגער דורך דער שניידענדיגער איראניע, דורך דעם גאליגען גאלגאן־הומאר וואס פרץ צעשפרייט דא ניט געזשאלעוועט ארום און ארום. עס איז דער באזונדערער ביטערער, פאראדאקסאלער, דער מיט אמת'ע און מיט גלעזערנע טרערען וויינענדיגער לאך פון דעם גראטעסק־שפיל. ווארים וואס קען דען זיין וויינענדיג־לאכענדיגער, הפקר'דיגער, אין א הומאר וואס פארגייט זיך אין א שלוכצען, ווי ארויספירען א עדה מתים אויף דער סצענע און הייסען זיי טויטערהייט ווידעראמאל אפטאנצען דעם נאריש־קליינלאכען טאנץ פון לעבען — טויטערהייט ליבען, טויטערהייט האסען, טויטערהייט נאשען, טויטערהייט זינדיגען?

פרץ'ס דריי־אקטיגע דראמע „אין פאליש אויפ'ן קייט" איז אלטלאך אין אינהאלט און איז שטארק ראמאנטיש מיט איר שילדערונג פון ליבע, ליידענשאפט און זינדיגע לוסט.

(פראגעס און דערמאנונגען: — פארגלייכט די טעכניק פון „אז מען זאגט משוגע — גלויב" מיט'ן געבוי פון „צווישען צוויי בערג". — פארגלייכט „פיר דורות — פיר צוואות" מיט יוחנן מלמד'ס „וואס אמאל וויינגער". — פרואווט צוזאמענשטעלען א קאנספעקט פון חסידיזם לויט „צווישען צוויי בערג" און „משנת חסידים". — וואס איז דער טאן, די באציאונג פון שרייבער אין „ער זכרונו לברכה און זיינע מקורבים"? — צו וואס פאר א ליטערארישער שולע וועט איר צושרייבען דעם איין־אקטער „נאך קבורה"? — ווי וועט איר באצייכענען „א קברות־נאכט"?)

פאָלגענדע ביכער קענען באַשטעלט ווערען ביים בילדונגס קאָמיטעט פון פאַרבאַנד :

יצחק אייזיק הורוויץ

אויסגעוויילטע שריפטען, 4 בענדער, אויסגאַבע
דע לוקס — — — — — — — — — — — 5.00

דר. חיים זשיטלאָווסקי

געקליבענע שריפטען (פאַרבאַנד אויסגאַבע).
מיט'ן בילד פון אויטאָר — — — — — — — 1.00

דוד פינסקי

נייע ערציילונגען, ערשטער באַנד — — — — 1.00

י. ענטין

די ציילען פון דער נייער אידישער ליטעראַטור,
ניין לעקציעס. געבונדען (פאַרבאַנד אויסגאַבע) 1.00

י. ענטין

וואָס איז ליטעראַטור? בראָשורט (פאַרבאַנד
אויסגאַבע) — — — — — — — — — — .25

דר. נ. סירקין

נאַציאָנאַלע פרייהייט און אינטערנאַציאָנאַלע
איינהייט, בראָשורט (פאַרבאַנד אויסגאַבע) — .25

דר. נ. סירקין

דער איד. קאָנגרעס (פאַרבאַנד אויסגאַבע) — .10

ה. רויזענבלאַט

אונטער גאָט'ס הימלען — — — — — — — — 1.00

דר. בן-ציון ליבער

די אויפגאַבען פון אידישען פראָלעטאַריאַט,
(פאַרבאַנד אויסגאַבע) — — — — — — — — .05

דר. בן-ציון ליבער

די אידישע סאָציאַליסטען און ארץ־ישראל
בראָשורט (פאַרבאַנד אויסגאַבע) — — — — .01

חיים שווים

אידישע געשיכטע (ערשטע 10 לעקציעס). בראָ־
שורט (פאַרבאַנד אויסגאַבע) — — — — — — .75

קינדער זשורנאַל

מאָנאַטליכער זשורנאַל, ארויסגעגעבען פון אי־
דיש־נאַציאָנאַלען ארבייטער פאַרבאַנד און שלום
עליכם פאָלקס־שולען. אבאָנענטען פרייז — 2.00

אָרגאַניזאַציעס וועלכע באַשטעלען ווייניגסטענס 5 ביכער מיט אַמאָל קריגען 20 פראָצענט ראַבאַט.

זיך ווענדען צו :

JEWISH NATIONAL WORKERS' ALLIANCE

228 East Broadway, New York